STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01151

DRAY BRIDER ZAYNEN MIR GEVEN

Shlomo Bickel

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. & Mrs. William Parker
in memory of
their precious daughter Betsy Jean Parker*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דריי ברידער זיינען מיר געווען

דרײַ ברידער
זײַנען מיר געווען

פון

שלמה ביקל

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

DREI BRIDER ZEINEN MIR GEVEN

WE WERE THREE BROTHERS

By

SHLOMO BICKEL

Copyright, 1956
by
SHLOMO BICKEL
New York, N. Y.

שער בלאַט און אַנדערע צייכענונגען
אַרטור קאָלניק

Published by
FARLAG MATONES
22 East 17th Street
New York 3, N. Y.

266

Printed in U.S.A., by
Aber Press, Inc., New York, N. Y.

יעטאַין

אינהאַלט

✦

יידן אין דאָרף

ס'דאָרף 13

אַוורום, דער שענקער 16

א. דער שענסטער עדות

ב. די מיסטישע שליחות

ג. מענדל קומט צוריק

ד. אַ ניצוץ פון הללן

לייזער בער חסיד 28

א. שניט־צייט

ב. דער אַלטער וועלוול

ג. אַ חסיד מיט טאָפּלטער רבישאַפט

ד. שלוש־סעודות אין דער דאָרף קלויז

ה. נאָך דער מלחמה

מנשה האַבסבורגער און נתן האַבסבורג 41

א. דער יחוס

ב. די אייניקלעך

ג. מנשהס נביאות וועגן עסטרייך

ד. אויף דער וועראַנדע ביי נתן „האַבסבורג״

ה. דער לעצטער 18־טער אויגוסט

כאַסקל משיח 51

לייבאָ גוי 66

א. זומער־שבתים

ב. אַ יידישע בושה

ג. מעכל מילנער זאָגט קינות

די באָסנישע מעשה 75

מיט משפחה

טשערנאָוויץ ... 89

דריי ברידער זיינען מיר געווען ... 90

צווישן רמב"ם און שד"ל אין טשערנאָוויץ ... 121

אַן אַלטער משפחה־חוב ... 142

פון מילניצע ביז יבנה ... 148

צווי באַגעגענישן ... 155

מיט אַנדערע

די באַלאַדע פון מיין חבר שמאי ... 167

הוגאָ גראָציוס און דער ווישניצער רבי ... 179

א. נאַטור־רעכט און חסידות

ב. די מצווה פון דער טיפעניש

ג. דער מקור פון רחמנות

ד. דער טרויעריקסטער ווישניצער ניגון

„אתה הראת" אין מאַריופּאָל ... 194

אַלץ שטייט אין דער תורה ... 201

דער רומענישער בערנע ... 207

איינער פון דריי ... 218

דער קבר פונעם אומבאַקאַנטן ייד ... 229

פּאַרטייטשונגען פון לאָקאַליזמען ... 235

„דריי ברידער זיינען מיר געווען"

הייסט דאָס בוך דערפאַר, ווייל דער נאָמען פון דער ערשטער עסיי אין דער אָפּטיילונג „מיט משפחה" דעקט, ווי מיר דאַכט, אי די אויטאָביאָגראַפישע אַטמאָספער און אי די שטימונג פון אַ „שטאָט מיט יידן", וואָס איך האָב דאָ געוואָלט ממשיך זיין.

אין אַ געוויסן זין איז דאָס איצטיקע בוך נישט עפּעס אַנדערש ווי דער צווייטער באַנד פון מיין „אַ שטאָט מיט יידן".

צען חדשים אין יאָר פאַרברענגען די ברידער — יעדער אין זיין „שטאָט מיט יידן", און יעדער צווישן דעם יונגן גע־זעמל פון יידישע גימנאַזיסטן מיט פלאַמיקע חלומות פון נאַציאָנאַלן אויפלעב.

אין די זומער־חדשים פאָרן זיך די ברידער צונויף אויף וואַקאַציע צו טאַטע־מאַמע.

און דאָרט, אין דעם צפון־בוקאָווינער דאָרף — דיזעלביקע, אָבער אין אַזויפיל נשמה־קנייטשן אַן אַנדער עדה, אַן עדה „יידן אין דאָרף".

און דאָרט — דערזעלביקער חלום פון נאַציאָנאַלן אויפ־לעב און דערזעלביקער טרוים פון אייגן־גייסטיקן אויפשטייג. אָבער דווקא דאָרט, אין דעם וואַרעמען משפחה־נעסט, נעמען זאַווערוכען די אידייאישע שקלאַ וטריה׳ס אַרום די טרוימען.

פון די זומער־חדשים אין דאָרף צעלויפן זיך די „דריי ברידער", אײַידער צו דער דערפאַרונג פון זיין לעבנס־מעשהלע, אײַידער צו די שטורעמס און זאַווערוכעס אויף דער וואָר פון זיין לעבן.

די עסייען און דערמאָנונגען פון „מיט אַנדערע" ווילן זיין אַן אָנוואונק אויף די אַלע מאָדנע יידיש־גייסטיקע און יידיש־מאָראַלישע קלימאַטן, וואָס מיט זיי איז זיך איינעם פון די „דריי ברידער" אויסגעקומען צונויפצושטויסן.

און אפשר וועט דער לייענער אין די דאָזיקע אויטאָ־ביאָגראַפישע דערציילונגען און עסייען אויך אויסגעפינען, אַז דער שרייבער האָט זיך נישט לייכט אונטערגעגעבן, אַז ער איז געווען אויב נישט אַלעמאָל דרייסט, איז אויסטענה'עריש, און אַז דער יסוד פון זיין טענה איז געווען און געבליבן דער ניגון פון „אַ שטאָט מיט יידן".

שלמה ביקל

יידן אין דאָרף

ס׳דאָרף

נישט אײַן, נאָר צווײ דערפֿער אין צפֿון־בוקאָווינע זײַנען עס געווען. זאַטעוויץ און באַרנעוו האָבן זיך געטוליעט אײנס צו ס׳אַנדערע אַבאָרע צו אַבאָרע און אינאײנעם זײַנען זײ געווען ווי אײַנגעקלעמט פֿון בײדע זײַטן פֿון דער גאַליצישער גרענעץ. פֿון זאַטעוויץ — אַ לויף איבער דער טאָלאָקע, אַ פֿאַרסאַפּעטער באַרג־אַרויף און באַרג־אַריבער די „סטאַינישטשע״ און מען איז אויפֿן קײסער־שטראָז, געצײלטע פּופּצן מינוט פֿונעם דניעסטער, וואָס טײלט אָפּ מיט זײַנע וואַסערן קירהס אַמאָליק פּירשטנטום בוקאָווינע פֿון דעמזעלביקן קירהס אַמאָליקן קיניג־טום גאַליציע און לאָדאָמעריע. פֿון באַרנעוו ווידער — אַ האַלבע שעה זיך געשלענגלט איבער שטויביקע פֿעלדוועגן און מען איז אָנגעקומען צו דער טרוקענער גרענעץ.

אַרײַנגעפֿאָרן אין גאַליצישן דאָרף סעראַפּינעץ האָט מען שוין דערזען אַז די וועלט איז אַביסל אַנדערש, עפּעס אַביסל אויסלענדיש. עס איז אויס מיט דער פּראַוואָסלאַווער צערקווע מיט די קופּאָלן און עס איז צוריק דאָ דעם פּויפּסטס אַ קלויסטער מיט טורעמלעך און מיט שלאַנקע נישט געבראָכענע צלמים. די פּויערטעס וואָס גײען אין קלויסטער פּוצן זיך שוין נישט אין הויכע רויטע פּעזקעס אַרומגעבונדן מיט ווײַסע האַנטעכער מעשה טורבאַן (אַ זכר פֿון יענע צײַטן ווען עס האָט דאָ געהערשט דער טערק) נאָר טראָגן באַלעבאַטישע שוואַרצע און קאָלירטע טיכלעך. פֿון די פּויערישע קעפּ ווידער זײַנען פֿאַרשוואונדן די רחבותדיקע שטרויענע קאַפּעליושן מיט ברײטע ברעגעס. גאַליצישע פּויערים זשאַלעווען שטרוי ביים פֿלעכטן און זײערע קאָפּ־צודעקלעך קומען אַרויס הויכע און שמאָלע און ווי מיט באַצופּטע ראַנדן. אין די בוקאָווינער דערפֿער האָט מען פֿון די גאַליצישע ווערעכעס געלאַכט, זײ געהאַלטן פֿאַר אַ סימן קבצנות.

און די יידן? די יידן פון זאַטעוויץ און פון סעראַפּינעץ האָבן איין און דעמזעלביקן בוסח קלויז. טראָגן איין און דאָסזעלביקע שטריימל אום שבת, אָבער אויך צווישן זיי איז ערגעצוואו פאַראַן אַ פּסיכישע גרענעץ. די יידן אין די בוקאָווינער דערפער זיינען טאַקע מייסטנס ערשט נעכטן אָדער אייערנעכטן געקומען אַהער פון גאַליציע, אָבער היינט און דאָ פילן זיי זיך מיט אויסגעגלייכטע רוקנס, עפּעס מער אינדערהיים. דאָ זיינען די רעגירעס נישט די פּאָליאַקן, נאָר קירה אַליין. און יידן האָבן אַ שטיקל דעה אין טשערנאָוויץ. און לייב גוי מיט כאַסקעל משיח פון זאַטעוויץ און חיים פּראָסטיק פון באַרנעוו דאַרפן זיך נישט ברעכן די צונג נישט אין געריכט און נישט אין שטייער־אַמט. זיי רעדן יידיש מיט וואָס מער פּתחן און מען ענטפערט זיי. און דאָ טרעפט אַז דער פּאָסטמייסטער אין דאָרף איז אַ ייד און ס׳קאָן פּאַסירן אַז אויך דער וואַכמייסטער פון די זשאַנדאַרן. אין מיינע צייטן איז דער וואַכמייסטער — דאָס בייזע מלוכהשע אויג וואָס גיט אַכטונג אַז גויים זאָלן נישט גנבענען און יידן זאָלן נישט „האַלטן אָפּן״ אום זונטיק — געווען אַ גאַליצישער אוקראַאינער, וואָס איז טאַקע גערן געווען צו טאָן אַ רשעות. אָבער אַז איבער דער גאַס אין דער פּאָסט־געביידע זיצן יידן אין קירהס מונדירן (ניט נאָר דער פּאָסט־מייסטער, נאָר אויך דער בריוופטרעגער), אַז דער בשותפותער געמיינדע־סעקרעטאַר פון זאַטעוויץ און פון באַרנעוו און פון נאָך עטלעכע שכנותדיקע דערפער איז סאָלאָמאָן פּערלמאַן, וואָס טראָגט אַ צילינדער און האַלט די „פעסט־רעדע״ דעם 18טן אויגוסטביים קייסערס געבורטסטאָג, און אַז אין קרייז־שטעטל גייט דער קרייז־הויפּטמאַן אויף געיעג מיטן יידישן אַפּטייקער שעכט — האַלט עס אַפילו דער רשעותדיקער אוקראַאינישער וואַכמייסטער פאַר גלייכער צו זיין כמעט אַ „יודנפריינד״.

קרוב למלכותדיקע יידן און יידן אויף פּאָסטנס ביי קירהן זיינען אויך אין גאַליציע אַ געוויינלעכע זאַך. אָבער דאָרט מוז מען צוליב דעם, אויף אַן אמת צי פאַרשטעלט, זיין אַ „פּאָליאַק פון משהס גלויבן״. דאָ ווערט מען דאָס אַלץ אין זכות און מיטן כוח פון דער „יידישער נאַציאָנאַל־פּאַרטיי״. מיט אַנדערע ווערטער: עס איז אַקוראַט ווי עס דערציילט דער אַנעקדאָט וועגן חילוק צווישן פּורים און יום־כיפּור.

אין גאַליציע — פּורים: יידן מיט באָרד און פּאות פאַרשטעלן זיך פאַר גויים.

אין בוקאָווינע — יום־כיפּור: גויים, טשערנאָוויצער „קריסטבאַום־יודען״ מאַסקירן זיך פאַר נאַציאָנאַלע יידן.

אָט די יום־כיפּור־דיקייט, אַזוי צו זאָגן, פון דער יידישער פּאָליטיק אין דער קרוינשטאָט טשערנאָוויץ, האָט מאָראַליש אויסגעשטראַלט ביז אין סאַמע קלענסטן ישוב. זי האָט געהויבן ס׳ביסל אייגן חשיבות ביים דאָרפס־ייד און אים פאַרשאַפט פּאָליטישן פּרעסטיזש ביים פויער.

אַוורום, דער שענקער

...אין פוילן איז פון מיין משפחה און אויך פון דער מאַמעס משפחה נישט איבערגעבליבן קיין שריד ופליט. אָבער אויך פון די יידן אין דעם בוקאָווינער דאָרף וואו מיר האָבן געוואוינט קרוב צו דרייסיק יאָר, זיינען פאַרבליבן לעבן בלויז דריי אירע.

(פון מיין טאַטנס אַ בריוו פון טשערנאָוויץ פון 12טן דעצעמבער, 1944).

א. דער שענסטער עדות

דער שענסטער עדות פון יידישן פרעסטיזש און פון פויערס צוטרוי צום דאָרפס־ייד איז פאַר מיר אין מיינע ייִנגל־יאָרן געווען דער שענקער אַוורום פון זאַטעוויץ, אָדער ווי די גויים האָבן אים גערופן — אַבראַמקאָ זאַסטופניק.

צען חדשים אין יאָר לערן איך אין גאַליציע אין „אַ שטאָט מיט יידן" און זומער קום איך אַהיים אויף אַ לענגערער וואַקאַציע צו טאַטע־מאַמע קיין זאַטעוויץ. אַוורום שענקער איז דערפאַר אין מיין זכרון פאַר־בליבן אַ לופטיקע, זומערדיקע געשטאַלט. נישט קיין פעלץ, נישט קיין שטיוול און נישט קיין קוטשמע. עפעס בכלל נישט קיין ישובניק, נאָר אַן אויסגעפוצטער שטאָטישער ייד. אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ פיין צע־קעמטע גראָלעכע באָרד, אַ קיילעכיקער טוכענער קאַפעליוש אָן אַ סימן פון אָפּגענוצטקייט, פיין געפרעסטע הויזן, וואָס האַלדזן געטריי אַ פּאָר גלאַנ־ציקע צוג־שטיוועלעטן, אַ בלאָ־לוסטרינען זשאַקעטל וואָס איז קיינמאָל נישט צוגעקנעפּלט און ענטפערט פונדעסטוועגן קוים מיט אַ פלאַטער דעם ווינט — אַזוי געדענק איך אַוורום שענקער שוועבן איבער שטוי־ביקע וועגן פון זיין שטוב כמעט ביים סאַמע עק פון דאָרף צו דער

„קאַנצעליי" אויף אַ זיצונג אָדער צו מיין טאַטן אין דער „פּראָפּינאַציע" אויף אַ שמועס.

ביי דער זיצונג פון דער דאָרף־פאַרוואַלטונג באַטייליקן זיך אַחוץ אַוורומען נאָך צוויי יידן. אָבער יענע — ווער האָט זיי אויסגעקליבן? איינער פון זיי, דער פּראָפּינאַטאָר ר' איציע, איז דורכגעגאַנגען אין קלאַס פון די רייכע שטייער־צאָלערס וואו עס זיינען פאַראַן צוואַנציק ווייליערס און מיט עלף שטימען ווערט מען אַ ראַטמאַן; דער צווייטער, דער שענקער ר' אַזיע, איז אויסגעוויילט געוואָרן פון די אַן ערך הונדערט פופציק מיטל־באַשטייערטע פויערים און יידן. אַוורומען אָבער האָט געשיקט אין דער „קאַנצעליי" אַריין ס'גאַנצע דאָרף. אים האָט אויסגעקליבן דער דריטער קלאַס, דער קלאַס פון די קליינע בעלי־בתים און פון די פויערים אָן ערד וואוהין ס'באַלאַנגען דריי פערטל פון דער באַפעלקערונג. און ווען עס האָבן געוויילט די דריי פערטל אָרעמע האָבן מיט זיי מיטגעוויילט צום צווייטן מאָל אויך די איבעריקע פינף און צוואַנציק פּראָצענט רייכע און מיטעלע בעלי־בתים.

אָרעמקייט איז קיין בושה נישט, אָבער צו זיין אַ שליח פון די אָרעמע אין דאָרפס־ראַט איז, ווייזט אויס, געווען אַ באַזונדער כבוד. די רייכסטע און די חשובסטע פויערים האָבן זיך געריסן וועגן אַ מאַנדאַט פון דריטן קלאַס. פון די יידן האָט בלויז אַוורום דערצו זוכה געווען און ער האָט עס צום ווינציקסטן געזוכט. עס איז געווען עפּעס ווי זעלבסט־פאַרשטענדלעך פאַר דער פויערישער אָרעמשאַפט, אַז דער סאַמע אויס־געפּוצטער ייד אין דאָרף, וואָס איז אויך איינער פון די סאַמע אָרעמסטע יידן אין דאָרף, זאָל זיין איר פאַרטרעטער אין דער פאַרוואַלטונג. און פונקט אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך איז עס געווען פאַר דער פאַרוואַלטונג, אַז איינער פון די דריי שאַצליים, וואָס לויט זייער גבית עדות גלייבט מען אויס סכסוכים און מע פאַרגיטיקט שאָדנס, דאַרף זיין אַוורום. און עטלעכע יאָר פאַרן מבול פון 1914 האָבן אָקאָרשט אויסגעקליבענע נייע ראַטמענער אָפּגעהאַלטן זייער ערשטע זיצונג אין דער קאַנצעלאַריע און אויסגעקליבן אַוורומען פאַר שטעל־פאַרטרעטער פונעם בירגערמייסטער.

איך געדענק ווי דער געמיינדע־סעקרעטאַר סאַלאָמאָן פערלמאַן, וואָס פלעגט אַחוץ פון פּרנסה בהרחבה פון ווייניק וואָס נתפּעל ווערן, האָט נישט געקאָנט באַהאַלטן זיין יידישע שטאָלצקייט מיט דעם כבוד, וואָס די פויערישע ראַטמענער האָבן צוגעטיילט אַוורומען. פערלמאַן האָט זיך

באַרימט און נישט אויפגעהערט צו באַרימען דערמיט ווי אַזוי די פּויערים האָבן נישט געוואַרט אַז עמעצער זאָל דערמאָנען אַוורומס נאָמען, נאָר זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און מיט צען מיילער מיטאַמאָל אַרויסגעזאָגט: „אַבראַמקאָ זאָל זיין זאַסטופּניק" און גענומען פּליעסקען מיט די הענט מעשה אָוואַציע. אויפן רעגירונגס־קאָמיסאַר וואָס האָט פאַרטרעטן דעם קרייז־האַופּטמאַן ביי דער וואַל־צערעמאָניע האָט די דאָזיקע ספּאָנטאַנישע און באַגייסטערטע איינשטימיקייט פון די פּויערים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. פון דער וואַרעמקייט — האָט פּערלמאַן דערציילט — מיט וועלכער דער קאָמיסאַר האָט אַוורומען באַגריסט און אים געדריקט די האַנט, האָט מיט טויזנט אויגן אַרויסגעקוקט זיין דרך־ארץ צו אים. און אַלעמאָל — האָט פּערלמאַן אונטערגעשטראָכן דעם קאָמיסאַרס רעספּעקט און חידוש — ווען איך קום אין קרייז־שטאָט און האָב צו טאָן ביי שמידלען אויף טיר 5, די צווייטע פונעם קרייז־האַופּטמאַנס, פאַרגעסט ער מיך ניט צו דערמאָנען אין יענעם וואַל־אַקט און מיר צו פאַרזיכערן אַז אים איז נישט באַקאַנט קיין צווייטער פאַל ווען אַ ייד זאָל באַקומען אַזאַ אַמט אין דאָרף און דערצו נאָך אויף אַזאַ בכבודן אופן.

און נישט נאָר רעגירונגס־קאָמיסאַר שמידל האָט געהאַט דרך־ארץ, נאָר, ווי געזאָגט, אפשר צום ערשטן מאָל, אויך ער אַליין, דער געמיינדע־סעקרעטאַר סאָלאָמאָן פּערלמאַן. דער ערשטער סימן איז געווען וואָס ער האָט אַביסל באַכגעלאָזט די לייצעס פון זיין הויך־ליטעראַרישן לשון און פון זיין פּערפעקטער דייטשער אויסשפּראַך. געוויינטלעך פלעגט פּערלמאַן רעדן ווי געדרוקט אין נוסח פון דער דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן אין קלויז יאָר איין יאָר אויס צום קייסערס געבוירנטאָג, און געוויינטלעך פלעגט ער מאַכן מאָדנע העויות און מענאַריעס מיטן מויל כדי אַרויסצוזאָגן דעם שווערן דייטשישן ניקוד פּינקטלעך און מיטן קנאַק על פי דקדוק. וויבאַלד אָבער ער האָט גענומען דערציילן וועגן אַוורומען און דער־עיקרשט וועגן „יענעם טאָג", וואָס אַפילו רעגירונגס־קאָמיסאַר שמידל קאָן אים נישט פאַרגעסן, איז פּערלמאַנס לשון געוואָרן פּלוצעם אויס געקראָכמאַלעט „דויטש" און איז איבערגעגאַנגען אַלץ מער אין אַ היימישן יידיש־געמיטלעכן „דאַטש".

און ווער עס האָט געקאָנט פּערלמאַנען און געוואוסט אַז ער האָט בטבע ליב צו רעדן ניט וועגן אַנדערע, נאָר בלויז וועגן זיך און וועגן זיינע זין, וואָס האָבן ביי אים געהייסן „די בריגאַדע גימנאַזיסטן", דער

האָט געהאַט אַ צווייטן און בפירושן באַווייז פאַרן געמיינדע-סעקרעטאַרס דרך־ארצדיקער צערודערונג אין ענין „אַוורום“. פערלמאַן איז נישט מיד געוואָרן צו לאָזן זיך דערציילן מעשיות וועגן אַוורומען און וועגן זיין משפחה און האָט נישט אויפגעהערט צו חקירהן און צו וועלן דערגיין מיט וואָס אַוורום האָט דאָס אויסגענומען ביי די פויערים און אויך היפשלעך ביי די יידן אין יעדע דערפער.

ס'איז זיך טאַקע געווען וואָס צו חידושן. פאַרוואָס איז אַוורום אַ שישי־ייד אין דער נייער קלויז? אַז לערנען ניט, רייכקייט אויך נישט, און זכות אָבות — מיט וואָס האָט דען דער אַלטער נח מרדכי געקאָנט דערלאַנגען דעם זון זכות אָבות? איך האָב דעם אַלטן צעשויבערטן ייד וואָס איז געווען בלינד אויף אַן אויג נאָך פאַרכאַפּט. ער איז געווען אַ פרומער אָבער זייער פּראָסטער דאָרפס־ייד.

ב. די מיסטישע שליחות

דער גוואַלדאָוונער רעספּעקט פון קליין און גרויס צו אַוורומען האָט געקוואָלן פון זיינס אַן אייגענעם אויסטערלישן קוואַל פון פּערזענלעכער חשיבות. אַוורום האָט פאַרמאָגט עפּעס אַן אומגעווייטלעכע גאָב פון מענטשלעכער ווערדע אונטער וועלכער אַלע — פויערים און יידן, פּרעמדע און בני־בית — אַן אויסנאַם, זיינען אַרונטערגעפאַלן.

יידן האָבן אַוורומען, וואָס האָט געהאַט פּרנסה בדוחק און געקאָנט קוים אַ פּרשה חומש, אַוועקגעזעצט אין מזרח; פויערים האָבן דעם יידישן שענקער וועלכן זיי האָבן געקענט פון קינדערווייז, אים געזאָגט „דו“ און געוואוסט וועגן אים, אַז ער איז באַגלייך מיט זיי אַ קליינער מאַדים אויף שרייבן און לייענען, דוקא געוואָלט פאַר זייער פאַרשטייער און ריכטער; און די אייגענע בני־בית האָבן אַוורומען אויך אַנדערש אָפּגעגעבן כבוד ווי געווייטלעך אין יידיש־דאָרפישע משפחות. עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן אַז ביי זיך אינדערהיים האָט אַוורום רעגירט ווי אַן אמתער פּאַטריאַרך.

שייך צו זאָגן: רעגירט, אַז מע האָט די סימנים פון רעגירן נישט אָנגעזען. אָבער אפשר באַשטייט טאַקע דער תמצית פון גאָטס גאָב, פון טאַלאַנט, אין דעם וואָס ער שאַפט און באַווירקט אַן אויסנווייניקסטע

שפּורן פון מי. די ווייסע פּעדעם, פון דער שעפּערישער אַרבעט בלייבן פֿאַרבאָרגן און די וועלט זעט נאָר דעם חידוש, דעם וואונדער פון „יש מאין". ביי אַוורומען האָט מען נישט געקאָנט אויפּכאַפּן מיטן אויג קיין איינעם פון די „ווייסע פּעדעם", וואָס זיינען געוויינטלעך אַזוי בולט ביי פּאָליטיקער, איך מיין ביי מענטשן וואָס ווילן צוציען צו זיך דעם עולם כדי איבער אים צו הערשן. ער איז נישט געווען קיין „דעמאָקראַט". ער האָט זיך נישט געחנפעט צו די פּויערים, נישט געהאַלטן פּאַר זיי קיין וואַל־רעדעס און אַפילו נישט גערעדט צו זיי קיין איבעריק פריינטלעכע ווער־טער. און ער איז אויך נישט געווען פון די תקיפים וואָס מישן זיך אומגעבעטענערהייט אין קהלשע געשעפטן, גיבן עצות אויף אַ קול און זאָגן דעות מיט אַן עקשנות און מיט אַ זיכערקייט, וואָס צווינגט די בטבע שוואַכע מענטשן זיי אָנצונעמען.

מיר דאַכט, אַז מיר איז היינט לייכט צו ענטפערן אויף דער חקירה: „מיט וואָס האָט אַוורום אויסגענומען?", וואָס האָט מיט דרייסיק יאָר צוריק אַזוי באַשעפטיקט דעם געמיינדע־סעקרעטאַר סאָלאָמאָן פּערלמאַן. פּויערים און אויך יידן זיינען געווען להוט נאָך אַוורומס עצה און נאָך אַוורומס דעה, ווייל פון די ענטפערס, וואָס דער ייד האָט געגעבן, האָט צו זיי געווייעט מיט עפּעס אַ העכערער אָפּגעקלערטער לעבנס־קלוגשאַפט און עס האָט פון דאָרט פאַר זיי אַרויסגערעדט די אָנטפּלעקטע אַבסאָלוטע גערעכטיקייט. מיט אַנדערע ווערטער: אין אַוורומס רייד איז געווען עפּעס אַזוינס וואָס האָט אָנגעשטעקט מיט גלויבן אין זייער אום־אינטערעס אין זייער אומפּניה׳דיקייט.

אָט שטייען צוויי פּויערים־שכנים ביי אַ לאָדעניש אין דער „קאַנ־צעליי": דעמס קו האָט געמאַכט שאָדן אין יענעמס גאָרטן: תבואה צעטרעטן און קוקורוזעס צעבראָכן. מע פּרוּווט מאַכן שלום צווישן זיי. עס ווערט דערמאָנט אַ סומע געלט פון פאַרגיטיקונג. עס בליצן אויגן מיט כעס — ווייל זי איז צו קליין. מען פאַרגרעסערט זי — עס צינדן זיך אויגן מיט רציחה — ווייל זי איז צו גרויס. אַוורום מישט זיך אַריין. ער גיט, ווי זיין שטייגער איז, אַ טיפן זיפץ איידער ער הויבט אָן רעדן. שוין דער זיפץ אַליין לעשט אויס די ברענענדיקע שוועבעלעך מיט איין בלאָז און מאַכט קילער די געמיטער. און דערנאָך גיט ער קורץ און זייער זאַכלעך צו פאַרשטיין דעם געליטענעם אַז דער שאָדן איז אַ סך קלענער ווי ס׳קאָן זיך אויסדאַכטן און אַז דערפאַר קאָן די פאַרגיטיקונגס־

סומע נישט זיין גרעסער ווי אַזויפיל און אַזויפיל, וואָרום אַנדערש וואָלט עס געווען אַן עוולה צו יענעם און אַ נדבה פאַר אים. די ווערטער האָבן געווירקט ווי כישוף. דער געליטענער איז איבערצייגט אַז אַוורום איז אויסן צו שאַנעווען זיין בעל־הבתישן כבוד און וויל אים פאַרהיטן פון דעם אומכבוד פון קצבה, און דער שאַדנמאַכער איז אַזוי גערירט פון דעם יידס גערעכטיקייט, אַז ער וואָלט אַפילו גערן געווען צו צאָלן מער ווען אַוורום דערלאָזט.

אַוורומס טרוקענע זאַכלעכקייט פון עטלעכע פּראָסטע זאַצן האָט אויף דעם פּויערשן און אויך אויף דעם יידישן געמיט פון זיינע צו־הערער געווירקט נישט בלויז ווי אַ חשבון, וואָס מאַכט קלאָר און איבער־צייגט, נאָר דערעיקרשט ווי אַ קלוגער און פרומער משל, וואָס העלט אויף, וואַרעמט אָן און — באַרואיקט.

אָט דער פּונק, וואָלט איך געזאָגט, פון מיסטישער שליחות, פון אַפּאָסטאָלישקייט, וואָס האָט געטליעט אין אַוורומס רייד צו מענטשן, אין זיינע מיינונגען און אין זיינע עצות, האָט געצויגן צו אים מיט עפּעס אַ באַזונדערן כוח פרעמדע און אייגענע און — האָט געצוואונגען צו אומקער די וואָס האָבן זיך פון אים אָפּגעווענדט.

ג. מענדל קומט צוריק

דער טראַגישסטער פאַל פון אַן „אומקערער״ איז זיכער געווען אַוורומס אייגענער זון מענדל. פון אַוורומס פיר זין, וואָס אַלע האָבן זיי געהאַט שלאַנקע און בויגעוודיקע קערפּערס מיט שיינע און איידעלע פּנימער און אַלע זיינען געווען אומגעלערנטע, אָבער פון נאַטור זייער באַגאַבטע מענטשן, איז דער שענסטער און באַגאַבסטער געווען מענדל. ער איז געווען עלעגאַנט און אויסגעפּוצט ווי דער פאָטער, האָט געשפּילט פידל, האָט וואונדערלעך געזונגען און געהאַט אַ פּאָר גילדענע הענט צו אַרבעט, צו כל׳ערליי אַרבעט. אַחוץ דעם האָט מענדל ממש געשוימט מיט פריילעכקייט, מיט גוט־אויפגעלייגטקייט. ער האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט מענטשן און אַלע — פּויערים און יידן — האָבן זיך געריסן נאָך זיין געזעלשאַפט.

אַוורומס שטוב איז געווען איינע פון די פרומסטע, אַריב ניט די

פרימסטע אין דאָרף. דער עול פון יידישקייט, דערעיקרשט דער יאָך פון די איינגעשטעלטע שעהן אויף אָפּצוהיטן די יידישקייט, האָט שווער גע־הויערט אויף אוּרומס בני־בית. נישט וואָס אוּרום האָט עמעצן פון די זין אָרייַנגעטריבן אין דעם עול מיט קלעפּ, מיט רוגזה אָדער מיט מוסר. ער האָט זיך אין אַזעלכע מיטלען נישט געניויטיקט. ס'איז גענוג געווען אַז ער האָט שטיל אַ פרעג געטאָן: צי מען האָט שוין געדאַווענט מנחה, צי מען האָט שוין געלערנט פּרק אָדער צי מען האָט שוין געזאָגט „ברכו נפשי" און אַלץ איז געגאַנגען אין שפּאַן ווי אין ערגעץ ניט אין קיין שום אַנדער הויז אין דאָרף. אַז די ייִנגערע זין, מענדל און מיין חבר שמואל, טראָגן ניט מיט באַזונדערער הנאה דאָס פּעקל מצוות אויף די פּלייצעס — דאָס האָט מען באַשיימפּערלעך געזען, אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיי דערפון באַגלייך מיטן פאָטער גאָרנישט געמינערט. אַז עס איז אָבער געקומען די צייט פון שידוכים און עס האָט פאַרשמעקט מיט אַ שייטל פאַרן ווייב און מיט אַ זשופּיצע און שטריימל פאַר זיך האָט דער אומרו אין די פריילעכע בחורים גענומען וואַקסן ביז — ביז מענדל האָט זיך אין איינעם אַ טאָג צעבונטעוועט.

מענדל איז פּלוצעם פאַרשוואונדן געוואָרן און ס'האָט געדויערט היפּשע עטלעכע וואָכן ביז ער האָט צו וויסן געטאָן אַז ער געפינט זיך העט ווייט אין דייטשלאַנד אין דער גרויסער שטאָט לייפּציק און אַרבעט דאָרט אין אַן אָפּצאָל־געשעפט פאַר מעבל און בילדער. איז אוּרום געווען צערודערט פון מענדלס „ויברח" און אין כעס אויף אים? מן־הסתם יאָ, אָבער דער־קענט האָט מען אויף אים גאָרנישט און געהערט וועגן דעם האָט ער אויך מיט קיינעם נישט. ס'האָט זעלטן ווען אַ פּויער אָדער אַ ייד געהאַט דעם קוראַזש אים אַ פרעג צו טאָן וועגן מענדלען. און אַז ס'האָט זיך יאָ געטראָפן אַ פרעגער האָט אוּרום מיט זיין געוויינטלעכער געלאַסנקייט און חשיבות קודם אַ זיפץ געטאָן, און דערנאָך געענטפערט אַז „גאָט צו דאַנקען, עס קומען אָן פון אים אָפטע און גוטע נייעס". אוּרומס ענטפער איז געווען זייער אַ העפלעכער און אַפילו זייער אַ פריינטלעכער אָבער עפּעס איז אין אים געלעגן, ווייזט אויס, אַזאַ דעפיניטיווקייט, אַזאַ אייך־פאַר־אַלע־מאָליקייט, אַז ווער עס האָט איינמאָל געפרעגט האָט קיין צווייט מאָל נישט איבערגעפרעגט.

און נישט נאָר מיט פרעמדע, נאָר אויך מיט די אייגענע בני־בית האָט אוּרום וועגן אַנטלאָפענעם נישט גערעדט. אָבער צו די בריוו וואָס

מען האָט אַוועקגעשיקט צו מענדלען האָט ער פונדעסטוועגן קיינמאָל ניט פאַרפעלט צוצושרייבן. און די צושריפט — גלייך גאָר נישט איז געשען. זי איז כמעט תמיד דיזעלבע: „צי פאַלט דיר די אַרבעט ניט שווער? גיב אַכטונג אויפן געזונט" און „הערצלעכע גריססע אונד קיססע, אביך אברהם". און אַוורומס צוויי געוויינטלעכע שורות האָבן זיך ניט געביטן אויך דעמאָלט ווען עס איז אָנגעקומען אַ בילד פון מענדלען און ער האָט פאַר זיך דערזען זיין זון — אַ גילוח אין אַ ברוינעם דאַרן קאַפּעליוש ווי ס׳טראָגט אים דער זאַסטאַוונער געאָמעטער אום זונטיק. אַוורומס צערודערונג האָט דעמאָלט געמוזט זיין זייער גרויס, וואָרום ער האָט זיך אין יענע טעג אַפילו אַ קלאָג געטאָן פאַר מיין טאַטן און אים געזאָגט אַז „גראָד אויף מענדלען האָט ער זיך אַזוינס נישט גערעכט, ווייל ער איז דאָך אַ בר־שכל".

דער „בר־שכל" ווידער פון זיין זייט האָט זיך אָבער, ווייזט אויס, ניט גערעכט אַז דער פאָטער זאָל אַפילו אין אָנגעזיכט פון דעם זונס געגאָלטן פּנים און דאַרן קאַפּעליוש קאָנען בלייבן ביי דיזעלבע „הערצלעכע גריססע" און — ער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו שרייבן צו טאַטע־מאַמע. קיינער האָט ניט געגלויבט אַז מענדל לעבט נאָך. די בריוו זיינען צוריקגעקומען מיט דער צושריפט פון דער לייפּציקער פּאָסט אַז דער „אַדרעסאַט איז אַוועקגעפאָרן".

עס זיינען פאַרביי פולע פינף יאָר. אין אַ זומערדיקן ערב־שבת האָט זיך מענדל פּלוצים געיאַוועט אין זאַטעוויץ אָנגעטאָן פונקט אַזוי ווי אויף דער צוגעשיקטער פאָטאָגראַפיע. די נייעס פון מענדלס אַהיימקומען האָט געבראַכט אין דאָרף אַן אויפרודערונג, וואָס האָט געקאָנט פאַרגליכן ווערן בלויז מיט דער אויפטרייסלעניש וואָס עס האָט אַרויסגערופן אַ יאָר שפּעטער די אַלגעמיינע מאָביליזאַציע און דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די אַכט צענדליק יידישע משפחות פון זאַטעוויץ און באַרנעוו און די ווייטערע עטלעכע מנינים יידן פון די אַרומיקע דערפער האָבן ממש נישט געקאָנט אָפּאָטעמען פאַר נייגעריקייט און פאַר — בענקשאַפט נאָך דראַמע, וואָס זיצט, מן־הסתם, נישט ווייניקער טיף אין מענטשלעכן געמיט ווי די נייגעריקייט. מען האָט זיך געשושקעט און מען האָט ניט אויפ־געהערט צו חקירהן: איז ער צוריקגעקומען אויף תמיד? האָט ער

געבראַכט געלט? וואָס וועט אַוורום זאָגן צו דער געגאָלטער באָרד און צום דאָרן קאַפּעליוש?

אַוורום האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, גאָר נישט געזאָגט. ער האָט נישט געדאַרפט זאָגן, וואָרום ער איז שוין סיווי געווען דער זיגער. דער דראַמאַטישער גראַנגל איז שוין געווען פאַרענדיקט. דער זון האָט געקעמפט מיט אַנטלויפעניש און מיט פינף יאָר שוויגן. דעם פאָטערס כלי־זין זיינען געווען צוויי שורות מיט „הערצלעכע גריססע" צוגעשריבן צו אַ צוויי צענדליק בריוו אין משך פון איין יאָר און — מנצח געווען האָט דער פאָטער. מענדל האָט זיך אומגעקערט מיט געלט אין קעשענע און מיט חרטה אין האַרצן און זיך אונטערגעוואָרפן צו אַוורומס זעלישער חשיבות און מאָראַלישער זיכערקייט.

יעדער דראַמאַטישער איבערשמועס איז, ווי געזאָגט, געווען איבעריק. אַוורום האָט דעם זון נישט איבערגעפרעגט „ווער, וואָס, ווען און פאַרוואָס?" ער האָט אים מיט עטלעכע טעג שפּעטער בלויז דערמאָנט אַז ער דאַרף זיך פאַרן קויפן אַ נייעם קאַפּעליוש, און אים בנעימותדיק צו וויסן געטאָן אַז ער האָט פאַר אים אַ גוטן שידוך מיט אַ פרומען און מיוחסדיקן מיידל פון זאַלישטשיק. און שבת בראשית האָבן אַלע ערשט רעכט דערזען אַוורומס נצחון אין זיין פולן גלאַנץ. אין דער עזרת נשים — אַ שנור מיט אַ שייטל. און אין קלויז — מענדל אין זשופּיצע און שטריימל און ער דאַוונט פאַרן עמוד און נאָך קריאת התורה זינגט ער מיט זיין ברודער שמואל „יה אלי" פרום און זיס און שיין. ס'איז קיינמאָל קיין קריג נישט געווען צווישן טאַטע און זון. ס'איז געווען טיפער פרידן. עס האָט ווי פריער און ווי אַלעמאָל איבערן גאַנצן דאָרף מיט פויערים און יידן געשוועבט די ווערדע און די רואיקייט פונעם אָרעמען שענקער אַוורום.

ד. אַ ניצוץ פון הלל

צו דער גאַנצקייט פון אַוורום שענקערס פאָרטרעט געהערט אויך די געשיכטע פון זיין קראַנקייט און פון זיין טויט. אַן ערך אַ יאָר נאָכדעם ווי די גרויסע מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט האָט זיך אַוורום צוריקגעצויגן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דאָרף. וואָכנלאַנג, חדשים־לאַנג איז ער געווען זיכער אַז מענדל, וואָס איז אַוועק אויפן פראַנט,

וועט היינט מאַרגן אַהיימקומען. דערנאָך האָט די האָפענונג אין אים גענומען וויאַנען. אַוורום האָט זיך, ווי זיין שטייגער, פאַר קיינעם ניט געקלאָגט, אָבער מען האָט עס דערקענט אין זיין פּנים און אין זיינע אויגן. די מראה פון די באַקן און פון דער באָרד איז געוואָרן אַלץ בלייכער און פון די אויגן האָט זיך אָפּגעטאָן די זומערדיקייט. זיי האָבן אַלץ מער און מער אויסגעזען ווי ווינטערדיק פאַרהויכטע שייבלעך.

אַוורום איז געבליבן אָן מענדלען און — אָן געזונט. ער האָט גענומען שטאַרק אונטערהוסטן. דער אָטעם איז אים שווער געוואָרן און האָט אים געצוואונגען צו ווערן אַ שטובזיצער.

ווייט איבער זעכציק און מיט אַ שווערן האַרצפעלער האָט זיך אַוורום אָפּגעזאָגט פון זיינע אַמטן אין דאָרף־פאַרוואַלטונג און פון גבאות אין דער נייער קלויז. ער האָט זיך ווי אַ פּרוש אָפּגעשלאָסן אין דער פעדערשטער שטוב פון זיין פויערישער כאַטע און פון אינדערפרי ביז אויפדערנאַכט נישט אויפגעהערט אַריינצוקוקן אין אַ ספר.

אָפּזאָגן זיך פון די גוייש־קהלישע עסקים איז אַוורומען נישט שווער אָנגעקומען. ס׳איז שוין געווען אויס קירה און מיט די וואָלעכן האָט ער זיך סיווּי נישט געקאָנט איינפאַרשטיין. נישט ער האָט פאַרשטאַנען זייער שפּראַך און נישט ער האָט פאַרטראָגן זייער חוצפּה. דער זשאַנדאַר האָט זיך אויסגעשריגן אויף אַ ראַטמאַן און אַפילו אויפן בירגערמייסטער עלעהיי אויף אַ משרת. און דער געמיינדע־סעקרעטאַר, עפּעס אַן אוקראַ־אינער, וואָס איז איבערנאַכט געוואָרן אַ וואָלעך, האָט געשריבן זיינע פּראָטאָקאָלן און זיינע באַריכטן צום זאַסטאַוונער פּרעפעקט אויף רומעניש, און אַוורומען איז ניט ניחא געווען צו לייגן זיין חתימה־רעדעלע אויף פּאַפּירן וואָס ער פאַרשטייט נישט אַקוראַט וואָס דאָרטן ווערט געזאָגט.

וואָס שייך דאָס שיידן זיך מיט דער קלויז האָט אים קהל דאָס פאַרלייכטערט דערמיט, וואָס פרייטיק צו נאַכטס און שבת אינדערפרי האָבן די עטלעכע יידן וואָס האָבן געוואוינט אין די גאַסן אַרום דער „אַלטער פּראָפּינאַציע״ געמאַכט מנין ביי אַוורומען אינדערהיים. געדאַוונט פאַרן עמוד און אויף וויזשניצער נוסח, ווי אַוורום האָט ליב געהאַט, האָט געווײנטלעך זיין איידעם, אַלטער דער רויטער. און סיי דער בעל־תפילה און סיי די מתפללים האָבן אַוורומען אָפּגעגעבן כבוד עלעהיי זייער מורה הוראה. מען האָט נאָר געדאַרפט זען מיט וואָס פאַראַ פאַרכטיקייט די יידן האָבן זיך צוגעהערט ווען אַוורום האָט פאַר זיי פרייטיק־צונאַכטס

נאָכן דאַווענען געמאַכט קידוש אויף זיין שווער־אָטעמדיקן קול און זיך נאָך יעדע עטלעכע ווערטער מיט אַ זיפץ אָפּגערוט, און מען האָט אויך שבת נאָך מוסף געדאַרפט מהדר זיין ווי דיזעלבע יידן טרינקען לחיים מיט אַוורומען, און פאַרעסן די געשמאַקע גריבענע פּאַסאַליעס, וואָס זיין ווייב גיטל האָט פאַר זיי געשטעלט.

דער וואונדער פון אַוורומס לעצטע עטלעכע יאָר לעבן איז אָבער נישט געווען אַזוי דער פּאַרגייסטיקטער כבוד, מיט וועלכן אַ מנין יידן האָבן זיך געשאַרט אַרום זייערסגלייכן אָן אַרעמען דאָרפסייד פון קוים אַ פּרשה חומש, נאָר וואָס אָט דער דאָרפסייד איז אין בלויז הונדערטער טעג פאַר זיין פּטירה טאַקע געוואָרן אַ שטיקל לערנער. אָנגעהויבן אַריינצוקוקן האָט ער אין „צאינה וראינה" און דערנאָך האָט איינגעבוירענע אינטעלי־גענץ און הלל'ש התמדה און עקשנות אים געפירט איבער מוסר־ספר און איבער „עין־יעקב" צו שולחן־ערוך. אַרויסגעהאָלפן דערביי האָט אים דערעיקרשט דער שוחט פון דאָרף ר' יעקב נחום, וואָס פלעגט אַוורומען כאָטש איינמאָל צווייאָל אַ וואָך מבקר חולה זיין און מיט אים איינטייטשן קודם אַ בלעטל מוסר, דערנאָך אַ בלאַט „עין־יעקב", און צולעצט געוואַלדיק הנאה האָבן מיט וואָס פאַראַ חריפות אַוורום בייסט זיך אַריין אין די דינים פון „אורח חיים". איך געדענק ווי דער שוחט ע"ה פלעגט מיט חידוש און מיט פרייד דערציילן וועגן דעם מיין טאַטן און באַדויערן וואָס אַוורום האָט זיך גענומען אַזוי שפּעט צו תורה. אַ שאָד — פלעגט ער זאָגן — אַ שאָד, וואָרום אין אַוורומען איז דאָך בפירוש פאַראַן געווען אַ ניצוץ פון הלל הנשיאס מעלות. מיין טאַטע וואָס האָט בטבע פיינט געהאַט גוזמא, פלעגט פונדעסטוועגן אַפילו נישט אַ שמייכל טאָן, נאָר ערנסט צוגעבן: און נישט נאָר אַ פינקל פון הללס כוח צו לערנען, נאָר קודם כל אַ פונק פון הללס נוח לבריותדיקייט און פון זיין געהויבענער פירשטלעכער און מענטשלעכער חשיבות.

און מיט חשיבות האָבן די יידן אויך אַרומגערינגלט אַוורומס טויט. אַוורום איז געשטאָרבן אין אַ פרייטיק צו־נאַכטס אין שלאָף. שבת אַז די יידן זיינען געקומען צום מנין האָבן זיי דאָס מת איבערגעדעקט און זיך ווי תמיד געשטעלט דאַווענען.ביים טויטן האָט אַלעמאָל אַן אַנדערער ייד געוואַכט און געלערנט משניות און ביים מנין האָט אַוורומס יינגסטער זון שמואל געדאַוונט פאַרן עמוד און געזאָגט דעם ערשטן יתום־קדיש.

ערשט נאָך הבדלה האָט מען אַוורומען אָפּגעהויבן און גיטל מיט

דער טאָכטער און מיט עטלעכע שכנות האָבן געגומען באַווייגען און באַזאָגן דעם טויטן. צווישן די וויינערינס זיינען אויך געווען אַ היפּש ביסל פויערטעס, יום־טובדיק פאַרפּוצטע, און ווי דער שטייגער אין ווייסע האַנ־טעכער פאַרבונדן מעשה טורבאַן איבער די הויכע רויטע פּעזן אויף די קעפּ. זיי האָבן מיטגעוויינט און מיטגעזאָגט אויף זייער לשון און נאָכ־געזאָגט שבחים „אַבראַמקאָ זאַסטופּניק“.

זונטיק אינדערפרי האָבן אַלע יידן פון זאַטעוויץ און באַרנעוו און מיט זיי גאַנצע שערענגעס פויערים אַרויסבאַגלייט אַוורומען צו זיין אייביקער רו אַ מייל די ווייט צום בית־עולם אויפן זוויניעטשקער באַרג, וואָס זיינע מצבות קוקן פון איין זייט אַריבער איבערן דניעסטער צו די שטעט פון גאַליציע און פון דער אַנדערער זייט איבערן קייסער־שטראָז צו די היימישע דערפער אין דער בוקאָווינע.

לייזער בער חסיד

א. שניט־צייט

א מיטזומערדיקער פֿאַרנאַכט. די שטילע היץ, וואָס האָט אַ גאַנצן ליבן טאָג געגליווערט איבער זאַטעוויץ און באַרנעוו, האָט זיך פּלוצעם אַ ריר געטאָן און זיך גענומען שפּילן אין שטויב־וואָרפֿעניש מיט עפּעס אַן אַנגעלאָפֿענעם ווינטל. אויף די וועגענער מיט סנאָפּעס, וואָס האָבן זיך פֿאַרשפּעטיקטע געצויגן פֿון פֿעלד אַהיים אין דאָרף אַריין צו די שייערס, איז מען אומרואיק געוואָרן. דער טרייבער פֿאַרנט האָט זיך טיף אַראָפּגעבויגן, געגעבן אַ הויכן יעכץ צו די פֿערד, זיי געהייסן גיין גיכער; דער דערלאַנגער פֿון הינטן האָט זיך אויפֿגעשטעלט, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפֿן היי־גאָפּל און מיט די אויגן צום הימל געוואָלט דערגיין ווי ס'פֿאַרהאַלטן זיך די וואָלקן צו דעם שטויב־געדרייעניש.

די וועגענער לויפֿן געדיכט נאָכאַנאַנד; די מחיצות זיינען אייַנגעשרומפּן געוואָרן — פֿאַרשוואונדן און איינאיינעם מיט זיי ערגעץ־וואו אויף די פֿערד און די טרייבער. געבליבן איז בלויז אַ באַוועגלעכע, וואַקל־דיקע בריק פֿון שטרוי איבער אַ סכנהדיקער הודזשעריי פֿון כוואַליעס, און אויף דער בריק אַ לאַנגע ריי מענטשלעכע גופֿים מיט קעפּ פֿאַר־ריסענע צום הימל, אַ לאַנגע שערענגע געשטאַלטן מיט פּנימער פֿאַר־בענקטע נאָך יבשה.

דער פֿאַראַד פֿון געשטאַלטן טראָגט זיך פּאַזע מיין טאַטנס שטוב ביים קייסער־שטראָז אויפֿן סאַמע גרענעץ צווישןביידע דערפֿער. עס גייען פֿאַרביי אָנגעשפּאַרטע אויף די היי־גאָפּלען פּויערים יונגע און אַלטע; די אַלטע מיט קרומע פֿאַרהאָרעוועטע פּלייצעס, מיט האָר וואָס פֿאַלן אַראָפּ איבערן נאַקן, און מיט אַ „דאַברעי וועטשער", אויף הכנעהדיקע ליפּן; די יונגע — קליינע און מיטלוואוקסיקע, אָבער אַלע גלייכע ווי

ווירעס, מיט טשופּרינעס שטאָטיש צוגעשוירענע און מיט האַרטלעך פאַר־שוויגענע מיילער.

און פּלוצעם ערגעץ צווישן צוויטן צענדלינג אין דער ריי יאָוועט זיך אַ געשטאַלט וואָס איז אין גאַנצן אַנדערש ווי די פריערדיקע. אַ געשטאַלט אַ דינע, אַ הויכע, מיט אַ טיפער שטאָפּענער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ. פון אונטער דער יאַרמעלקע פלעשלען זיך אַרויס פּיאות איבער די באַקן און קומען זיך צונויף מיט אַ שמאָלער, היפּשלעך גראָער און היפּשלעך לאַנגער באָרד. פון אונטער דעם פאַרהויבענעם קאַפּטן, וואָס אַלע זיינע עקן זיינען פאַרשטעקט אין גאַרטל, קוקן אַפיר צייגענע הויזן וואָס לויפן אַריין אין אַ פּאָר ווייס־פאַרשטויבטע שטיוול.

— אַ גוטנאָוונט ר׳ לייזער בער — רופט מיין טאַטע אַרויף צו דעם ייד אויף דער שטרויענער בריק — און דער ייד ענטפערט צוריק מיט זיין הייזעריקלעך קול אַ רחבותדיקן „גוטנאָוונט", און לאַנג נישט געקלערט, פּליגק אַראָפּגעשפּרונגען פונעם וואָגן, אַראָפּגעלאָזט די פּאָלעס פונעם קאַפּטן און אַװ זיצט ער שוין ביי אונדז אויפן גאַניק. ער לאַכט פאַרגיבעריש איבער די גויים וואָס קוקן און קוקן אין הימל אַריין און זעען ניגשט אַז נישטאָ זיך וואָס צו איילן, וואָרום די כמאַרעס מיט דעם ווינטל וועלן קיין רעגן נישט ברענגען; ער רעדט מיט גרויס צופרידנקייט וועגן היי־יאָריקן גערעטעניש אויף ווייץ און גערשטן, און וועגן קרויט אין די יאָרעס, וואָס ווייזט זיך דאָס יאָר אויך אַ חידוש. און דערנאָך דערציילט ער, מיט נישט פאַרהוילענעם תענוג, וועגן דעם, אַז דער זאַלישטשיקער רבי וועט אם ירצה השם קומען צו פאָרן אויף שבת נחמו אין דאָרף אַריין, וועט ווי אַלע מאָל איינשטיין ביי אים און וועט דאַוונען און פּראַווען שלוש־סעודות אין דער זאָטעוויצער נייער קלויז. און אפשר — גיט לייזער בער אַ נעם אין זיין פאַרמאָזאַליעטער האַנט אַריין די שמאָל־גראָע באָרד, בויגט זי אַרויף ביז צו די ליפּן מעשה למדן, וואָס איז פאַרטאָן אין אַ שווער שטיקל גמרא, און זאָגט צו מיין טאַטן מער מיט מוסר ווי מיט שפּאַס — אפשר וועט איר, ר׳ איציע, פאַרט ברעכן אייער מתנגדיש עקשנות, און אַז נישט צום טיש כאָטש קומען דאַוונען צום רבין?

צווישן די עטלעכע צענדליק יידישע משפחות אין ביידע דערפער האָבן זיך אַ שפּאָר ביסל פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט. אָבער דער אמתער עובד־אדמה איז געווען נאָר לייזער בער מיט זיין בני־בית. אַנדערע יידן האָבן אַחוץ דעם אייגענעם שטיקל פעלד נאָך געעפּנט אַ געוועלבל, גע־

פּירט אַ שענק אָדער צוגעהאַנדלט מיט תבואה. לייזער בער האָט געצויגן אויסשליסלעך חיונה פון די עטלעכע מאָרג ערד זיינע און דערעיקרשט פון אייגענער אַרבעט.

לייזער בערס ווירטשאַפט אין באַרנעוו אויפן בערגל לעבן די זשאַנ־דאַרן, האָט זיך מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון אַלע אַנדערע מיטלערע פּויערישע ווירטשאַפטן אין דאָרף. די זעלבע אָבאָרע אַרומגעבויט מיט אַ שטיינערנעם פּלויט, מיט אַ הויז פון צוויי שטיבער צו דער פּרי־מאָרגנדיקער זון, מיט אַ קליינעם שטאַל אָנגעשפּאַרט צום הויז, מיט אַ שייער אַקעגן דער שטוב, מיט אַ סטערטע סנאָפּעס אינמיטן און מיט אַ אַ געפלאָכטענער קאָשניצע דערלעבן צו טרוקענען קוקורודזעס.

ווי פון אַלע אַנדערע פּויערישע אָבאָרעס פאָרט אויך פון לייזער בערס אָבאָרע אַרויס אין זומערדיקע קאַיאָרן אַ גרויסער לייטער־וואָגן אין פעלד אַריין צו דער אַרבעט. טרייבן די פערד טרייבט לייזער בערס בכור, סרול הערש, אַ פעסטער יונג אין די אָנהייב צוואַנציקער מיט אַ פּנים, וואָס וואָלט אויסגעזען מגושם, ווען נישט דאָס רבנישע שוואַרצע בערדל וואָס נעמט אַרום די באַקן ווי מיט אַ זיידן קרענצל און איידלט אויס די בחורשע צורה. אויפן וואָגן זיצט לייזער בער. לעבן אים ליגן, ווי נאָך דער צייט נאָך, אַ פלוג, אַ קאָסע, אַ סאַפּע. שניט־צייט פאָרן מיט אויך לייזער בערסביידע טעכטער, צוויי שלאַנקע שוואַרץ־חנעוודיקע, באַרוועסע מיידלעך, מיט הראַבליעס אין די הענט. אין דער היים בלייבן בלויז די לייזער־בעריכע צו טאָן די קיך־אַרבעט, און לייזער בערס פאָטער, דער אַלטער וועלוול.

ב. דער אַלטער וועלוול

געוויינלעך איז דער אַלטער וועלוול געווען אַ ייד אַ מרוק און אַ שווייגער. אַ וואָרט איז ביי אים געווען — אַ רענדל. אָבער אַז ס'האָט זיך שוין אַמאָל געטראָפן און ער האָט עפּעס עמעצן דערציילט איז דאָס געווען די מעשה ווי אַזוי ער האָט געדאַרפט גיין קיין ווערענטשאנקע און די אַלטע פיס זיינע זיינען זיך אין ווערענטשאנקע ערשט „צעגאַנגען" און האָבן אים מיט גרינגקייט פאַרטראָגן צוויי מאָל אַזויפיל וועג קיין זאַסטאַוונע. און ביי דער מעשה האָט זיך נישט נאָר וועלוועלס כבד־פּה־

צונג אַביסל מער צעבונדן, נאָר ס׳האָט געטראָפן אַז אין די פּאַרמעט־קנייטשן אַרום זיין אויבערשטער ליפּ האָט אַפּילו אַ שיין געטאָן אַ שמייכל. דערעיקרשט בולט פלעגט דער שמייכל ווערן ווען ס׳איז דערביי געווען לייזער בער. מען האָט באמת נישט געדאַרפט זיין קיין ווער ווייס וואָס פאַר אַ פסיכאָלאָג, כדי צו זען אַז מיט די עטלעכע שמייכל־שטראַלן אויף זיין צעקנייטשטן און פאַרהאַרטעוועטן פּנים גלעט דער ניינציק־יעריקער טאַטע זיין זעכציק־יעריקן זון איבער דער ווייסער בכבודער באָרד. די שטומע חיבה האָט געמיינט צו זאָגן, אַז דער אַלטער טאַטע שעפּט תענוג, וואָס ער, אַ ישובניק מיט קוים אַביסל עברי האָט זוכה געווען צו אַ זון אַ בעל־תפילה, אַ חסיד ביים וויזשניצער און אַ מקורב ביים זאַלישטשיקער רבין, און וואָס ער, יונגערהייט אַ שטאָל־יונג ביים זאַטעוויצער פּריץ זאַטאַ, העלפט אויף דער עלטער זיין זון ביי אַן אייגע־נער ווירטשאַפט.

וועלוול האָט זיך טאַקע געגרויסט ביי זיך אין האַרצן וואָס זיין זון לייזער בער איז אַ חסיד און דעם רבינס אַ נאָענטער מענטש. אָבער דאָס האָט פונדעסטוועגן נישט געקאָנט אויסוואָרצלען אין דעם קינדישן האַרץ פון דעם אַלטן האָרעפּאַשניק די מורא פאַרן רבין. מען האָט ביי וועלוולען נישט געקאָנט פּועלן ער זאָל אַריינגיין געבן שלום דעם זאַלישטשיקער רבין, וואָס איז געווינטלעך, ווען ער איז געקומען קיין זאַטעוויץ, איינ־געשטאַנען ביי לייזער בערן. און ביי די טישן אין קלויז איז דער אַלטער וועלוול אַלעמאָל געזעסן אַזוי פאַרשטופּט און פאַרשטעלט אין אַ ווינקל, אַז נישט ער האָט געקאָנט זען דעם רבין און נישט דער רבי אים.

און אַז וועלוול איז כמעט צו פולע הונדערט יאָר געשטאָרבן זיינען די יידן און אויך די גויים אין דאָרף געווען זיכער, אַז נישט די הונ־דערט יאָר האָבן דעם זקן אַוועקגעלייגט, נאָר די מורא פאַרן רבין.

ס׳איז געשען אין דער וואָך נאָך תשעה־באב און מען האָט זיך גע־ריכט אויפן זאַלישטשיקער, וואָס האָט, ווי אַלע יאָר, געדאַרפט קומען אויף „שבת נחמו״. די עטלעכע טעג פון דערוואַרטן דעם רבין, פון וואוינען מיט אים אונטער איין דאַך און פון עסן מיט אים ביי איין טיש, זיינען געווען דעם אַלטן וועלוולס שווערסטע טעג אין יאָר.

דער הונדערט־יעריקער זקן האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן די שרעק פון באַגעגענען דעם רבין. ס׳איז געווען די זעלבע שרעק, וואָס פלעגט וועלוולען דורכנעמען אין זיינע יונגע יאָרן ווען ער איז געווען

אַ שטאָל־יונג ביי זאַטאַן און מע האָט דערוואָרט אַז דער פריץ זאָל אַנ־פאַרן פון פּאַריז אויף אַ קורצער צייט אין זאַטעוויצער הויף. אויך דע־מאָלט האָט דעם פחד אויף וועלוולען אַנגעיאָגט נישט דאָס וואָס דער פאַרוואַלטער גריגאָראָוויטש האָט אין משך פון עטלעכע וואָכן ערב דעם פריצס אָנקום העכער געשריגן, אָפטער געשלאָגן, און האָט פאַרלאַנגט מער אַרבעט, נאָר די געשטאַלט פונעם פריץ אַליין. ווי אַזוי דער פריץ האָט אויף אַן אמת אויסגעזען, האָט וועלוול פון יאָר צו יאָר פאַרגעסן. די כלערליי געשטאַלטן ווידער פונעם פריץ, נידריקע און הויכע, גוטע און בייזע, וואָס דער דמיון האָט געמאָלן פאַר וועלוולען, האָבן אים אַלע געשראָקן.

אין יענעם יאָר ווען דער אַלטער וועלוול איז געשטאָרבן איז דעם רבינס קומען צונישט געוואָרן. צו וועמען און צו וואָס האָט דער רבי געזאָלט קומען אַז לייזער בער איז געזעסן שבעה? דאָס אַנדערע יאָר איז פונקט אום שבת חזון אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה און אויף שבת נחמו איז אַפילו שוין נישט געווען קיין בריק איבערן דניעסטער. קירהס זעלנער האָבן זי אויפגעריסן כדי פאַניעס זעלנער זאָלן נישט אַריבערגיין דעם טייך מיט צופיל לייכטקייט.

און אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט איז נישט בלויז וואָס מען האָט די בריק נישט צוריקגעשטעלט, נאָר מען האָט נאָך דאָרט ביים ברעג פונעם דניעסטער אויפגעשטעלט אַ גרענעץ צווישן צוויי מלוכות. די דערפער זיינען צוגעפאַלן צו רומעניע און זאַלישטשיק איז געוואָרן אַ שטאָט אין פוילן וואָס דעם מייל וועגס אַהין מוז מען פאָרן מיט דער באַן און מיט אַן אויסלענדישן פּאַס אין קעשענע.

ג. אַ חסיד מיט טאָפּלטע רבישאַפט

לייזער בערן האָט די מלחמה אָפּגעריסן נישט נאָר פונעם זאַלישטשיקער רבין, נאָר אויך פונעם וויזשניצער הויף. לייזער בער איז פאַר דער מלחמה לכתחילה געווען און געבליבן אַ וויזשניצער חסיד. אָבער וויפיל מאָל אין יאָר קאָן דאָס אַ דאָרפס־ייד, אַ פאַרנומענער עובד־אדמה איבערלאָזן דיווירטשאַפט און זיך לאָזן אין וועג אַריין קנאַפּע צוויי צענדליק פוילישע מייל קיין וויזשניץ? איין מאָל אין יאָר אויף

ימים־נוראים. צוויי טעג פאַר ראש השנה פלעגט לייזער בער נעמען די נאָכמיטאָגדיקע באַן פון דער זאַטעוויצער סטאַנציע קיין טשערנאָוויץ, דאָרט איבערנעכטיקן און דעם אַנדערן טאָג קאַיאַר אַוועקפאָרן קיין וויזשניץ. אין וויזשניץ האָט זיך לייזער בער אָנגעזעטיקט מיט גוטער נגינה פונעם רבינס בעל־תפילה ביים דאַווענען און ביים טיש. ער האָט איבערגעגע־נומען אַ שפּאַר ביסל מעשות פון די חסידים אויף דער אכסניה און איז דערנאָך צוריקגעקומען אַהיים מלא וגדוש פאַר אַ גאַנץ יאָר. און איינ־מאָל האָט ער זיך אומגעקערט פון וויזשניץ נישט נאָר מיט נייע ניגונים און מעשות, נאָר אויך מיט אַ נייעם רבין — אַ צוגאָב צום וויזשניצער. דער נייער רבי איז געווען דעם וויזשניצערס יינגסטער ברודער ר׳ פּיי־וועלע, וואָס האָט זיך גראָד געהאַט אַריבערגעצויגן פונעם קליינעם און פאַרוואָרפענעם שטעטעלע איסטיטשקע אין גרעסערן און נאָענטן שטעטל זאַלישטשיק.

אין וויזשניץ האָט געקיניגט דער עלטסטער פון רבי ר׳ ברוכלס זיבן זין, ר׳ סרולעניו, וואָס האָט איבערגענומען כמה וכמה טויזנטער חסידים בירושה און האָט אַליין אויך צוגעצויגן צום הויף וויי־טערע הונדערטער אויב נישט טויזנטער חסידים; אין גאַליצישן שטעטל אָטיניע, צווישן קאָלאָמיי און סטאַניסלאַוו, האָט זיך באַזעצט ר׳ ברוכלס צווייטער זון, ר׳ חיימל, און האָט דאָרט שטאַרק מצליח געווען. אָטיניע האָט זיך גאָר איינגיכן כמעט ווי אויסגעגלייכט אין דער צאָל חסידים מיטן אַלטן איינגעפונדעוועטן הויף אין וויזשניץ. די הייף אָבער פון ר׳ ברוכלס אַנדערע פינף זין (שאָץ, סטאָראָזשינעץ, באָרשע, האָראָדענקע און זאַליש־טשיק) זיינען געבליבן היפּש הינטערשטעליק אין אַנזען און אין שפע. דערעיקרשט האָט זאַלישטשיק געלעבט אין זכות פון וויזשניץ. געטרייע וויזשניצער האָבן געוואוסט, אַז ר׳ סרולעניון איז זייער ביחא ווען איינער אַ חסיד, וואָס וואוינט אין זאַלישטשיק אָדער אין שכנות, איז מקרב זיין ברודער ר׳ פּיוועלע. זיינען טאָקע ר׳ פּיוועלעס חסידים געווען צומייסט אַזעלכע מיט טאָפּלטער רבישאַפט: וויזשניץ־זאַלישטשיק. און איינער פון די טאָפּלטע איז געווען לייזער בער, דער עובד־אדמה פון באַרנעוו.

און ניט בלויז אין פּרט פון חסידישער טאָפּלקייט איז לייזער בער געווען דער איינציקער אין ביידע דערפער, נאָר אויך וואָס שייך למעשה־דיקער חסידות בכלל. פאַר וויזשניצער חסידים רעכענען זיך אַלע יידן אין זאָטעוויץ און אין באַרנעוו אַחוץ עפּעס צוויי, וואָס ווילן דווקא הייסן

טשאַרטקעווער, און אַחוץ מיין טאַטן, דעם משכיל מיט אַ מתנגדישער משפחה־טראַדיציע.

אַלע זיינען חסידים, אָבער צום רבין פאָרט קיינער נישט. מען קומט אָפּ מיטן וויזשניצער נוסח ביים דאַווענען און מיט שיקן דרשה־געשאַנק טאָמער מאַכט זיך אַ חתונה אין הויף. אָן אויסנאַם איז לייזער בער, דעם אַלטן וועלוולס זון, וואָס איז בחורוויז איין מאָל געפאָרן קיין וויזשניץ נאָך אַ ברכה באַפרייט צו ווערן פון מיליטער, און האָט דערנאָך, פון נאָך דער חתונה אָן, נישט פאַרפעלט אַ ראש־השנה ביים רבין.

פונוואַנעט האָט זיך צו אַ זון פונעם אַלטן וועלוול, וואָס איז גע־שטאָרבן פון פּחד פאַר אַ רבין, גענומען חסידישער ברען? פונוואַנעט? אַלע האָבן געזאָגט אַז לייזער בער איז געווען אַ געבוירענער חסיד. ער איז געווען פונקט דער היפוך פון זיין פאָטער. וועלוול איז געווען אַ שווייגער, לייזער בער אַ באַרעדעוודיקער; וועלוול — אַ פאַוואָליעדיקער און אַ פאַרכמורעטער, דער זון — אַ קוועק־זילבערדיקער און אַ פריי־לעכער. און דערעיקרשט: לייזער בערן האָט געפּירט צו חסידות זיין ליבשאַפט צו געזאַנג און צו מעשה.

ווען לייזער בער האָט זיך, מיט העכער דרייסיק יאָר צוריק, איינ־איינעם מיט אַנדערע צוויי בחורים „געפלאַגט", האָט עפּעס אַ פרומער מדינה־גייער, וואָס איז געבליבן איבער שבת אין באַרנעוו, געראָטן די „פלאַגערס" צו פאָרן נאָך אַ ברכה קיין וויזשניץ. די „פלאַגערס" האָבן אויסגעהערט דעם יידס עצה און טאַקע באַלד אין איר פאַרגעסן. לייזער בער וואָלט מן־הסתם אויך ניט געטראַכט צו פאָרן ווען ס'זאָל זיך נאָר געווען האַנדלען וועגן אַ ברכה. אָבער דער ייד — לייזער בער איז אַלע יאָרן דערנאָך געווען זיכער אַז דער דאָזיקער מדינה־גייער איז נישט געווען סתם עפּעס אַ ייד, נאָר אַ ייד מיט הויכע שליחותן — האָט געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע מעשות מען דערציילט אין וויזשניץ און וועגן דעם געזאַנג וואָס די גאַנצע שטאָט איז פול דער־מיט. דאָס, און נישט די ברכה, האָט דעם „פלאַגער" לייזער בער געטריבן קיין וויזשניץ. צוויי טעג האָט ער זיך געשלעפּט אויף לאַסט־וועגענער קיין נעפּאָלאָקאָוויץ און פון דאָרט מיט אַ בויד אין געבערג אַריין — קיין וויזשניץ.

וועגן יענעם ערשטן זיין זיינעם אין וויזשניץ האָט לייזער בער ליב געהאַט צו דערציילן ברייט און אַלעמאָל ברייטער. דער תמצית פון זיין

דערציילן איז געווען, אַז ער האָט דעמאָלט אין וויזשניץ געגעסן טעגווייז מעשות און געטרונקען נעכטווייז געזאַנג און ער איז געווען זאַט און דער דאָרשט האָט אים ניט דערקוטשעט. ער האָט ממש ניט געפילט אַז ער פלאָגט זיך. ווען דער גבאי — האָט לייזער בער איבערגעגעבן — האָט אים אַריינגעלאָזט צום רבין ר׳ ברוכל און ער האָט דערלאַנגט ס׳קוויטל מיטן פדיון, האָט דער רבי אַ פרעג געטאָן: „וואָס איז דיין פרנסה, אליעזר דוב בן יענטע?״, און אַז ער האָט שטאַמלענדיק געענטפערט: „איך קויף אַ קעלבל ביי אַ גוי, איך העלף אַרויס דעם טאַטן ביי אַ שטיקל פעלד...״ האָט דער רבי אים אָנגעקוקט און אַ זאָג געטאָן: „וועסט אם ירצה השם זיין אַן עובד־אדמה, אַן ערלעכער ייד און נישט קיין זעלנער.״

און געשען איז — האָט לייזער בער ווייטער דערציילט — אַז פון די דריי „פלאָגערס״ האָט איינער מורא געהאַט אַריינצוגיין צו דער קאָמיסיע און איז געבליבן אַ „נאָכשטעלער״, דאָס הייסט, ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביז צו דער איבעראַיאָריקער אַסענטירונג. דעם צווייטן האָט מען צוגענומען און ער האָט זיך אָפּגעמוטשעט אַ שטיק צייט אין מיליטער־שפּיטאָלן ביז ער איז אַרויס פון קירהס הענט, און בלויז מיט אים, לייזער בערן, איז די זאַך צוגעגאַנגען גלאַטיק. דער טיר־שטייער האָט אויסגערופן זיין נאָמען, ער איז אַריינגעגאַנגען, דער דאָקטאָר האָט אים אַביסל באַקלאַפּט און איידער ווער וואָס ווען האָט ער שוין אַ געשריי געטאָן דעם גוטן פסוק: „צום מיליטער־דינסט מיט דער וואָפע אונ־טאוגליך.״

פון נאָך דער חתונה אָן איז לייזער בער דערנאָך, ווי געזאָגט, געפאָרן אַלע יאָר אויף ראש־השנה קיין וויזשניץ, געפאָרן נישט אַזוי צום רבין ווי צו די טויזנטער חסידים, וואָס פלעגן זיך דעמאָלט דאָרט צונויפקומען און פאַרהילכן מיט זייער געזאַנג און מיט זייערע מעשות דאָס קליינע געבערג־שטעטל ביים טשערעמאָש. דעם רבין אַליין האָט לייזער בער זעלטן ווען געזען. דערלאַנגט „שלום״ האָט ער געווייינלעך אין אַ געדרענג אינאיינעם מיט צענער אַנדערע יידן און געזעגנט האָט ער זיך מיט אַ פדיון און מיט אַ קוויטל פאַרן רבין ביים גבאי ראשון, ר׳ זלמן הערשקאָוויץ. און דער ר׳ זלמן האָט דאָס טאַקע לייזער בערן געשיקט קיין זאַלישטשיק.

ביי ר׳ פייוולען אין זאַלישטשיק איז לייזער בער געווען עטלעכע

מאָל אין יאָר אויף וויכטיקע שבתים, און אַחוץ דעם אינדערוואָכן, ווען ער פלעגט קומען אין אַ דאָנערשטיק אויפן יאַריד אין שטאָט אַריין. אין זאַלישטשיק איז לייזער בער איינגיכן געוואָרן אַ מקורב און האָט זיך שטאַרק אָנגעזען צווישן די חסידים. אַז לייזער בער איז אַ קנאַפּער למדן האָבן אַלע געוואוסט און לייזער בער אַליין האָט עס קיינמאָל פאַר קיינעם ניט געפּרואווט צו פאַרהוילן. אָבער זינגען האָט ער געקאָנט שיין און מתיקותדיק און גוט נאָכדערציילן אַ מעשה און דערעיקרשט האָט ער פאַרמאָגט חסידישן שטעל, איך וואָלט געזאָגט, חסידישן יחוס. ער איז געווען אַ געבוירענער חסיד.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער חסידישער יחוס פונעם אַלטן וועלוולס זון? ער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַז לייזער בער האָט געזונגען אַ וויזשניצער זמרל, האָט פון אים אַרויסגעזונגען נישט בלויז אַ זיס, אַ וואַרעם און אַ התלהבותדיק קול, נאָר פון דעם קול האָט זיך אויך אַרויסגעהערט דורותדיקע חסידישע מסורה, אַלטער חסידישער שטאָט.

ד. שלוש־סעודות אין דער דאָרף־קלויז

זיצט לייזער בער ביי שלוש סעודות מיטן זאַלישטשיקער רבין שבת נחמו אין דער זאַטעוויצער נייער קלויז. דער שלוש־סעודות־טיש איז אַ לאַנגער, אַ שמאָלער און ער ציט זיך פון דער צפון־וואַנט צו דער טיר צו. אַרום דעם טיש — מיט עטלעכע אויסנאַמעס — יידן אין טוכענע קאַפּטעגעס, מיט געקרייזלט פאַרפּלאָנטערטע בערד און מיט מגושמע פנימער. (צווישן די אויסנאַמעס: אוורום שענקער מיט זיין חשיבותדיקן אויסזען, דער קליינער אַזיע מיט זיין קלוגער און אַביסל רשעותדיקער צורה און דער שוחט ר׳ יעקב נחום). אויבן־אָן — דער רבי ר׳ פייוועלע, אַ יונגערמאַן אין די אָנהויב פערציקער, וואָס זעט אויס צוליב דעם שווערן סויבלענעם קאָלפּאַק אויפן קאָפּ העכער און באַלייבטער ווי ער איז. ס׳בערדל קליין, די אויגן טרויעריק און אין פולן, בלייכן פנים אָן אַ שיעור שטילקייט. תיכף לעבן רבין אין דער רעכטער זייט — לייזער בער, אין אַ פלאַכן, ביליקן שטריימל אויפן קאָפּ. איבערן לענגלעכן אָפּגעבּרענטן פנים לויפט אַ טייך מיט דריבנע שמייכלעך, לויפט פון די אויגן אַראָפּצוצו און איילט זיך אַריינצופאַלן און צונישט צו ווערן אין לייזער

בערס גראָער, כמעט ווייסער באָרד. שווערע גערדיכטע ברעמען פּרואוון צוריקהאַלטן די שמייכלען נאָך ביים סאַמע אָנהויב, ביי די אויגן, און ס׳געלינגט זיי ניט. דאָס פּנים בלייבט אַ שמייכלדיקס.

די יידן אַרום דעם טיש עסן הערינג מיט שוין כמעט אַלט־געבאַקענער, קרישלדיקער חלה, זיי טרינקען „לחיים״, זיי רעדן, זיי ריידן הויך און זיי ברומען צוביסלעך אויך אונטער מעשה געזאַנג. אין אַלץ וואָס זיי טוען זעט זיך אָן דאָס טוכענע, דאָס פּראָסטע. דער בין־השמשות וואָס איז בטבע זיידן און איינהילעריש איז דאָ אָנמעכטיק. ער קאָן גאָרנישט פאַרהילן.

אָבער אָט גיט דער רבי אַ שטילן וואונק צו לייזער בערן און לייזער בער לייגט אַרויף אויפן טיש זיין שווערע פאַרהאָרעוועטע האַנט. מיט דער פאַרמאָזאָליעטער דלאָניע שפּאַרט ער אונטער דעם רעכטן אויער און — עס גייט אויף אין קלויז אַן איידעלע, יחוסדיקע נגינה. די טענער פון לייזער בערס „בני היכלא״ טראָגן אין זיך אַלע קרעכצן, אַלע קרענק־לעך־פרײדיקע זיפצעגישן און אַלע דבקותדיקע פאַרכלינעטקייטן פון דורות געהויבענע חסידים. צוהערנדיק זיך צו לייזער בערס געזאַנג איז מען זיכער אַז נישט אַנדערש נאָר דער ייד האָט די קלאַנגען איינ־געזאַפּט אין זיין קינדהייט, אַז ער האָט דעם נשמהדיקן הינטערגרונט פון זיין נגינה געירשנט פון זיין טאַטן, וואָס איז מן הסתם געווען טיף אַריינגעטאָן אין חסידות, און פון זיידעס מקובלים, וואָס האָבן זיך, יעדער אין זיין דור, מיט אַזאַ ניגון ווי לייזער בערס געפּרואווט איבעררופן מיט דער שכינה.

וואָס מער די מסיבה ביים שלוש־סעודות האָט זיך צוגעהערט אַלץ איבערגעאַנדערשטער איז זי געוואָרן. עס איז שוין מער נישט געווען קיין געזעמל פון פּראָסטע דאָרפס־יידן מיטן זאַלישטשיקער רבין אין דער נייער זאַטעוויצער קלויז, נאָר דאָס האָט דער בעל־שם אַליין געפּראַוועט מיט זיינע געהויבענע תלמידים די לעצטע שבתדיקע מאָלצייט, און געזונגען האָט עפּעס אַ פאַרבאָרגן קול, וואָס איז אייגנס געשיקט געוואָרן צום צדיקס טיש אויסצוזינגען דאָרט אַלע בענקשאַפטן און אַלע צערן פון דער יידישער נשמה.

און דערציילט אַ מעשה אַ חסידישע האָט לייזער בער אויך נישט ווי סתם אַ חסיד, וואָס דערציילט איבער וואָס ער האָט געהערט פון אַנדערע דאָ אַנומלט ווען ער איז געווען אין ווישניץ און איז איינ־

געשטאַנען ביים גבאי, ר׳ זלמן הערשקאָוויץ, אין דער אכסניה. לייזער בערס הייזעריקע שטימע מיט איר קלאַנג פון גוואַלדאָוונער פרומקייט, די פלוצעמדיקע הפסקות זיינע אינמיטן, די נישט־ווילנדיקע קרעכצן וואָס האָבן זיך נאָכגעשלעפט נאָך זיינע רייד — אַלץ אינאיינעם האָט דער איינפּאַכסטער חסידישער מעשה פון ר׳ זלמנס אכסניה געגעבן פליגל אין לייזער בערס מויל און געמאַכט פאַר אַ סודותדיקער אַנט־פּלעקונג צו אים און דורך אים צו אנשי שלומנו אין זאַטעוויץ און אין באַרנעוו.

אַזיעלע סניטינער, וואָס האָט געהאַלטן אַ שענק אין זאַטעוויץ אויפן וועג צו דער הרעבליע, איז געווען דער איינציקער צווישן די זאַלישטשיקער חסידים וואָס האָט אַמאָל געפּרואווט אַ חוזק טאָן פון לייזער בערן, דעם מעשה־דערציילער. אַזיעלע איז געווען אַ קליין יידל מיט ביסטרע אויס־געפילעטע אויגן, מיט אַ באָרד, וואָס איז געווען פון נאַטור אויס אַ פראַנץ־יאָזעף־באָרד, און מיט אַ שאַרף צינגל וואָס האָט ליב געהאַט צו רעדן מיט ביטול. כאָטש ער האָט שוין געוואוינט אין זאַטעוויץ העכער פערציק יאָר האָט זיך אַזיעלע נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר אַ שטאָטישן און האָט געקוקט אויף די דאָרפס־יידן פון אויבן אַראָפּ. פלעגט צומאָל אַזיעלע פּרוּוון צונישט מאַכן לייזער בערס אופן פון מעשה־דערציילן. אַז לייזער בער הויבט אָן צו ברייען אַ מעשה — האָט אַזיעלע איינגעטענהט מיט מיין טאַטן, מיטן שוחט ר׳ יעקב נחום, מיטן פּאָסעסאָר קורצבערג און אַמאָל אויך מיט די דערוואַקסענע בחורים אין קלויז — קומט ער מיר פאָר ווי אַ ייד מיט אַ מיחוש, וואָס נעמט זיך דאַווענען פון פאַרנט און איז ביי זיך ניט זיכער צי זאָל ער טאַקע אָנטאָן טלית און תפילין אָדער אָפּשטעלן ס׳זאָגעכץ און גיין אויפסניי זיך מכין זיין. און ווייל ער איז ביי זיך נישט זיכער דער ייד, בלייבט ער פלוצעם שטיין, פאַרטראַכט זיך און קרעכצט. דאָס האָרכט ער זיך איין דער ייד אין זיך און פרעגט אַן עצה ביים מיחוש אַליין.

אַלע האָבן געלאַכט און האָבן הנאה געהאַט פון דעם געראָטענעם זאָג. אָבער אַלע האָבן אויך געוואוסט, אַז ס׳נעמט וואָכן ביז אַזיעלע קאָן זיך אויסטשוכען פון דעם כישוף פון לייזער בערס אַ מעשה און באַקומט כוח צו זיינע געוויינטלעכע ביטול־רייד. בשעת לייזער בער האָט דערציילט און „געמאַכט זיינע הפסקות און געקרעכצט זיינע קרעכצן״ איז אַזיעלע באַגלייך מיט אַלעמען געווען אַריינגעטאָן אין הערן, באַגלייך

מיט אַלעמען נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם פֿון די ראַנגלענישן, וואָס צדיקים פֿון דער מעשׂה האָבן זיך געראַנגלט מיט דער סטרא אחרא, און איז באַגלייך מיט אַלע געשטאַנען אונטער דעם צויבער פֿון די אַנדערע אויסטערלישע פּאַסירונגען מיט אַ טאַלק און מיט אַ מיין, וואָס האָבן דאָרט פּאַסירט. דעמאָלט ווען לייזער בער האָט געקרעכצט אַ מעשׂה אָדער געזיפֿצט אַ ניגון, האָט אַזיעלע נישט נאָר נישט גערעדט, נאָר אַפֿילו נישט געטראַכט קיין שלעכט וואָרט וועגן אים. דעמאָלט האָט ער פֿרום און הכנעהדיק נאָכגעזאָגט דעם שוחט און אַלע יידן איןביידע דערפֿער, אַז לייזער בער איז אַ געבוירענער חסיד, אַ גרויסער חסיד.

ה. נאָך דער מלחמה

די מלחמה האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין לייזער בערס לעבן. קודם האָט זי אים אָפּגעריסן פֿון ביידע הייף. פֿונעם זאַלישטשיקער טיילט אָפּ אַ מלוכהשע גרענעץ, און וויזשניץ האָט אינגאַנצן אויפֿגעהערט. דער רבי האָט זיך סוף 1914 אַריבערגעצויגן העט ווייט פֿון יענער זייט בערג אין דער טראַנסילוואַנישער שטאָט גרויסוואַרדיין און זינט דעמאָלט זיינען די וועגן קיין וויזשניץ געבליבן וויסט און פֿאַרלאָזן. די ווייטע באַן־נסיעה קיין גרויסוואַרדיין פֿאַרגינען זיך נאָר די רייכערע חסידים און לייזער בער איז קיינמאָל רייך נישט געווען און איצט נאָך דער מלחמה איז ער היפּש אָרעמער געוואָרן.

אין די יאָרן ווען זאַטעוויץ און באַרנעוו זיינען געווען קריגס־געביט האָבן די פֿרעמדע און די אייגענע זעלנער באַנומען לייזער בערסווירטשאַפֿט, מען האָט געראַבעוועט תּבֿואה, קאָנפֿיסקירט בהמות און געגנבֿעט וואָס ס'האָט זיך געלאָזט, פֿון אַ פֿלוג ביז צו אַן אתרוג־פּושקע. דערנאָך, אַז ס'האָט זיך געביטן ס'מלכות און די רומענער זיינען געוואָרן די מושלים, האָט זיך די פּרנסה גאָר פֿאַרערגערט. די פּרייזן אויפֿן ביסל ווייץ און קאָרן, אויפֿן ביסל קאַרטאָפֿל און קוקורודזעס — געשלאָגן. און פֿאַרקערט די פּרייזן אויף מלבושים, אויף שוכוואַרג און אויף ווי אַ פֿאַבריטשנע שטיקל סחורה — אַרויפֿגעשרויפֿט. דערצו תּרומה — פֿאַרן זשאַנדאַר און מעשׂר — פֿאַרן „פּערטשעפּטאָר" (שטייער־אויפֿמאָנער). און ס'פֿעלן אייגענע אַרבעטס־הענט. די מיידלעך האָבן חתונה געהאַט און

אָוועק פון דער היים. אין דאָרף זיינען פאַרבליבן לייזער בער מיטן ווייב און מיטן זון סרול הערש.

די ווירטשאַפט אַליין האָט ניט געטראָגן און דער טאַטע מיטן זון האָבן גענומען צוהאַנדלען. דער זון — מיט חשק, און דער טאַטע ווידער־וויליק. לייזער בער האָט זיך געווערט קעגן מסחר. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ווײַבאַלד אָפּגעשניטן פון די הייף און אַ סוחר גלייך מיט די איבעריקע יידן אין דאָרף וועט פאַרשוואונדן זיין אַנדערשקייט, זיין רוח הקודש. ער האָט די אַנדערשקייט געוואָלט אָנהאַלטן. ער האָט געדענקט און אַזויפיל מאָל איבערדערציילט די ברכה, וואָס דער אַלטער וויזשניצער רבי האָט אים געגעבן ווען ער, לייזער בער, איז צו אים געקומען ס׳ערשטע מאָל ווי אַ „פּלאַגער״. ס׳געמיט זיינס האָט ניט אויפגעהערט אונטער־צושטרייכן די ווערטער „וועסט איה״ש זיין אַן עובד־אדמה״. לייזער בערן האָט זיך אויסגעדאַכט, און צומאָל איז ער אַפילו געווען זיכער, אַז דער רבי האָט בכיון פאַרבונדן עבודת־אדמה מיט זיין יידישקייט, מיט זיין חסידות, און אַז טאָמער רייסט זיך איבער דער פאָדעם צווישן די צוויי זאַכן איז אויס מיט דעם וואָס ער, לייזער בער, איז, וואָס ער וויל זיין. די עבודת־אדמה זיינע — האָט לייזער בער אַ סך מאָל געפילט און עס אויך אַמאָל געזאָגט — איז זיין בלאַט גמרא מיט תוספות וואָס דעקט צו די עם־הארצות. מסחר האָט נישט דעם כוח. אַ סוחר וואָס וויל זיין אַ חסיד מוז קאָנען לערנען, אַנישט איז די חסידות פון אַ נידריקער מדרגה. לייזער בער איז זיכער אַז דאָס האָט דער רבי ר׳ ברוכל איבזינען געהאַט ווען ער האָט אים אָנגעווינטשעוועט עבודת אדמה מיט ערלעכער יידיש־קייט. לייזער בער האָט זיך געווערט מיט אַלע כוחות קעגן מסחר, און איז סוף כל סוף באַזיגט געוואָרן.

מנשה האַבסבורגער און נתן האַבסבורג

א. דער יחוס

נישט צופעליק האָט מען מנשהן גערופן האַבסבורגער און נתנען בלויז האַבסבורג. די צונעמען האָבן זיך געהאַט זייערע אייגענע פאַרשידענע מיינען.

„האַבסבורגער" איז אויסן געווען צו דערציילן, אַז ווי געטריי די יידן פון ביידע דערפער, פון זאַטעוויץ און פון באַרנעוו, זאָלן נישט זיין פראַנץ יאָזעפן, איז קירהס סאַמע געטרייעסטער און סאַמע פאַרליבסטער בירגער — מנשה, דער תבואה־סוחר.

„האַבסבורג" ווידער האָט געוואָלט זאָגן, אַז דער דעכעוויטשנער נתן, וואָס איז נישט דער רייכסטער און אויך נישט דער געלערנסטער ייד אין די צווילינג־דערפער, בלאָזט פון זיך, פונדעסטוועגן, אַזוי, גלייך ער זאָל זיין כאָטש פון דער קייסערלעכער פאַמיליע — אַ האַבסבורג.

אמת איז, וואָס שייך דאָרף־יחוס, זיינען ביידע, אי דער „האַבס־בורגער" און אי דער „האַבסבורג", געווען מיוחסים. זיי האָבן געהערט צו פסח קרעטשמערס משפחה און דאָס האָט געמיינט די סאַמע עלטסטע יידישע פאַמיליע אין זאַטעוויץ און אין באַרנעוו — די מאַמע פון כמעט אַלע איבעריקע משפחות.

ס'קאָן זיין, אַז פסח קרעטשמער איז טאַקע נישט געווען דער ערשטער ייד אין די דערפער, ווי זיינע קינדער האָבן זיך ליב געהאַט צו באַרימען. ס'קאָן זיין, אַז גערעכט איז געווען דער פאַרכמורעטער יאָסל, דער זאַלץ־פרעכטער פון באַרנעוו, וואָס האָט פסח דעם קרעטשמערס ערשטקייט בפירוש געלייקנט.

אַז ס'פלעג אַמאָל קומען צו רייד וועגן דעם אין אַ שבת אין דער

אַלטער קלויז, זיינען יאָסלס אויגן אַריבער פון קאַלטער פאַרכמורעטקייט צו הייסן כעס, און זיין שווערע צונג האָט אַרויסגעשטויסן די ווערטער מיט אַזאַ כוח, אַז אַפילו די קאַלטענאַוואַטע באָרד, וואָס האָט געגליווערט אויף יאָסלס פּנים מיט דער שווערקייט און מיט דער קאָליר פון אייזן, האָט זיך פון צייט צו צייט אַ ריר געטאָן. יאָסל האָט זיך געשוואוירן (שווערן איז דעם פאַרהאַרעוועטן זאַלץ־פּרעכטער אָנגעקומען אַ סך לייכטער ווי רעדן) אַז דעמאָלט ווען מאיר בעריש האַראַדענקער האָט אָפּגעדונגעןביים פּריץ יאַנקו זאַטאַ די גרויסע זאַטעוויצער קרעטשמע און האָט דאָרט באַזעצט זיין נאַר־וואָס חתונה געהאַטע מיזינקע מיט איר מאַן פּסח — דעמאָלט האָט שוין זיין זיידע, זיידע דער בלעכער, געוואוינט פון מאַנטיק ביז פרייטיק אין באַרנעוו, האָט געדעקט דעם קלויסטער מיט בלעך און האָט געלאַטעט די דעכער אין „הויף״. און ווייסן, ווייס ער דאָס, האָט יאָסל פאַרזיכערט און זיך געשוואוירן, פון זיין באָבען קריינע לאה, וואָס האָט נאָכן זיידנס יונגן טויט (זיידע בלעכער איז געניזוקט געוואָרן ביי דער אַרבעט און געשטאָרבן אין עלטער פון קוים דרייסיק יאָר) נאָך אַמאָל חתונה געהאַט און האָט זיך מיט איר צווייטן מאַן יודע קיזשנער אַריינגעצויגן קיין באַרנעוו.

אָבער ווען קריינע לאה מיט איר צווייטן מאַן האָבן זיך באַזעצט אין באַרנעוו און געקומען פאַרריכטן ביי די גוים די אַלטע „קאַזשוכעס״ און אַמאָל אויך אויפנייען אַ נייעם „קיפּטאַר״, האָט שוין פּסח — דאָס איז יאָסל מודה — געערודעוועט אין דער גרויסער זאַטעוויצער קרעטשמע אויפן באַרג אַקעגן קלויסטער און געהאַט פּרנסה בשפע.

קאָן מען דאָך, הייסט עס, אַפילו פון יאָסל, דעם זאַלץ־פּרעכטערס רייד באַשיינפּערלעך זען, אַז דער ערשטער ייד אין זאַטעוויץ און אין באַרנעוו, דער ערשטער, וואָס האָט דאָרט געוואוינט נישט בלויז פון מאָנטיק ביז פרייטיק, נאָר האָט דאָרט אויך געפּראַוועט שבת מיט זיין קליינער און דערנאָך אַליץ גרעסערער משפּחה, איז פאָרט געווען פּסח, דער קרעטשמער.

ב. די אייניקלעך

ווען איך פלעג אין די זומערן פון ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה קומען פון דער גימנאַזיע אין „אַ שטאָט מיט יידן״ אויף וואַקאַציע

קיין זאַטעוויץ, האָב איך די צוויי שול־פּרייע חדשים מיינע פֿאַרבראַכט נישט בלויז אין דעם יידישן דאָרף־ישוב, וואָס פּסח קרעטשמער האָט אים געשאַפֿן און באַפֿעלקערט מיט זיינע קינדער, נאָר אויך אין דעם הויז, וואו דער ערשטער זאַטעוויצער ייד האָט געוואוינט.

דאָס הויז, אַ רחבותדיקע הילצערנע געביידע מיט אַ פֿירהויז, מיט אַ געראַמער שענק־שטוב, מיט אַ שפּאָר ביסל וואוינצימערן, מיט אַ קיך „ווי אַ וואַלד" און מיט עטלעכע שפּייז־קאַמערן, איז געשטאַנען איצט, ווי מיט הונדערט יאָר צוריק, אַן אָפּגעזונדערטע אויפֿן באַרג אַקעגן קלויסטער, אין דער מיט פֿון אַ גאָרטן זעקס מאָרג די גרויס, און האָט אַרויסגעקוקט מיט די פֿענצטער אויף אַלע פֿיר זייטן וועלט און אויף פֿינף דאָרף־וועגן.

דער „ערשטער ייד פֿון זאַטעוויץ" איז שוין לאַנג נישט געווען צווישן די לעבעדיקע. זיינע קינדער, אויף וויפֿיל זיי האָבן נאָך געלעבט, זיינען שוין אויך אַריבער די גרענעץ פֿון עלטער. אין בלי פֿון לעבן זיינען אין יענע יאָרן פֿון 1914 געשטאַנען פּסח, דעם קרעטשמערס אייניקלעך.

פֿונעם דור פֿון די זקנים געדענק איך צום בעסטן נתן „האַבסבורג".

פֿון די אייניקלעך איז מיר צום באַקאַנטסטן געווען מנשה „האַבס־בורגער".

פֿון פּסחס זין און איידעמס איז בלויז איינער, מנשהס פֿאָטער, פֿאַרבליבן ביי דער קרעטשמע. די איבעריקע האָבן זיך ביי פּסחס לעבן איינגעקויפֿט צו ביסלעך פֿעלד און זיינען מיט דער צייט געוואָרן בעלי־בתים פֿון גאַנץ נישט קשהדיקע ווירטשאַפֿטן. און ווען נישט דאָס, וואָס איעדער פֿון זיי האָט געהאַט אַ גרויס הויז־געזינט און געאַרבעט האָט מען, נישט מיט אייגענע, נאָר מיט געדונגענע הענט, וואָלטן זיי אַפֿילו געקאָנט פֿאַררעכנט ווערן צווישן די רייכע פּויערים אין דאָרף.

צום ווינציקסטן עשירות האָט דערגרייכט, דוקא דער יורש פֿון דער גרויסער קרעטשמע, פּסחס בכור שלום זלמן. און שולדיק דערין זיינען, ווי געוויינטלעך, געווען אי דער מענטש און אי די צייטן.

פֿון יוגנט אָן אַ געבריכטער און סתם אַ חלוש האָט שלום זלמן אויסגעזען גיכער ווי אַ שטאָטישער באַנק־קוועטשער און ווי אַ יושב ביים רבין, אָבער נישט ווי דער בעל־הבית פֿון אַ דאָרף־פּראָפּינאַציע.

אַזאַ מין „פּראָפּינאַטאָר" ווי שלום זלמן צאָלט איבער די פּרייזן

ביי די גראַלניעס, שטעלט נישט דעם בראָנפן צו דער צייט און צו דער ריכטיקער טראַלע, און פאַרהיט נישט די קונים פון אַריינגעשמוגלטער דרויסנדיקער סחורה.

אָבער נישט בלויז דאָס אַליין, נאָר, ווי געזאָגט, אויך די צייטן האָבן געהאַט זייער חלק אין דער ירידה פון פסחס קרעטשמע.

קודם האָט קירה פאַרגרעסערט די מלוכה־שטייערן, דערנאָך איז „פּראָפּינאַציע", דאָס רעכט פון אויסשליסלעכן בראָנפן־פאַרקויף אין די דערפער, אַריבער פונעם פריץ צו דער פּראָווינץ־רעגירונג. און די רע־גירונג האָט געהאַלטן ליציטאַציעס און יידן האָבן איבערגעבאָטן, האָבן אַריינגעטריבן אין הויכע פרייזן און — האָבן אויסגעדונגען.

שלום זלמן האָט נישט געקאָנט אָנהאַלטן די גרויסע זאָטעוויצער „פּראָפּינאַציע". ער האָט אָנגעוואוירן דעם גרעסטן טייל פון די ירושה־נכסים, האָט זיך געקויפט אַ פויערישע שטוב אין די אונטערשטע גאַסן פונעם דאָרף אין שכנות מיט די קרויט־פעלדער, און האָט דאָרט מיט דער גנאָד פונעם נייעם „פּראָפּינאַטאָר" געפירט אַ לאחדים־שענק און קוים אַרויסגעשלאָגן פּרנסה.

פון שלום זלמנס קינדער איז קיינער נישט געווען געראָטן אין אים.

דער פאָטער שלום זלמן — אַ שטילער, אַ הכנעהדיקער מיטן געמיט פון אַ תהילים־זאָגער.

די זין — באָוועגלעכע, באַרעדעוודיקע און בטבע נצחנים, וואָס זיינען תמיד גרייט זיך איינצושטעלן פאַר עפּעס אַ זאַך און צו דערווייזן, אַז זיי זיינען גערעכט.

ביים ייִנגערן ברודער, ביי פּיניען, איז די זאַך, פאַר וועלכער ער האָט געטענהט, געווען אַלעמאָל אַן אַנדערע „עפּעס אַ זאַך", אָבער תמיד פון היימיש־דאָרפישן אינטערעס.

יידן האָבן זיך צוגעהערט צו פּיניען, מע האָט איינגעזען די גערעכ־טיקייט פון זיינע טענות און זיך אָפט מיט אים מיטגעהיצט. אָבער מיט פּיניעס רייד האָבן זיך די יידן געפילט נישט מער ווי ביי זיך אינדערהיים אין דאָרף, אין אַן אינדערוואָכעדיקן טאָג.

עפּעס אַנדערש איז געווען, ווען ס'האָט גענומען אויסלייגן זיינע רייד דער עלטערער פון שלום זלמנס באַרעדעוודיקע זין, מנשה האַבס־בורגער.

מנשה האָט זיך איינגעשטעלט פאַר צוויי ענינים, וואָס זיינען ביי אים אַלעמאָל געווען איינער: פאַר פראַנץ יאָזעפן און קעגן די סאָציאַליסטן. און אַז מנשה האָט גערעדט האָט ער דאָס געטאָן נישט אַזוי שטורמיש ווי זיין ברודער, אָבער דערפאַר מיט אַזאַ איינדרינגלעכן טאָן פון ישוב הדעת און מיט אַזאַ שטעל פון וויטבליקערישקייט, אַז ער האָט זיינע צוהערער באַלד איבערצייגט, נאָך מער איבערצייגט ווי פיניע.

ג. מנשהס נביאותן וועגן עסטרייך

אַז מנשה האָט אין קלויז אָדער אויפן גאַניק ביי נתן האַבסבורג אָנגעהויבן אויסצולייגן זיינע נביאותן וועגן עסטרייך, וועגן פראַנץ יאָזעף און וועגן די סאָציאַליסטן, זיינען יידן געבליבן זיצן פאַרטראַכטע און האָבן געשוויגן. עס איז געווען גלייך מנשה זאָל זיי האָבן מיטגע־נומען אויף אַ נסיעה איבער וויטקייטן, וועגן וועלכע זיי האָבן קיינמאָל נישט געקלערט און נישט געחלומט. איז וואָס־זשע קאָן מען ביי אַזאַ יאַזדע מער טאָן ווי גאַפן און שוויגן?

יידן אין עסטרייך — האָט מנשה געטענהט — וועלן אַזוי לאַנג קאָנען לעבן און האָבן פּרנסה און מנוחה, ווי לאַנג עס וועט זיין אַן עסטרייך. און אַן עסטרייכישע מלוכה וועט באַשטיין — האָט ער ווייטער געצילעוועט זיינע ווערטער מיט זיכערקייט גלייך אין מוח אַריין פון די צוהערער — ווי לאַנג דער אַלטער פראַנץ יאָזעף וועט לעבן. דערנאָך חלילה — האָט מנשה אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך אַריבערגעבויגן איבערן שטענדער אָדער איבערן שטעקן אין האַנט און האָט גערעדט עפּעס שטי־לער און ציטערדיקער ווי אַ בעל־תפילה, ווען ער גייט איבער פונעם „מי לחיים" צום „מי למות" — דערנאָך קאָן ווערן זייער שלעכט, ווייל ראשית איז דער קרוינפּרינץ פראַנץ פערדינאַנד אַ שונא ישראל און שנית וועט ער עסטרייך נישט קאָנען אָנהאַלטן, וואָרום עס וועלן זיך צע־שפּילן די אונגאַרן און די סאָציאַליסטן.

מכוח דעם ווי אַזוי די אונגאַרן „וועלן זיך צעשפּילן" האָט מנשה נישט געוווּסט אַקוראַט צו דערציילן און ער פלעגט זיך דערפאַר טאַקע כמעט ווי נישט פאַרהאַלטן ביי זייער „צעשפּילן". אָבער וואָס שייך די סאָציאַליסטן האָט מנשה איבערגעגעבן, אַז נישט בלויז, וואָס זיי ווילן אָפּשאַפן דעם

קייסער און מאַכן אַ רעפּובליק, נאָר זיי ווילן אויך צעטיילן דאָס לאַנד צווישן די כלערליי פעלקער, צווישן די טשעכן, די פּאָליאַקן און די רוטע־נער און, איר קענט אייך פאָרשטעלן — האָט מנשה אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון איבערן שטענדער אָדער פון איבערן שטעקן אין האַנט און זיינע שוואַרצע, גליאיקע אויגן האָבן געגומען אַרומלויפן איבערן עולם און זיך אָפּשטעלן מיט זייער מורא ביי יעדן איינעם באַזונדער — וואָס פאַרא מין גן־עדן דאָס וואָלט געווען פאַר אונדז יידן ווען פּעטרע אַנדריעצעס זון ווערט מיניסטער און ניקאָלאַי סקריפּניקס בכור קרייז־הויפּטמאַן?!

דורך די נעמען פון די צוויי פּויערישע זין, וואָס וואָלטן געווען די מלוכה־פירער נאָך פראַנץ יאָזעפס טויט, איז דער ענין, וועגן וועלכן מנשה האָט גערעדט, געוואָרן ממשותדיקער, נעענטער פאַר זיינע צוהערער. די נסיעה ערגעץ דאָרט ווייט קיין ווין און צום קייסערס „בורג" האָט זיך מיטאַמאָל פאַרענדיקט. מען איז געווען צוריק ביי זיך אין דער היים און געזען בחוש אָנלויפן אַן אומגליק אויף דער אייגענער אָבאָרע.

פון די פנימער ביי די צוהערער האָט זיך אָפּגעטאָן די פאַרטראַכט־קייט. מע האָט אויפגעהערט צו שווייגן. מע וויל פרעגן און איבערפרעגן מנשהן ווען און ווי אַזוי דאָס קאָן טרעפן, אַז דער יונגער סקריפּניק, וואָס שטודירט אויף גלח, זאָל גאָר זיין דער קרייז־הויפּטמאַן, אָבער — צום וואָרט קומען בלויז צוויי.

אין קלויז ענטפערט געוויינלעך שואל קיזשנערס זון, לעמל. דער רויטהאָריקער לעמל, וואָס איז דער פרימסטער און אָפּגעהיטסטער דאַווענער צווישן אַלע יונגעלייט אין דאָרף, איז אַ חוץ דעם אויך אַ סאָציאַליסט. ער באַקומט יעדע וואָך פון טשערנאָוויץ מיט דער פּאָסט דאָס דייטשע וואָכנבלאַט „פאָרווערטס" און דאָרט האָט ער — לאָזט ער וויסן מנשהן און דעם עולם — קיינמאָל נישט געלייענט, אַז גריגאָראָוויטש, וואָס פאַרטרעט טשערנאָוויץ אין ווינער פּאַרלאַמענט, זאָל וועלן אָוועקנעמען די בוקאָווינע ביי פראַנץ יאָזעפן און זי אָוועקגעבן צו זיינע רומענער, אָדער גאָר צו די רוטענער. און ווען גריגאָראָוויטש זאָל דאָס טאַקע וועלן טאָן — פלעגט לעמל קיינמאָל נישט פאַרפעלן צו מאַכן אַיין און די זעלבע „פאָר־מעלע דעקלאַראַציאָן" — וואָלט ער תיכף אָפּגעשטעלט דעם „פאָרווערטס" און געוואָרן אויס סאָציאַליסט.

דעם עולם האָט לעמלס דעקלאַראַציע געוויינטלעך כמעט ווי באַרואיקט. אָבער דאָס לעצטע וואָרט האָט געהאַט מנשה. און מנשה האָט געטענהט,

און ווידער מיט אַ קאַלטן שניידנדיקן ישוב הדעת, וואָס האָט צונישט געמאַכט אַלע האָפענונגען און איינרעדענישן, אַז די דעה ביי די סאָציאַליסטן האָבן נישט גריגאָראָוויטש מיט דער באָרד און נישט אַהרון לייב מיט די לאַנגע האָר, נאָר די גרויסע מאַכערס אין ווין. ער, מנשה, האָט וועגן דער זאַך אַמאָל געדעדט אין אַ מאָנטיק אין טשערנאָוויץ מיט איי נעם, וואָס וואוינט אין ווין און „ווייס אַקוראַט" און יענער האָט אַלץ מודה געווען.

געגלויבט האָט מען מנשהן. מנשהס שטעל און מנשהס קלאָר און שאַרף וואָרט, געפירט מיט דעם גליאיקן בליק פון זיינע טונקעלע אויגן, האָבן זייער לייכט אויפגעמאָנט צוטרוי און אמונה ביי די צוהערער.

יידן האָבן זיך געשטעלט דאַווענען מיט אַן אומרו אין האַרצן.

ד. אויף דער ווערענדע ביי נתן „האַבסבורג"

אָבער צומייסט, ווי געזאָגט, האָט מנשה געדעדט וועגן עניין פראַנץ יאָזעף און עסטרייך ביי זיין פעטער נתן האַבסבורג אויף דער ווערענדע.

און דאָרט, אויפן הינטערשטן גאַניק און אַרום דעם גאַניק אויפן הויף פון נתנס רחבותדיקער שטוב ביי דער סאַמע גרענעץ צווישן באַרנעוו און זאַטעוויץ, וואו ס'פלעגן זיך אין זומערדיקע פאַרנאַכטן צונויפנעמען אי נתנס אייגן בני־בית פון דערוואַקסענע זין און טעכטער, אי קרובים פון פסח קרעטשמערס משפחה און אַזוי עטלעכע נענטערע און ווייטערע שכנים, און דערעיקרשט יונגוואַרג אין איין עלטער מיט נתנס קינדער — אויף אָט דעם פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ איז דער הויפּט־רעדנער נאָך מנשהן געווען, ער, דער בעל־הבית אַליין, נתן האַבסבורג.

ווען נתן האַבסבורג זאָל וויסן, אַז איך האָב דאָ דערציילט קודם וועגן אַנדערע, קודם וועגן זיינע פּלימעניקעס און דערנאָך ערשט וועגן אים, וואָלט ער אַפילו פון דאָרט, פון דער וועלט פון מנוחה און שלוה, געהאָט בפירוש פאַרדראָס אויף מיר.

וואָרום, וואָס הייסט קודם וועגן אַנדערע, ווען ער, נתן, איז דער עלטסטער און חשובסטער?

פון צווישן פסח, דעם קרעטשמערס זין, טעכטער און איידעמס, וואָס

האָבן נאָך צו יענער צייט געלעבט, איז נתן טאַקע געווען דער עלטסטער, און וואָס שייך זיין חשיבות, האָט ער אַליין אין איר געוואַלדיק געגלויבט און קיינער האָט זי נישט געקאָנט אָפּלייקענען.

קיינער פוןביידע דערפער (די צוגעקומענע שטאָטישע יונגעלייט אַריינגערעכנט) האָט נישט פאַרמאָגט אַזאַ גלייך צוגעשוירן און שיין צו־געפּוצט בערדל ווי נתן; קיינער, אַ חוץ אים, האָט נישט גערויכערט פון אַ לאַנגן, דינעם ציגאַר־שפּיץ. און קיין שום ייד אין זאַטעוויץ און אין באַרנעוו, אַ חוץ נתנען, האָט נישט געשפּאַנט איבער די דאָרפישע וועגן מיט דריבנע טריטלעך און זיך דערביי אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן מיט אַ זילבערנער גאָלקע ווי אַ רבי׳ש אייניקל.

און נתן איז נישט בלויז געווען דעם ערשטן זאַטעוויצער יידנס עלצטער איידעם, נאָר אויך אַליין פון דער היים אַ טאַטנס אַ קינד. דער פאָטער זיינער איציק סטעצאָווער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער בעל־הבית און דערצו אַ ייד אַ מיוחס. און נאָך מער ווי מיט דעם משפחה־יחוס האָט זיך נתן איבערגענומען דערמיט, וואָס זיין פאָטער האָט ימים נוראים אין משך פון יאָרן געדאַוונט אומזיסט מוסף און נעילה אין איינער פון די בעל־מלאכהשע שולן אין סניטין.

באַזונדער אונטערשטרייכן פלעגט נתן דאָס וואָרט אומזיסט. בטבע האָט נתן נישט סובל געווען „אומזיסט״. ער האָט עס פיינט געהאַט קודם ווי סתם אַ מענטש פון מקח וממכר. און ער האָט עס נישט פאַרטראָגן ווי איינער, וואָס האָט אַמאָל עטלעכע חדשים פאַר דער חתונה געלערנט „טאָפּלטע בוכהאַלטונג״, און געוואוסט, אַז ס׳איז פאַראַן אויף דער וועלט: אָדער מזומן, אָדער שולדיק געבליבן. און אומזיסט — לא היה ולא נברא.

אָבער טאַקע דערפאַר, וואָס אומזיסט האָט פאַר נתנען אַליין גע־קלונגגען עפּעס יענוועלטיש און אויסגעטראַכט, איז עס פאַר אים געווען אַ זיכערער סימן פון אַנדערשקייט, פון אויסנעמלעכקייט — פון יחוס.

און אַז נתן האָט גערעדט, האָט ער אונטערגעהוסלט. און ווי דריבנע, פאַוואָליע און חשיבותדיק דער הוסט זאָל נישט געווען זיין, איז דערביי דאָס עפּעלע אין נתנס דינעם האַלדז געלאָפן משונה גיך אַרויף און אַראָפּ און געמאַכט דעם איינדרוק פון רוגזה — פון רוגזה, וואָס ער, נתן, מוז צוהערן און ענטפערן אויף מנשהס נאַרישקייטן.

עס איז נאַריש — האָט נתן אַלעמאָל פאַרזיכערט מנשהן און דעם עולם — צו מיינען, אַז מען קאָן אַראָפּוואַרפן דעם קייסער און מאַכן

איוואַנען פאַר אַ פאַן. זינט די וועלט שטייט — האָט זיך נתנס „עפּעלע״ געברוגזט — איז דאָ אַ קייסער און ס׳זיינען דאָ אונטערטאַנען. ס׳זיינען דאָ לערנערס און עם־הארצים, קלוגע און נאַראָנים און עס זיינען דאָ מיוחסים און פּראָסטע פאָלק.

און אין פראַנקרייך האָט מען די מלכים נישט אַראָפּגעוואָרפן? — פלעגט זיך צומאָל דערוועגן איבערצופרעגן מיט אַן איראָנישן שמייכל אין פנים, משה דער קרומער, וואָס האָט זיך געחברט מיט נתנס עלטסטן זון חנא.

וואָס פאַרגלייכסטו, שוטה איינער, — האָט נתן אָפּגעענטפערט נאָך רואיקער און נאָך רוגזהדיקער — יענע קיניגלעך מיט די האַבסבורגס?

דערהערט „האַבסבורג״ האָט מען זיך גענומען פונאַנדערגיין און אונטערברומען די צוויי שורות פונעם זאַטעוויצער לידל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אַרום מנשהס שמועסן און נתנס ענטפערס:

„האַבסבורג איז אין ווין,
ביי אונדז נתן פון דעמזעלבן מין״.

נתנס אייגענע קינדער האָבן פריילעך מיטגעזונגען. אויפן גאַניק זיינען געבליבן זיצן בלויז מנשה האַבסבורגער און נתן האַבסבורג און — דער טרויער צווישן זיי.

ה. דער לעצטער 18טער אויגוסט

מנשהס גרויסער טאָג אין יאָר איז געווען דער 18טער אויגוסט, קייסער פראַנץ יאָזעפס געבוירנטאָג. פאַר אַלע איז דער טאָג געווען אַ יום־טוב. אַלע האָבן אַרויסגעשטעלט דעם זיבעצנטן אויגוסט אויפדערנאַכט ברענעדיקע ליכט אין פענצטער. אַלע האָבן אויפגעהאָנגען אַ פאָן איבער דער טיר און אַלע זיינען געקומען דעם אַכצנטן צען אַ זייגער אינדערפרי אין דער נייער קלויז אַריין אויסהערן דעם געמיינדע־סעקרעטאַר פערלמאַנס „פעסט־רעדע״.

אין דער מזרח־וואַנט ביים שטענדער לעבן ארון־קודש — שטייט סאַלאָמאָן פערלמאַן אין צילינדער און האַלט זיין געבלימלטע רעדע אויף דייטש. לעבן אים דער „דווירניק״ פון דאָרף אין פויערישע בגדים, אָבער אין אַ שוואַרצן שטאָטישן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, און דער קאָמענדאַנט פון

די זשאַנדאַרן אין זיין פּאַראַדנעם מונדיר. און ווייטער — די חשובסטע יידן פון זאַטעוויץ אין זשופּיצעס און אין שטריימלעך. צווישן די יידן, דער יום־טובדיקסטער, דער צעשטראַלטסטער און דער טרויעריקסטער — מנשה.

דאָס פּנים אויסגעדרייט צו פּערלמאַנען און צו זיינע דייטשע רייד, וואָס ס'איז שווער צו כאַפּן זייער פּשוטן מיין, מחמת זיי האַלטן אין איין קלעטערן מליצהדיק אַלץ העכער און העכער.

הערט זיך מנשה טאַקע צו צו פּערלמאַנען און צו זיינע נעפּלדיקע דבורים? צי גאָר קוקט ער בלויז אויף אים און הערט זיך איין צו זיינע אייגענע רייד וועגן די סכנות, וואָס לויערן אויף יידן, אויב חלילה נישט פראַנץ יאָזעף? מנשהס ליפּן באַוועגן זיך שטיל, אָבער די זשעסטן פון זיינע הענט און דער גלי פון זיינע אויגן זיינען ווי דעמאָלט ווען ער, און נישט פּערלמאַן, רעדט צו די יידן אין קלויז וועגן פראַנץ יאָזעפן.

אַז פּערלמאַן האָט פאַרענדיקט, ווי דער שטייגער, מיטן אויסרוף: „קאַיזער פראַנץ יאָזעף, ער לעבע האָך, האָך, האָך" — האָט זיך מנשה ווי אויפגעכאַפּט פון זיינע אייגענע שטילע רייד. ער האָט איבערגעחזרט אַלץ מער און אַלץ התלהבותדיקער דעם „קאַיזער פראַנץ יאָזעף — האָך" ביז יידן האָבן זיך גענומען אומקוקן אויף מנשהן און איבערטראַכטן וועגן אים.

מנשה האָט דערכאַפּט זייערע בליקן און האָט אַ פאַרשעמטער אויפ־געהערט.

עס איז געווען דער 18טער אויגוסט 1913, דער לעצטער 18טער אויגוסט אין זאַטעוויץ. אַ יאָר שפּעטער איז שוין געווען מלחמה און פּאַניעס זעלנער האָבן פאַרנומען ס'דאָרף. און אין די יאָרן דערנאָך איז זיך עסטרייך פאַנאַנדערגעפאַלן. גריגאָראָוויטש האָט אַוועקגעגעבן די בוקאָווינע צו זיינע רומענער.

יענער „קאַיזער פראַנץ יאָזעף האָך", וועלכן מנשה האָט דעם 18טן אויגוסט 1913 אַזוי אָן אַ שיעור מאָל און מיט אַזאַ מוראדיקער התלהבות איבערגעחזרט, קלינגט מיר הייַנט נאָך ווי עפּעס אַ לעצטע וואָרנונג פון אַ זעער, וואָס האָט געזען דעם אומקום און האָט מיט די לעצטע כוחות, אַ פאַרצווייפלטער, גערופן נאָך הילף.

כאַסקל משיח

א

משיח, נישט ווייל דער אָרעמער אייער־אויפקויפער כאַסקעל פון זאַטעוויץ, איז, חלילה, נישט געווען ביי די פולע געדאַנקען און האָט זיך געהאַלטן פאַר משיחן, נאָר משיח, ווייל כאַסקעל האָט מיטן גאַנצן האַרצן באַגערט, האָט געפלאַמט מיט בענקשאַפט נאָך משיחן און איז געווען זיכער, אַז היינט מאָרגן קומט ער.

איבער איינער פון די קילע סטעזשקעס, וואָס האָבן זיך געשלענגלט באַרג־אַרויף צווישן הויכע, רייף געוואָרענע קוקורודזעס אין גרויסן גאָרטן אַרום מיין טאַטנס הויז, זע איך אים אָנקומען, כאַסקלען, מיט אַ קיישל אין איין האַנט און מיט אַן אָקאָרשט אָפּגעריסענעם צווייג במקום שטעקן אין דער אַנדערער.

אַרומגעפּאַדעט אַ האַלבן הייסן טאָג איבער גויאישע כאַטעס און אויפגעזאַמלט עטלעכע טוץ אייער, קומט כאַסקעל אָפּליגן די סחורה ביי מיין טאַטן אין אייזקעלער ביז דאָנערשטיק פאַרטאָג, ווען ער שפּאַנט מיט איר אַוועק צופוס צום יאַריד אין שטאָט אַריין. און ער קומט אויך, כאַסקעל, זיך אָפּרוען פון דער היץ און פון די גויאישע שמועסן און כאַפּן אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין.

זיצט כאַסקעל אויפן גאַניק ביי אונדז, איז זיך מהנה מיט אַ קאַלטער קוואָרט וואַסער און קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, איז ער שוין אינמיטן דעריין פון אַ יידיש וואָרט מיטן טאַטן. אַ מאָגערער מיט איינגעפאַלענע באַקן און מיט אַ שיטער שטרויען בערדל, פאַרלייגט כאַסקעל זיינע לאַנגע הענט אויפן צווייג במקום שטעקן; אויף די הענט לייגט ער אַוועק דאָס בערדל עלעהיי אַ קישן, און אויפן קישן שפּאַרט ער אָן דעם קאָפּ מיטן אַלעמאָל אַביסל אין דער זייט פאַררוקטן קאַפּעליוש און נעמט דערציילן דעם טאַטן אַ חלום, איינעם פון זיינע חלומות, וואָס ער חלומט כמעט יעדע נאַכט וועגן דעם ווי נאָענט ס'איז ביאת המשיח.

כאַסקלס שטים איז געווען אַ הייזעריקע און האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַ ליאַרעמדיקן כאָרכל, וואָס האָט דערמאָנט אין די קולות, וואָס דינגען זיך אַרום מיט גויאישע קונים אויף די יאַרידן. ווען די חלומות, וואָס כאַסקל האָט איבערדערציילט, זאָלן געווען האָבן הינטער זיך בלויז אָט די שטים פון מקח וממכר — ווער וואָלט זיי אויסגעהערט און ווער וואָלט זיי גענומען ערנסט?

אָבער הינטער כאַסקלס חלומות זיינען געשטאַנען צוויי קויל־שוואַרצע אויגן וואָס האָבן אַרויסגעפלאַקערט פון הינטער דעם אין אַ זייט פאַרוקטן קאַפּעליוש און האָבן מיט עפּעס אַ פייער פון פאַקלען אין דער נאַכט אַזוי העל באַלויכטן דאָס חלום־בילד, אַז גיי גלויב נישט, ווען דו זעסט עס באַשיינפּערלעך.

די חלום־בילדער, וואָס כאַסקל האָט געזען, האָבן כמעט אַלע געהאַט זייער אָנהויב אין דעם ספר „קב הישר". לעבן דעם „ספר זכירה", וואָס אין אים זיינען פאַרשריבן געוואָרן כמה סגולות צו געזונט, צו אריכות ימים און צו פּרנסה, איז דער „קב הישר" געווען כאַסקלס ליבלינגס־ספר. וואָרום דער „קב הישר" איז אַחוץ מיט „מוסר־רייד פאַרן מענטשנס האַרץ, פאַרן קרומען האַרץ, צו גיין אין די דרכים פון די צדיקים", אויך פול מיט ליכטיקע זעאונגען פונעם גן־עדן און פון גאָטס הימלען.

די סגולות, וואָס כאַסקל האָט אַרויסגעלייענט פונעם „ספר זכירה", האָט ער אין תוך גענוצט נישט פאַר זיך, נאָר פאַר אַנדערע. וואָרום וואָס האָט אים אַליין שוין געקאָנט העלפן אַ סגולה צו פּרנסה, בעת ער האָט אויסגעפונען אַז ערגעץ, פאַרשטופּט צווישן די כל המינים סגולות, ברענגט דער „ספר זכירה" אין נאָמען פון הייליקן זוהר, אַז איינער, וואָס זיין מאַמע האָט אים אָנגעהויבן טראָגן אין דער צווייטער העלפט פונעם חודש, ווען די לבנה ווערט קלענער, איז „להאי בר־נש קשין מזונותיו כקריעת ים־סוף", דאָס הייסט, אַזאַ איינער מוז זיך ס׳גאַנצע לעבן מוטשען מיטן טויט פאַר פּרנסה?

און וואָס שייך אריכות ימים האָט כאַסקל פאַר זיך אויך נישט געדאַרפט קיין סגולות וואָרום:

— מיר, ר׳ איציע — האָט כאַסקל גערעדט צו מיין טאַטן און די איינגעפאַלענע באַקן זיינע האָבן מיטגעפלאַקערט מיט די אויגן — האָט מען נישט איינמאָל געוויזן אין חלום, אַז משיח וועט קומען ביי מיין

לעבן און — נאָך ביאת המשיח הערט זיך דאָך אויף דער טויט און מיט אים דער ענין פון אריכות ימים.

דער טאַטע האָט געענטפערט מיט לומדישן און משכילישן ישוב הדעת, אַז די אמונה אין ביאת המשיח געהערט טאַקע על פי הרמב״ם צו די עיקרים פונעם יידישן דת, אָבער על פי דעמזעלבן רמב״ם טאָר מען זיך נישט איינרעדן, אַז משיח וועט משנה זיין דעם דרך הטבע, אַז די מתים וועלן אויפשטיין פון די קברים און אַז דער טויט וועט בטל ווערן און מענטשן וועלן אייביק לעבן.

— מען טאָר נישט — האָט דער טאַטע מיט אַ מילדן שמייכל געפּרואווט איינשטילן דאָס פייער אין כאַסקלס אויגן און אין כאַסקלס איינגעפאַלענע באַקן — מען טאָר נישט אַרויפלייגן אויף משיחן התחייבותן, וואָס ער קאָן זיי נישט מקיים זיין. און איך וויל אייך, ר׳ כאַסקל, חלילה נישט לערנען פרומקייט, אָבער ס׳איז פאַרט נישט על פי יידישן דת צו וואַרטן אויף משיחן עלעהיי אויף עפּעס אַ קרוב פון די מרחקים, וואָס קאָן אָנקומען היינט מאָרגן אָדער אין אַ שעה אַרום.

— און ווייסט איר וואָס כ׳וועל אייך נאָך זאָגן ר׳ כאַסקל? — דער טאַטע האָט געוואוסט אַז כאַסקל פאַרט נישט צו קיין רבין און איז אויך נישט איבעריק אַריינגעטאָן אין לייזער בער חסידס מעשות וועגן „גוטע יידן" — דאָס מין וואַרטעכץ אויף משיחן פון היינט אויף מאָרגן איז מער אַן ענין פון „גוטע יידן" איידער פון יידן.

— אַזוי וואַרטן אויף משיחן ווי מען וואַרט אויף עפּעס אַן אָנגעזאָגטן גאַסט פון אַ נאָענטער שטאָט, וואָס קאָן אַ ליאַדע רגע אָנפאָרן, האָט געוואָרט דער אוהעלער רבי ר׳ משה טייטעלבוים — האָט דער טאַטע איבערדערציילט די מעשה מיטן „ישמח משה", — וואָס האָט אַלעמאָל, איידער ער האָט זיך צוגעלייגט כאַפּן אַ דרימל, מתיר געווען זיינע קינדער נישט מקיים צו זיין כיבוד אב און זיך געהייסן וועקן טאָמער קומט משיח בעת ער וועט נאָך שלאָפן.

כאַסקלס קאַפּעליוש האָט זיך נאָך מער פאַררוקט אויף דער זייט און האָט פאַרדעקט איינס פון זיינע אויגן, אָבער דערפאַר האָט דאָס אַנדערע אויג, דאָס אָנזעעוודיקע, נאָך שטאַרקער געשרפעט און כאַסקל האָט נישט סתם געענטפערט, נאָר, גאָר נישט ווי זיין שטייגער איז געווען, געשריגן:

— דער אוהעלער רבי, ר׳ איציע, האָט נישט געגלויבט אין ביאת

המשיח, וואָרום וואָס הייסט מען זאָל אים וועקן טאָמער קומט משיח? אַז משיח וועט קומען וועט מען קאָנען שלאָפן? די ערד וועט ציטערן און די הימלען וועלן שטורעמען און איבער אַלע דונערן און בליצן אַריבער וועט זיך לאָזן הערן דער שאַל פונעם שופר של משיח. די לעבעדיקע פון אַלע עקן וועלט וועלן זיך צונויפלויפן, די מתים וועלן אַרויס פון זייערע קברים און די צדיקים פונעם גן־עדן וועלן אָנפליען, אַלע וועלן קומען זיך בוקן פאַרן מלך המשיח און — דער אוהעלער רבי וועט דעמאָלט כאַפּן אַ דרימל און וואַרטן אַז די קינדער זאָלן אים וועקן?

— און דער שופר של משיח וועט זיך דען דערהערן אַזוי פּלוצעם? — האָט כאַסקל ווייטער רוגזהדיק געטענהט — עס וועלן דען נישט זיין קיין סימנים מיט וואָכן און מיט חדשים פריער? עס וועט אויסברעכן די מלחמה פון גוג ומגוג און די וועלט וועט האַלטן ביים חרוב ווערן און די אומות העולם וועלן זיך באָדן אין טייכן בלוט, און מיר יידן וועלן זיך דאַרפן אויסבאַהאַלטן פון די צעבושעוועטע רוצחים און — דער אוהעלער רבי וועט אין דעם דאָזיקן טומל און געפּילדער, וואָס וועט זיך הערן פון איין עק ביז צום צווייטן, דרימלען און וואַרטן מען זאָל אים קומען אָנזאָגן די בשורה פון ביאת המשיח?

— ס'איז פּוזעם, ר' איציע, ס'איז אַ מעשה פאַר לייזער בער חסיד, ס'איז אַ מעשה צום לאַכן, אָבער לאַכן טאָר מען נישט. ס'איז פאַראַן אַ פּרק אין „קב הישר", וואו ס'ווערט בפירוש געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוחנן, אַז כל זמן משיח איז נישט געקומען טאָר מען נישט לאַכן. וואָרום ס'שטייט געשריבן, „אָז ימלא שחוק פינו", ערשט דעמאָלט נאָך ביאת המשיח, ווען ס'וועלן ווידער לייכטן איבער די יידן די צוויי ליכט פון די צוויי עולמות העליונים, וואָס וועגן זיי איז געזאָגט געוואָרן, „יהי אור און ויהי אור", און צוויי מאָל „אור" איז בגמטריה „שחוק" — ערשט דעמאָלט וועט אונדזער מויל זיין פול מיט געלעכטער פון פרייד. אָבער ביז דעמאָלט טאָר מען נישט, ר' איציע, און לייזער בער חסיד, וואָס דערציילט אַזעלכע מעשות קאָן זיך חלילה נאָך פאַרזינדיקן מיט געלעכטער מאַכן וואָרום — דאָ האָט כאַסקל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיין קול איז, קאָנטיק פאַר מורא, טאָמער האָט ער גערעדט שלעכטס אויף אַ „גוטן ייד", געוואָרן איינגעהאַלטענער, שטילער — איך גלויב נישט, אַז דער אוהעלער רבי זאָל טאָקע האָבן אַזוי געזאָגט און זיך האָבן געמאַכט אַזאַ שפּאַס.

ב

נאָך איידער דער טאַטע האָט מיט אַ ברייטן גלעט איבערן מויל אָפּגעווישט דעם חצי חידוש און חצי ביטול, וואָס האָט אַרויסגעשמייכלט פון זיינע וואָנסעס און פון זיין רויטן, משכּיליש צוגעשוירענעם שפּיץ־בערדל, איז כּאַסקל שוין געווען אינמיטן פון דער מעשה וועגן דעם וואָס מען האָט אים דאָ אַנומלט געוויזן אין חלום.

אַז מען קומט אַרויף אין גן־עדן — האָט כּאַסקל דערציילט אַ פּאַר־סאָפּעטער אָבער מיט דער היימישקייט פון אַ בן־בית — זיינען די טויערן פון די היכלות אָפן און אין די צימערן, וואָס זיינען באַדעקט מיט גאָלד און זילבער, זיצן אויסגעזעצט אין דריי־רייאיקע בענק די צדיקים מיט קרוינען, ווי גרויסע גילדענע לאַמטערנס, אויף די קעפּ. צווישן די בענק שפּאַצירן אַרום עלעהיי אין פּאַליש, די נשמות פון די צדיקים, וואָס האָבן נאָך נישט זוכה געווען צו האָבן אייגענע „שטעט" אין די היכלות.

געוויינטלעך זומער־צייט פון חודש ניסן אָן נעמען אויף זיך די צדיקים אין פּאַליש דאָס געשטאַלט פון פייגל, ווייל עס שטייט געשריבן, „גם צפּור מצאה בית ודרור קן לה" (אויך אַ פויגל געפינט אַ היים און אַ שוואַלב — אַ נעסט פאַר זיך), און דערמיט מיינט מען די צדיקים אין גן־עדן, וואָס האָבן געפונען זייער אייביקע היים און זייער אייביקע נעסט.

און די „פייגל" צוויטשערן יעדן פרימאָרגן „והאי צפצופא", און אָט דער געשוויטשער — „שבחא דקב"ה הוא", איז אַ געזאַנג פון לויב פאַרן אייבערשטן.

און די דינע פעדעם פון דעם דאַזיקן פויגלשן לויבגעזאַנג, וואָס לייגן זיך אויס ווי אַ וויכער פוך אַרום דעם כּסא הכּבוד — האָט כּאַסקל ווייטער גערעדט מיט די אויגן פון אַ סוד־אַנטפּלעקער — ברענגען די מלאכים צוריק אין די היכלות צו די צדיקים, וואָס שפּינען דערפון די קרוין פאַרן מלך־המשיח.

שוין הונדערטער און אָבערהונדערטער יאָרן גייט אָן די שפּין־אַרבעט פאַר משיחס קרוין און איצט — דאָ האָט זיך כּאַסקל אַריבער־געבויגן צום טאַטן און צו אים גערעדט שטיל, כּמעט ווי געשעפּטשעט — איז די קרוין שוין פאַרטיק.

— מען האָט זי מיר געוויזן אין חלום. ניין, נישט געוויזן — האָט

זיך כּאַסקל צוריקגעכאַפּט — איך האָב פון דערוווייטנס געזען און בין שיער נישט בלינד געוואָרן פון דעם בלענד פון איר ליכט. איך האָב זיך פאַרשטעלט די אויגן און בין געפאַלן צו דער ערד.

אַ צדיק אין דער געשטאַלט פון אַ פויגל האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגל און איך בין אויפגעשטאַנען און — איך האָב דערהערט אַ שטים חצי פויגלשע צוויטשעריי און חצי מענטשלעכע שפּראַך, חצי אָפענע דיבורים און חצי פאַרהוילענע רייד, וואָס האָט צו מיר געזאָגט: די קרוין איז פאַרטיק און משיח איז גרייט און עס שאַלט שוין אַפילו דער ערשטער שאַל פון שופר.

אַז איך האָב גענומען וויינען און זיך בעטן: איך הער נישט, דער שאַל פון שופר דערגייט נישט צו מיין אויער, האָט דער צדיק אין דער פויגלשער געשטאַלט מיר אַ לייכטן קלאַפּ געטאָן מיטן שנאָבל איבערן רעכטן אַקסל (איך פיל די הויט דאָרט ברענען אַלע דריי מעת לעת זינט דעמאָלט), און געזאָגט צו מיר אַזוי: ביז דער שאַל פונעם שופר וועט דערגרייכן צו ערדישע אויערן קאָן עס נעמען וואָכן, חדשים און אַפילו יאָרן. אָבער שוין דער ערשטער שאַל וועט אויפטרייסלען די וועלט; עס וועלן זיך פון דעם ערשטן שאַל לאָזן הערן געיעג פון רייטערס און שיסעריי פון ביקסן, געשרייען פון גערוּבנעטע און די כאָרכלעריי פון גוססע. עס וועט זיין אַ שברים תרועה פון געוויין און געיאָמער ערב דער גרויסער תקיעה פון פרייד.

— אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט — האָט כּאַסקל אויפגעהויבן דעם קאָפּ וואָס ער האָט אים די גאַנצע צייט געהאַלטן אַנגעשפּאַרט אויפן שטעקן — בין איך געווען איינגאַנצן ווי אָפּגעבאָדן אין קאַלטן שוויס.

— ס'איז קיין חידוש נישט — האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן, און אין דעם „קיין חידוש נישט" איז געלעגן אי העפלעכקייט צו כּאַסקלען און נאָך מער אייגענע צערודערטקייט.

כּאַסקל איז שוין געווען ביי דער טיר ווען ער האָט פּלוצעם זיך אומגעקערט, אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ צום טאַטן:

— און איר ווייסט, ר' איציע, די שרעק פונעם חלום האָב איך גיך גובר געווען. איך האַלט זיך בלויז אין איין פראַגן: מיט וואָס האָב איך, אַ פּראָסטער דאָרפס־ייד, זוכה געווען מען זאָל מיר אָנזאָגן די בשורה?

— נו? נו? — האָט דער טאַטע איבערגעפרעגט, און איך האָב

געפּילט ווי ער שמייכלט אין זיך מיט צופרידנקייט, ווייל אים האָט זיך געדאַכט, אַז כּאַסקל אַליין האָט מיט זיין פראַגע אַריבערגעפירט דעם ענין חלום אויף אַ לייכטער געמיט.

— איך ווייס נישט, ר׳ איציע, כ׳ווייס באמת נישט — האָט כּאַסקל געענטפערט מיט דערשרעקנדיקן ערנסט — סיידן מיין אָרעמקייט, מיינע ביטערע מסחרים מיט די ערלים, מיינע שווערע זאַלישטשיקער יאַרידים און ועל כולם די צרות מיט מיין מענדלס אויגן, זאָלן מיר האָבן געבראַכט די זכיה.

אַז כּאַסקל איז שוין געווען פון יענער זייט טיר, איז מיין ייִנגערער ברודער, דעמאָלט אַ בר־מצווה־ייִנגל, וואָס איז אינצווישן אַריינגעקומען און האָט זיך צוגעהערט פול מיט שפּאַנונג צו כּאַסקלס חלום וועגן משיחן, צוגעלאָפן צום ספרים־אַלמער, האָט אַרויסגענומען ספר תרי עשר, האָט אויפגעמישט זכריה, וואָס ער האָט אָקאָרשט דעם לעצטן זמן געלערנט אין חדר ביי וואָווע קוגל, און מיט אַ מינע פון אַנטפלעקערישקייט גע־לייענט פאַרן טאַטן דעם נביאס רייד וועגן משיחן, וואָס וועט זיין אַן אָרעמאַן און וועט רייטן אויף אַן אייזל (הוא עני ורוכב על חמור).

— אַוודאי זון מיינער — האָט זיך דער טאַטע אַרויסגעריסן פון פאַרטראַכטקייט — די תורה קומט אַרויס פון די בני־עניים און אויך משיח וועט זיין פון די אָרעמע לייט און וועט מן הסתם אויסזען ווי כּאַסקל, דער אייער־פּאַרקויפער.

און דער טרויעריק־איראָנישער שמייכל, וואָס האָט דעמאָלט בעת מעשה אַ שפּיל געטאָן אויפן טאַטנס פּנים, מעהעט נאָך איצט, ווען איך דערצייל דאָס, ווי אַ חוזק־שפּיגעלע פאַר מיינע אויגן.

ג

שבת אינדערפרי האָט זיך דער קלויסטער־גלאָק געלאָזט הערן. געדאַרפט האָבן די קלאַנגען פון גלאָק זיין אַנדערש ווי תמיד. זיי האָבן געדאַרפט זיין קורץ, אָפּגעהאַקט און אַרויסקלינגען צום דאָרף: פאַרזאַמלט איך צו פאַרנעמען דעם רוף פונעם קייסער; ס׳איז מלחמה אין לאַנד און וואו אַ רעזערוויסט מוז ער פּאַקן זיין קופערט און נאָך היינט אַוועק צום רעגימענט.

אָבער דער אַלטער קלויסטער־דינער האָט פון געוואוינהייט געצויגן

דעם שטריק מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זיין גוף און דער קלאַנג פונעם גלאָק איז אַרויסגעקומען ווי תמיד אַ לאַנגער, אַ שטיל־טרויעריקער און האָט געטראָגן אין זיך מער באַרואיקונג ווי אַלאַרם. ס׳איז געווען גלייך ווי דער קלויסטער־דינער זאָל, ווי אַלעמאָל, אויך דאָסמאָל רעדן דורכן גלאָק צו די דאָרף־בעלי־בתים און זיי זאָגן: שרעקט אייך נישט, גאָרנישט אומגעוויינטלעכס איז געשען, בלויז ווידער אַ מת אין דאָרף, גרייט אייך צו אַ לוויה.

האָט טאַקע כאַסקל געהערט דעם גלאָק קלינגען און האָט זיך רו־איק ווייטער געציקלט דעם טראָפּ צו דער סדרה „דברים״ און האָט נישט אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז דער אָנזאָג פון ערשטן שאַל פון שופר של משיח, וואָס איז אים מיט עטלעכע וואָכן צוריק אָנגעזאָגט געוואָרן אין חלום, איז שוין מקוים געוואָרן.

אַז כאַסקל איז אַרויס פון שטוב צו גיין אין קלויז אַריין און איז געוואויר געוואָרן וואָס ס׳איז געשען, האָט ער אַ צי געטאָן צו זיך נעב־טער זיין בן־יחיד מענדל, אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען, מיט האַלב בלינדע אויגן אונטער שווערע שוואַרצע ברילן, וואָס האָט ווי אַלע שבת גע־שפּאַנט לעבן טאַטן אַ דערשלאָגענער און אַ נישט־דאַאיקער, און צו אים אַ זאָג געטאָן (כאַסקל האָט געהאַט דאָס באַדערפעניש צו זאָגן, און מענדל איז איצט געווען דער איינציקער יידישער אויער אין דער נאָענט):

— מענדל, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן! דער ערשטער שאַל פון שופר של משיח האָט אַראָפּגעדונערט פון די הימלען און האָט דערגרייכט צו אונדזער ערד. משיח קומט!

דאָס ייִנגל האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער מיט אַ טויבלעך־צע־שראָקן פּנים און האָט מער געיאָמערט ווי געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו, טאַטע?

וועגן בן־יחיד זיינעם האָט זיך כאַסקל נישט געחידושט. ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ער האָט גערעדט איבער מענדלס השגה און האָט מיט זיינע ווערטער בלויז איבערגעשראָקן דאָס קראַנקע ייִנגל.

געשטוינט האָט כאַסקל, וואָס אויך אין קלויז ביים דאַווענען האָט מען רק געקלאָגט און געיאָמערט. מען האָט געקלאָגט איבער די רע־זערוויסטן, וואָס מוזן נאָך היינט, שבת, פאָרן צו זייערע רעגימענטן, און

מען האָט געיאָמערט הלמאי פּאַניעס זעלנער קאָנען מאַרגן אַריבערשפּאַ־נען די גרענעץ און אַריינקומען אין דאָרף אַריין.

אפשר ס׳ערשטע מאָל אין יאָרן, אין לאַנגע יאָרן פון זיכערקייט און בטחון, זיינען ביי כאַסקלען אויפגעקומען ספקות. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז אַלע יידן דאָ אין קלויז פונעם שוחט ר׳ יעקב נחום און ביז לייבאַ גוי זאָלן הערן בלויז דעם גערודער פון דער מלחמה און זאָלן נישט האָבן דערהערט אויך אַ שאַל, אַן ערשטן בלאָז פון שופר של משיח? ווי אַזוי איז געמאָלט אַז קיינער פון די יידן אין קלויז זאָל אין דער אָנקומנדיקער פינצטערניש נישט דערזען אויך אַ שיין, אַן ערשטן שיין פון דעם גרויסן ליכט פון גאולה? און אַז זיי האָבן יאָ דערהערט און יאָ דערזען, האָט כאַסקל ווייטער געצויגן זיינע טראַכטענישן, פאַרוואָס רעדט מען נאָר וועגן דער פיצטערניש און מען דערמאָנט נישט מיט אַ וואָרט דאָס ליכט, וואָס איז אַזוי נאָענט?

— ר׳ איציע — האָט זיך כאַסקל אַ הויב געטאָן פון דער באַנק ביים שולחן, איז צוגעגאַנגען צו מיין טאַטן, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביים צונויפלייגן דעם טלית, און אים אַ פרעג געגעבן מיט אַ פאַרדראָ־סיק ביטערן שמייכל (אַזאַ ביטערן שמייכל פון עפּעס אַ לעצטן נשמה־אָנשטרענג האָבן געוויינטלעך גלויביקע אין מאָמענטן פון שווערסטן צווייפל) — איר אויכעט, ר׳ איציע?

— ? ? —

— איר זעט אויך בלויז די רעזערוויסטן, וואָס פאָרן העלפן קירהן און איר זעט נישט (כאַסקלס פּנים האָט זיך אַזש אויסגעקרימט פון דער שמייכל־ביטערניש און ער האָט גענומען עפּעס ווי שטאַמלען זוכנדיק אַ נאָמען פאַר דעם, וואָס אויך דער טאַטע זעט נישט) און איר זעט נישט דעם גרויסן רעזערוויסט, וואָס גאָט ברוך הוא האָט היום יום אַרויס־געשיקט אויסצולייזן די יידן און אויסצולייזן די וועלט?

איך האָב ממש געזען ווי דעם טאַטן איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ: אָט דאָס, הייסט עס, און נישט עפּעס אַנדערש איז די עוולה.

דער טאַטע האָט אַ לאַך געטאָן מיט חיבה צו כאַסקלען און גענומען רעדן מיט התפעלות וועגן דעם אומגעריכטן און גוטן נאָמען פאַר משיחן: דער גרויסער רעזערוויסט.

— איר ווייסט כאַטש, ר׳ כאַסקל, ווי גוט און אין קאָרב אַריין איר האָט געטראָפן מיט דעם „גרויסער רעזערוויסט״?! משיח איז דאָך טאַקע

די איינציקע רעזערווע פון הילף און אויפרעכטונג, וואָס איז פאַרבליבן אונדז יידן און אויך דער גאַנצער וועלט.

— אָבער איר האָט נישט קיין אמונה אין משיחן — איז כאַסקלס פּנים געווען שטרענג און רוגזהדיק און זיינע טונקעלע אויגן האָבן קנאותדיק געברענט — איר גלויבט נישט אין משיח און איר גלויבט אויך נישט דערין, וואָס איך אַליין האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן און געהערט מיט מיינע אויערן.

— און איך זאָג אייך — האָט כאַסקל מיט זיין מאָגערן גוף ווי צוגעשטופּט דעם טאַטן און מיך צו דער וואַנט און גערעדט מיט אַ קול, וואָס ס'האָבן זיך אין אים געמישט די ציטערדיקייט פון תחנונים און פון צער און דער האָפערדיקער ברום פון אַ ממש פון זינען אַראָפּיקער זיכערקייט — איך זאָג אייך, אַז היינט שבת חזון האָט זיך משיח געלאָזט אין וועג אַריין. איך זע זיין שיין און איך הער זיינע טריט.

— אַ בעטלער פון האָפענונגען — האָט דער טאַטע אויפן וועג אַהיים געפּרואווט מיט אַ גלייך וואָרט צו פאַרדעקן זיין גרויס צערודערונג.

— און אַ נביא — האָב איך צוגעגעבן און דערמיט באַוויזן פאַרן טאַטן, אַז אויך איך בין צענומען פון כאַסקלס רייד.

— ס'איז דאָס אייגענע — האָט דער טאַטע צוריקגעוואונען זיין זעלישע רו און מעשה ניטשעאַנער (עס איז געווען די צייט פון פרישמאַנס העברעאישער זאַראַטוסטראַ־איבערזעצונג) אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז נבואה און בעטלעריי פון האָפענונגען זיינען היינו הך, דערעיקערשט דע־מאָלט, ווען דער נביא איז אַ פּראָסטאַק, פון די דלי־עם און וואַרט אויף משיחן, כדי פּטור צו ווערן פון זיין אייגענער אָרעמקייט און פון זיינע אייגענע צרות.

עס זיינען זינט דעמאָלט אַריבער פערציק פולע יאָר און איך גע־דענק, גלייך דאָס זאָל געווען זיין נעכטן, יענעם הייסן שבתדיקן זומער־טאָג און כאַסקלס נאָך הייסערע ווערטער פון משיח־זעאונג, וואָס מיין טאַטע האָט געפּרואווט לעשן, ווי מיר דאַכט זיך היינט, מיט אַ ביסל „קעלניש וואַסער" פון ניטשעאַנישע פאָרמולירונגען.

איך געדענק, אַז דעם טאַטנס רייד האָבן נישט געמינערט די אומרו־איקייט, נישט בלויז ביי מיר, נאָר אויך ביי אים אַליין.

ד

אויף מאָרגן, זונטיק בין איך אַוועק צוריק אין „אַ שטאָט מיט יידן״ און דאָרטן בין איך זעקס חדשים שפּעטער געוואָרן איינער פון די „רעזערוויסטן״, וואָס האָבן געהאָלפן קירהן פירן די מלחמה.

איך האָב, אַן ערך, זעקס אָדער זיבן יאָר כאַסקלען נישט געזען. ווען איך האָב נאָך דער מלחמה ווידער פאַרבראַכט עטלעכע זומער־וואָכן אין דאָרף האָט מען מיר דערציילט, אַז וואָס מער די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן, זיינען זיך כמעט אַלע יידן פון דאָרף צעלאָפן אין די אַרומיקע שטעטלעך. דער איינציקער ייד, וואָס איז די גאַנצע צייט און ביז צום סוף פאַרבליבן אין דאָרף מיט פאַניעס סאָלדאַטן איז געווען כאַסקל.

פון זיינע צוויי שטובן מיט אַ פּירהויז האָט פאַניע ביי אים צו־גענומען די גרויסע שטוב מיטן פּירהויז און האָט דאָרט איינקוואַרטירט סאָלדאַטן. אין קיך האָט כאַסקל געוואוינט מיט זיין משפחה, דאָרט האָט ער געהאַט זיין „אייער־סקלאַד״, און דאָרט האָט ער געלערנט זיין „קב הישר״ און געחלומט זיינע משיח־חלומות.

האָט זיך באַפעסטיקט פאַניע אין דאָרף, האָט כאַסקל דערין געזען אַ סימן, און מע האָט אים דעם סימן געוויזן אין חלום, אַז כלו כל הקיצין, אַז ס׳איז סוף חד־גדיא, ס׳האַלט ביים נצחון פונעם מלאך רע און במילא ביים נצחון פון דער גאולה איבער דער רשעות, וואָס דאָרף ערב דעם סוף צייטווייליק מנצח זיין.

טאָמער אָבער האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז פאַניע האָט ער־געצוואו אין די קאַרפּאַטן געליטן אַ מפּלה און וועט היינט־מאָרגן מוזן אָפּטרעטן פונעם דאָרף, האָט כאַסקל ממש אויפגעשטראַלט מיט דער־זעלבער זיכערקייט, אַז ס׳איז געקומען די אמתע מיבוט. ווער דען — האָט ער געטראַכט און געזאָגט צו זיין ווייב און זיין קראַנקן זון, ווייל ס׳איז דאָך נישט געווען קיין אַנדער ייד אין דאָרף עס אים צו זאָגן — ווער דען זאָל באַגלייטן משיחס אָנקום אַז נישט די סאָלדאַטן פון קירהן, דעם מלך חסד?

ה

ווען איז אָן אמת, אמת? ווען דער וואָס זאָגט אים גלויבט אין אים, אָבער נאָך מער ווערט דער אמת וואָר ווען דער וואָס הערט אים דערפילט זיין וואָרהייט.

כאַסקל האָט דעם האַלב טוץ זעלנער, וואָס פאַניע האָט אַריינ־געשטעלט צו אים אין דער גרויסער שטוב, דערציילט זיינע משיח־חלומות און די זעלנער האָבן געגלויבט אין די חלומות און אין כאַסקלס ביידע סימנים פון משיחס אָנקום. כאַסקל האָט די סאָלדאַטן אָנגעשטעקט מיט זיינע משיח־זעאונגען. און לויט דער עדותשאַפט פון די פויערים האָבן צוויי פון די זעקס זעלנער זיך געוואָלט מגייר זיין און בלייבן דאָ אין דאָרף לעבן אים.

ס'האָט זיך דערנאָך געמאַכט, אַז פאַניע האָט געמוזט אַנטלויפן פון דאָרף אין איין האַלבער שעה און ווער האָט אין יענער האַלבער שעה פון קאָמאַנדע און בהלה געקאָנט געדענקען מער ווי דעם רוקזאַק אויף די פלייצעס?

האָבן אויך די צוויי זעלנער פאַרגעסן אין דער בענקשאַפט צום יידישן משיח, וואָס כאַסקל האָט אין זיי געהאַט אָנגעצונדן, און זיינען מיט זייער סאַרזשענט אַוועק פון דאָרף, צוריק קיין רוסלאַנד, צוריק צו ווייב און קינד.

כאַסקל איז דערפון נישט נתפעל געוואָרן. פאַניע לויפט, אַלע פאַניעס לויפן, ס'טוט זיך רעבעליש ביי זיי אין לאַנד און אַפילו זיינע אייגענע צוויי פאַניעס אַנטלויפן. דאָס האָט בלויז פאַרשטאַרקט כאַסקלס סימנים און כאַסקלס זיכערקייט.

די זיכערקייט האָט אָנגעהאַלטן ביז ער האָט דערזען אַז נאָכדעם וואָס פאַניע איז אַנטלאָפן האָט זיך קירה נישט אומגעקערט.

ס'איז געוואָרן אויס מלחמה און עס האָבן זיך באַוויזן נייע מושלים: די רומענער; יידן האָבן זיך אומגעקערט אין דאָרף אַריין און ס'לעבן האָט גענומען גיין ווי פריער, ווי פאַר יענעם שבת חזון מיט פינף יאָר צוריק און — קיינער פאַרנעמט נישט ס'קול און קיינער הערט נישט דעם שאַל פונעם שופר של משיח. דעמאָלט האָט זיך כאַסקלס אמונה, ווייזט אויס, אַ וואַקל געטאָן.

ער האָט עס, פאַרשטייט זיך, קיינעם נישט געזאָגט, אָבער טאַקע

כאַסקלס נישט רעדן, זיין אויפהערן דערציילן חלומות, דער האַרצ־רייסנדיקער טרויער, וואָס האָט אַרויסגעקלאָגט פון זיינע אויגן און אַרומגענומען ווי מיט עפּעס אַ טונקעלער רייף כאַסקלס פּנים פונעם שטערן ביז צו די איינגעפאַלענע באַקן — דאָס אַלץ און, נאָך מער ווי אַלץ, דער צומאָל אומזיכערער גאַנג זיינער איבער די זומערדיקע טרוקענע וועגן ווי איבער דינעם אייז, האָט דערציילט, אַז כאַסקל איז קראַנק געוואָרן אויף ספקות, אַז די ספקות פרעסן אים די נשמה און רופן זיך אויך אָפּ אויפן געזונט פונעם גוף.

האָט מען כאַסקלען געפרעגט צי ער פילט זיך, חלילה, נישט בקו הבריאות, האָט ער געענטפערט מיט שטוינונג: וואָס פאַלט אייך עפּעס איין? הלוואי קיינמאָל נישט ערגער. איך בין מיין לעבן לאַנג נישט קראַנק געוועזן און איצט — אויך נישט.

אָבער אין איינעם אַ הייסן זומער־טאָג, ווען די ערד איז געווען צעפּיקעט פון דורשט נאָך אַ ביסל רעגן, האָט זיך כאַסקל אומגעקערט פון שטאָט אַהיים. די עטלעכע מייל אַהין איז ער געגאַנגען צו פוס און ווי אַלעמאָל מיט לייכטקייט. אָבער צוריק, אַז ער איז אַריבער כמעט האַלב וועגס, האָט כאַסקלען גענומען שפּאַרן אונטערן לעפעלע און דערנאָך שניידן אין די געדערים ווי מיט אַ שטומפּיקער קאָסע. ער האָט זיך קוים דערשלעפּט ביז צו דער חרובער קרעטשמע, וואו ס'ענדיקט זיך דער קייסער־שטראָז. דאָרט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל מיט די עטלעכע שטיקער קאַלעך און מיט דעם צענדליק טאָלפּן זאַלץ און אַ צונויפגעקאָרטשעטער אין דרייען געוואָרט ס'זאָל אונטערקומען אַ פערד און וועגעלע ער זאָל זיך קאָנען אַרויפכאַפּן און צופאָרן אין דאָרף אַריין.

אויף דעם שווערן פויערשן וואָגן וואָס האָט מוראדיק געטרייסלט און כאַסקלען איז נאָך ערגער געוואָרן. ער האָט גענומען בעטן מיט גוטן און דערנאָך, ווייזט אויס, זיך בייזערן אויפן פויער, ער זאָל פאָרן פאַ־וואָליע. צי דער פויער האָט געוואָלט מאַכן שפּאַס מיט כאַסקלען, צי גאָר האָט ער זיך דערשראָקן פאַרן קראַנקנס קול און פאַר זיין פון ווייטיק צעקרימטער צורה, האָט מען שפּעטער פונעם פויער נישט גע־קאָנט דערגיין. אָבער זיכער איז, אַז דער פויער האָט דווקא נאָך מער געיאָגט די פערד און זיי דערנאָך ביים „סטאַווטשאַנער" באַרג־אַראָפּ נישט געקאָנט מער איינהאַלטן.

מען האָט כאַסקלען געבראַכט אַהיים אַ צעהרגעטן און ער האָט נאָך געלעבט בלויז עטלעכע מעת־לעת. ער האָט געליטן שטאַרקע יסורים און איז געלעגן אַ שטומער, אָן לשון. אָבער דווקא דעם לעצטן טאָג איז דעם חולה בעסער געוואָרן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער הויבט אָן קומען צו זיך.

כאַסקלס לעצטער טאָג איז געווען אַן אויסנעמלעכער. פאַר יענעם טאָג איז וואָכנלאַנג געשטאַנען אַ טריקעניש. די סנאָפּעס אויף די פעל־דער זיינען געווען פאַרחלשטע פון היץ און פון מינדסטן באַוועג האָבן זיך ביי זיי די קערנער געקרישלט פון די זאַנגען. נאָך יענעם טאָג האָט זיך ווידער אָנגעשטעלט אַ הייסער, בלאָער הימל.

אָבער די אָן ערך צוואַנציק שעה, וואָס זיינען געווען כאַסקלס לעצטע שעהן, האָט עס אינדרויסן ממש געמבולט. שווערע שטיקער רעגן האָבן מיט געפילדער געקלאַפּט אין דאַך, אין די ווענט און אין די פעסער אויפן הויף, און די קולות פון די דונערן און די בלוט־אויגן פון די בליצן זיינען געווען ווילדער און מוראדיקער ווי אַלעמאָל.

פון צווישן די וואונדן און קאָמפּרעסן אַרויס האָבן כאַסקלס אויגן געשיינט מיט אַ שיין פון האָפערדיקייט. ער האָט אַלעמאָל צוגערופן ס'ווייב און זיין קראַנקן זון מענדל און צו זיי געמורמלט: „איר הערט? דאָס איז עס!"

פאַרנאַכט־צו, אַז דער דרויסן האָט זיך גענומען איינשטילן און אויסלייטערן איז כאַסקל געבליבן ליגן אַ דרימלענדיקער, אָבער מיט באַשיינפּערלעכער אָנגעשטרענגטקייט און דערוואַרטונג אין זיין פּנים און אין זיינע לאַנגע אויסגעצויגענע הענט איבער דער דעק. אַזוי אַ האַלבע שעה און אפשר אַ גאַנצע, ביז — ער איז אַנדרימלט געוואָרן אויף אייביק.

ו

דעם אַנדערן טאָג האָט מען כאַסקלען געבראַכט צו קבורה. ס'איז געווען פרייטיק און יידן האָבן זיך געאיילט אַריינצוכאַפּן וואָס גיכער די פיר שעה וועגס הין און קריק צום בית־עלמין, און מען האָט קיין צייט נישט געהאַט צו דערציילן די שטאָטישע און זיך אַליין וועגן

כאַסקלען, וועגן זיינע משיח־חלומות און וועגן זיין לעצטן אויסטערלישן טאָג פון דערוואַרטונג.

אָבער צומאָרגנס אין דער נייער קלויז פאַרן דאַוונען, דערנאָך ביים אַהיימגיין, און ערשט רעכט ביי שלום סעודות האָבן די יידן דערפון נישט אויפגעהערט צו רעדן. און לייזער בער חסיד האָט דערציילט באריכות און מיט אַלץ נייע פרטים די מעשה, וואָס ער האָט געהערט פון וויזשניצער חסידים וועגן סטרעטינער רבי ר' אברהמל, וואָס איז געשטאָרבן נישט מחמת ער איז געווען קראַנק אָדער אַלט, נאָר מחמת גרויס בענקשאַפט נאָך משיחן, מחמת אַ בענקשאַפט עד כלות הנפש.

און כאַסקל — האָט לייזער בער געהאַלטן אין איין איבערחזרן אין דער מיט און ביים סוף פון דער מעשה — אָט דער פראָסטער דאָרפס־ייד כאַסקל איז געווען אַ גילגול פונעם סטרעטינער צדיק.

אויך אים, כאַסקלען, האָט זיך אויסגעלאָזט ס'חיות פון בענקשאַפט נאָכן מלך המשיח.

לייבאָ גוי

א. זומער־שבתים

אין די זיבן ביז אַכט זומער־שבתים דורכן יאָר, וואָס איך פלעג פאַרברענגען אויף וואַקאַציע אין דאָרף, געדענק איך נישט, אַז לייב אַליניק זאָל האָבן פאַרפעלט אַ שבת אינדערפרי צו קומען אָפּנעמען מיין טאַטן אין קלויז אַריין צום דאַוונען.

אַז די וויזערס אויפן וואַנט־זייגער האָבן זיך דערנעענטערט צו אַכט, האָבן מיר קינדער גענומען אַרויסקוקן דורכן פענצטער, געוואָלט דער־טאַפּן מיטן אויג לייבן וואָס וויטער אויפן שטראָז און אָנזאָגן דעם טאַטן, אַז מען דאַרף זיך שוין פּאַרטיק מאַכן אין שול אַריין — לייבאָ (מיטן טראָפּ אויפן לעצטן טראָף) גייט שוין.

ליבאָ (מיט אָט דעם גויאישן קלאַנג פונעם נאָמען זיינען די יידן אין דאָרף אויסן געווען אונטערצושטרייכן לייב דעם איילפּרעסערס פאַר־גרעבטקייט און גויאישע התנהגות) האָט זיך באַוויזן אויפן שטראָז אַ גע־וויקסיקער, אַ ברייטער, אין הויכע שטיוול, מיט אַ שטריימל אויפן קאָפּ און מיט אַ טלית אויף די פּלייצעס.

געשפּאַנט האָט ער שווער. ער האָט געהויבן און געשטעלט די פיס אויפן טרוקענעם וועג, גלייך ער וואָלט זיך אָנגעשטרענגט זיי אַרויס־צוציען פון אַ געדיכטער און קלעפּיקער בלאָטע. מיט די הענט פאַר זיך, פאַרדרוקט איינע אין דער צווייטערס אַרבל, האָט לייבאָ ווי מיט אַ רייף צוריקגעהאַלטן דעם גוף און דערמיט געהאַמעוועט און נאָך שווע־רער געמאַכט זיין גאַנג.

אויף דער שוועל פון פּאָליש, האָט די קלויז־גייערס געוויינטלעך אָפּגעוואַרט אייזיע, דער שענקער וואָס איז אַלעמאָל געווען איינער פון די ערשטע אין שול.

אייזיע איז געווען אַ קליין יידל מיט אַ צוויי־שפּיציקער באָרד, מיט שטיפעריש פאַרפלאָמטע באַקן, און מיט אַ שאַרפער צונג, וואָס האָט זיך בייז געחכמהט און אַלעמען אַריינגעזאָגט.

אייזיע מעסט אָפּ די אָנגעקומענע דאָווענער מיט זיינע גרויסע, תמיד פייכטע אויגן, ווי ביי אַ פאַרוויינט קינד, און שוין האָט ער וועגן יעדן עפּעס צו זאָגן.

יעקב בעריש מיט די שוואַרצע ברילן, ווייס אייזיע, נישט ער גייט, נאָר ער לויפט, ווייל ער וויל דאַווענען פון פאַרנט און ער האָט מורא, אַז זיין ברודער חיים ניסן זאָל ביי אים נישט אויסכאַפּן דעם עמוד.

ברוך שניידער שאָקלט זיך אַזוי גייענדיק, ווייל ער האַלט נאָך אַלץ אין מעביר זיין די סדרה, וואָס ער האָט אינדערהיים נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן.

די סאַמע שפּיציקסטע זאָגעכצער האָט אייזיע שענקער צו זאָגן וועגן לייבאָ גוי.

אַז לייבאָ קומט צו שפּאַנען ביי מיין טאַטנס זייט אין קלויז אַריין, אַ שווערער, אַן איינגעבויגענער און אַ טעמפּלעך־פאַרטראַכטער, נעמט זיך אייזיע באַלד צו פאַרענטפערן קשיות וועגן לייבן.

פאַרוואָס גייט לייבאָ קיינמאָל נישט אַליין אין קלויז אַריין? — ווייל אַ גוי שרעקט זיך פאַר יידן, וואָס „מאַליען זיך".

און פאַרוואָס קומט לייב תמיד אַזאַ מידער און אַזאַ איינגעבויגענער אין שול אַריין? — ווייל דער טלית וואַזשעט אים אַראָפּ. עס איז לייבאַן אַ סך גרינגער צו כאַפּן אַ זאַק באַרבוליעס אויף די פּלייצעס, איידער צו טראָגן אַ טלית מיט אַ זילבערנער עטרה אויף די אַקסלען.

יידן האָבן, פאַרשטייט זיך, געלאַכט פון אייזיעס וויציקע השערות וועגן לייבן (ווער האָט דאָס נישט קיין הנאה פון אַ חכמה, אַז מען זאָגט עס נישט וועגן אים, נאָר וועגן יענעם?...) אָבער מיט דעם אמת האָבן זיך די חכמות דאָסמאָל (עס טרעפט דווקא זעלטן!) אַפילו פונדערווייטנס נישט באַגעגנט.

דער אמת איז געווען, אַז לייב, דער אייל־פרעסער האָט נישט גע־האָט וואָס מורא צו האָבן פאַרן דאַווענען מער ווי אַנדערע יידן אין דאָרף ער האָט געקענט עברי, אויב נישט מער, און זיכער נישט ווייניקער ווי אַנדערע.

קומען אָפּנעמען מיין טאַטן שבת צום דאַווענען פלעגט לייב פּשוט דערפּאַר, ווייל אונטערוועגס אין קלויז אַריין איז געווען די בעסטע צייט געוואויר צו ווערן, וואָס ס׳הערט זיך אויף דער וועלט און אַמאָל אויך איבערצופרעגן די ריכטיקע טייטש פון אַ פּסוק אין דער סדרה.

און אַ טרויעריק־פאַרקלערטער, אַ פּאַר׳מרה־שחורה׳טער מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ איז לייב אָליניק געגאַנגען נישט בלויז אין שול אַריין, נאָר אויך אויף אַלע אַנדערע וועגן זיינע. אַזוי דערשלאָגן און הכנעהדיק איז לייב געווען אַלעמאָל און איבעראַל, אין קלויז און ביי זיך אין שטוב, אין אַ שמועס מיט פרעמדע מענטשן און אויך מיט די אייגענע בני־בית.

אַנדערש, אינגאַנצן אַנדערש האָט לייב בלויז אויסגעזען, ווען ער איז געזעסן אויף דער קעלניע און געהאַלטן די לייצן פון זיינע פערד אין האַנט, אָדער ווען ער איז געריטן אַ טראָפּ אויף איינעם פון זיי.

לייבס קאַשטאַנעס זיינען געווען אַ שם דבר. אַזעלכע צוויי גרויסע, שיינע, גוט אויסגעפּאַשעטע און אויסגעפּוצטע פערד האָט קיינער אין ביידע דערפער נישט געהאַט. די רייכע פּויערים פון באַרנעוו האָבן אַזוינע פערד נישט פאַרמאָגט און ביים זאַטעוויצער פּריץ אין שטאַל זיינען זיי אויך נישט בנמצא געווען.

לעבן זיין פערד איז לייב ווי איבערגעביטן געוואָרן. אַ גע־שטרעקטער, אַ שטאָלצער און אַ פריילעך שיינענדיקער האָט ער אַ צי געטאָן די לייצן און די קאַשטאַנעס האָבן גענומען יאָגן, שלינגען מיילן מיט די פיס איבער פאַרשטויבטע פוילישע וועגן און איבער געשאָטערטע קייסער־שטראָזן.

מען האָט געדאַרפט זיין לייבס אַ פּאַסאַזשיר, כדי צו זען, וואָס פאַר אַ פרייד זיינע פערד האָבן אים פאַרשאַפט. די הנאה האָט אים ממש אונטערגעטראָגן. ער איז באַרעדעוודיק געוואָרן און געהאַלטן אין איין באַוואונדערן, אין וואָס פאַר אַ גלייכן און לייכטן טראָפּ די פערד לויפן. און ווי חידושלעך אויסגעמאָסטן און פּינקטלעך, ווי אויפן זייגער, עס לאָזן זיך אַראָפּ די פעדערשטע פיס ביי ביידע פערד און קוים וואָס זיי באַרירן מיט די פּאַדקאָוועס דעם וועג.

און אָפּט גיט זיך לייב פלוצעם אַ ריס פון דער קעלניע, בלייבט שטיין אין וואָגן אַ הויכער, אַ מעכטיקער, צעקעמט מיט די פינגער פון

זיין לינקער האַנט די געדיכטע, אַביסל קאַלטענאַוואַטע באָרד, און מיט דעם בליק זיינעם שוועבט ער איבער די פעלדער פאַרנט און איבער די פעלדער ביי דער זייט. ער וואַרפט צו אַ היימיש־וואוילוונגערישן „באַזשע פאָמאָהאַי״ (גאָט העלף) צו די שניטערס, צו די בינדערס און פון זיין באַגריסונג קלינגט אַרויס מיט איבערנעמערישקייט: האָט איר ווען ס'איז שוין געזען אַזעלכע שיינע, געראָטענע לויפערס ווי די צוויי קאַשטאַ־נעס דאָ?

אַזוי געדענק איך לייבן פון יענע מיט־זומערדיקע צוויי מעת־לעת ווען ער האָט מיין מאַמען און מיך, אַ בר־מצווה־בחור, געפירט מיט זיינע קאַשטאַנעס פון זאַטעוויץ איבער בוקאָווינער און גאַליצישע דערפער, איבער פעלדער און וועלדער און איבערן דניעסטער אַריבער צו אַ קרובישער חתונה אין גאַליצישן שטעטל מילניצע.

אין מילניצע האָט קינד און קייט באַוואונדערט די צוויי פייערדיקע רויטע פערד, דערעיקרשט זייער גאוהדיק־לייבישן אַריינױאַג אין שטעטל. אָבער וועגן בעל־הבית זייערן, לייב אָליניק, האָט מען געקרימט מיט דער נאָז און, גלייך מען זאָל געוועזן קענען זיך צונאָמען פונדערהיים, זיך געשושקעט: אַ פאָלנער גוי — אָט דער בוקאָווינער ייד.

פאַר די מילניצער יידן איז לייב געווען אַ גוי, ווייל, וויאַזוי זיצט דאָס אַ ייד רק מיט די פערד אין שטאַל און ער איז פאַרנומען מיט זיי? אָט פילט ער פאַר זיי אָן דעם זשאָלעב און אָט פירט ער זיי פאָיען, אָט רייניקט ער און אָט פוצט ער די פערד און אָט גלעט ער זיי סתם אַזוי און קוקט זיי מיט הנאה אין די אויגן.

פאַר גנבים אין נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. איבער נאַכט זיינען פאַראַן וועכטער ביים גבירישן בעל־שמחה אין הויף, און איבערן טאָג בלייבט דער שטאַל אויך נישט אַ מינוט אָן אַ שומר. אָבער לייב טרעט פונדעסטוועגן נישט אָפּ פון זיינע פערד. אַפילו כיבוד פון דער חתונה מוז מען אים טראָגן אין שטאַל אַריין.

בלויז איין מעת־לעת צייט און אין דער פרעמד דערצו — און לייב האָט זיך מיט זיין משוגענער געטריישאַפט צו די פערד איינגעקויפט דעם נאָמען גוי. וואָס־זשע קאָן מען שוין פאַראיבל האָבן אויף די זאַטע־וויצער און באַרנעווער יידן, וואָס האָבן לייבן געקרוינט מיט אַזאַ צונאָמען פאַר זיין פירעכץ איבער אַלע טעג פונעם יאָר?!

איבער אַלע טעג פונעם יאָר און אַפילו — אין די הייליקע טעג פון שבת.

אין די זומערדיקע שבתים פירט לייב אַרויס די פערד אויף דער טאָלאָקע, פענטעט זיי די פעדערשטע פיס און לאָזט זיי הנאה האָבן פונעם גרינעם גראָז און פונעם מחיהדיקן דרויסן. ער אַליין, לייב, שפּרייט אויס זיין קאַפּאָטע, לייגט זיך אַוועק, דעקט זיך צו אַ האַלב פּנים מיטן שטריימל און ער כאַפּט, כלומרשט, אַ דרימל. אין דער אמתן לאָזט ער פאַר קיין איין רגע נישט אַראָפּ אַן אויג פון די פערד. ער גייט נאָך מיטן בליק אַיעדער באַוועגונג זייערער און ווייס אַקוראַט, וויאַזוי זיי פילן זיך. לייב דערשפירט יעדן מינדסטן אומרו ביי זיינע פערד.

פאַרנאַכט צו, ווען דער קליינער אייזיקע שטייט ביי דער שוועל פון זיין שענק און קוקט זיך אויס די אויגן נאָך אַ שטערן אויפן הימל, בדי וואָס גיכער צו פאַרויכערן אַ ציגאַר טוטון, דעמאָלט שטעלט זיך אויך לייב אַוועק אויף דער טאָלאָקע מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צום הימל זוכן יענעם שימער פון אַ פייערל, וואָס זאָגט אַן, אַז דער שבת איז פאַרביי.

און אַז לייב דערטאַפּט יענעם פייער־גלאַנץ אין זיינע וויעס, פענטעט ער אויף גיך אויף זיינע פערד, כאַפּט זיך אַזוי אין דער זשופּיצע און אין שטריימל אַרויף אויף איינעם פון די קאַשטאַנעס און יאָגט מיט זיי צום „איזוואָר" זיי געבן אַ קאַלטן, קוואַליקן טרונק נאָך אַ האַלבן טאָג זון און פאַשע.

רייט אַ ייד אַריין אין דער וואָך אין שבתדיקע בגדים. פליט אַ פערד, מיט אַ זשופּיצע און מיט אַ שטריימל איבער זיך, דורכן דאָרף.

גוים שמייכלען, צלמען זיך פאַר בייז וואונדער: די געשטאַלט פון אַ נישט־גוטן, די געשטאַלט פון קריסטוסעס שונא.

יידן קוקן מיט פאַרדראָס און מיט בושה. ס׳איז טאַקע נישט מער שבת, אָבער עס דאַכט זיך זיי פאַרט, אַז לייב איז מחלל שבת בפרהסיה, מחלל די שבתדיקע בגדים. ער איז נישט קיין ייד, לייב, נאָר אַ פאַלנער גוי — לייבאָ גוי.

ב. אַ יידישע בושה

און איינמאָל איז די יידישע בושה וועגן לייבן טאַקע געווען אַ ממשותדיקע, אַ באַרעכטיקטע. לייב האָט ווי עפּעס אַ ליאַדע גוי געגנבעט אַ סנאָפּ קאָנישינע פאַר זיינע פערד.

גנבענען אַ סנאָפּ פּאַשע פונעם פּריצס פעלד, איז פאַר די פּויערים אין דאָרף נישט קיין נאָווינע און — מען האַלט עס נישט פאַר קיין גנבה.

פאָרט אַ פּויער פון פעלד, פון שטאָט און אַז ער קומט אָן צו „די אַקאַציעס", וואו אָט באַלד הויבט זיך אָן דער סכנהדיקער באַרג־אַראָפּ, וואָס האָט שוין נישט איין וואָגן צעשמעטערט, נישט איין פערד אָוועק־געלייגט און נישט איין מענטש דערהרגעט, זעט ער אויף דער רעכטער זייט זיך שפּרייטן אַ וויסן לאַן און אויפן לאַן הונדערטער און אָבער־הונדערטער סטערטעס פון צען און מער סנאָפּעס איעדע. ס׳איז קאָנישינע — גוטע און געשמאַקע פּאַשע פאַר די פערד.

קאָן זיך דער פּויער, אָרעם צי רייך, נישט איינהאַלטן. ס׳איז ערב דעם געפערלעכן באַרג און ער באַקומט רחמנות אויף די פערד און אויך אַביסל אויף זיך אַליין. שפּרינגט ער אַראָפּ, גיט זיך אַ קוק אַרום, צי דער וועכטער איז נישט אין דער נאָענט, און אַ כאַפּ איין סנאָפּ און נאָך אַ סנאָפּ און צוריק אַריין אין וואָגן. איינעם לייגט ער זיך אונטער, ס׳זאָל אים זיין לייכטער צו זיצן בעתן געפערלעכן וועג און דעם אַנדערן דעקט ער צו מיטן סערדיק און לייגט אים אַוועק אָן אַ זייט — אַ נאַשעריי פאַר די פערד באַלד ווי מען קומט אַהיים, נאָך איידער מען שפּאַנט זיי אויס.

זעלטן ווען די וועכטער דערטאַפּן אַזאַ גנב. לייבן האָבן זיי געכאַפּט. ער האָט עס קיינמאָל פריער נישט געטאָן — אַזוי האָט זיך לייב געשוואָרן מיט כל השבועות אויף יידיש און אויף גויאיש פאַר די דריי פון דער דאָרפישער שאָדן־קאָמיסיע, וואָס איינער פון זיי איז געווען נפתלי, דער געוועלבער.

אָבער אין יענעם הייסן דאָנערשטיק, ווען ער איז געפאָרן פון יאַריד, האָט לייב דערציילט, האָט דער וואָגן עפּעס מער ווי תמיד געטרייסלט און אַרויסגעטרייסלט די געדערעם פון אים, און די פערד זיינען געווען

מיד און די פליגן פון די מיסטן ביי דער „סטאַנישטשע" האָבן זייער דערקוטשעט. האָט זיך לייב געטראַכט, אַז וויבאַלד ער וועט איבער־קומען דעם באַרג־אַראָפּ, וועט ער שטיין בלייבן און געבן די פערד אַ נאַש, און טאַקע דערפאַר האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ בינטל — נאָר איין בינטל, נישט ווי די גויים, וואָס נעמען צוויי און אַמאָל אויך דריי סנאָפּעס.

דער וואָגן האָט טאַקע שטאַרק געטרייסלט, אָבער זיך האָט לייב נישט אײַנזינען געהאָט. געגנבעט האָט ער נאָר איין בינטל צוליב די פערד.

אָבער לייבס איין בינטל האָט אָנגעמאַכט מער רעש אין דאָרף, ווי אַלע געגנבעטע גויאישע בינטלעך אינאיינעם.

יידן האָבן וועגן דעם נישט אויפגעהערט צו ריידן און ס'איז געווען אַ גליק, וואָס דער פריץ איז געווען אַ ייד און איז נישט באַשטאַנען, אַז מען זאָל דעם ענין איבערגעבן צום געריכט אין שטאָט אַריין.

למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז פון די גויאישע בינטל־כאַפּער האָט מען דוקא קיין איינעם נישט איבערגעשיקט אין שטאָט אַריין. דער יידישער פריץ האָט עס נישט פאַרלאַנגט. אָבער ווען דער פריץ זאָל געווען הייסן ווי אַמאָל, יאַנקאָ זאַטאַ, און נישט ווי היינט, מאָטיע פישער, איז דען נישט מער ווי זיכער, אַז מען וואָלט לייבן געווען געמשפט ביים זאַסטאַוונער געריכט?

בלויז דער געדאַנק, אַז ווען נישט דער יידישער פריץ, וואָלט די גנבה מפורסם געוואָרן און די בושה וואָלט געווען אַן אַן ערך נאָך גרעסער, האָט יידן ממש אַרויסגעבראַכט פון די כלים אויף לייבן. אייזיע שענקער, וואָס איז בטבע געווען דער לייכטסטער אויף רוגזה, האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף לייבן נישט אַריינלאָזן אין קלויז אַריין, ביז ער וועט נישט פאַרקויפן די פערד. צוליב די פערד — האָט אייזיע געטענהט — איז לייב אימשטאַנד עובר צו זיין אויף אַלע לאווין. ער איז אַ פאַלנער גוי, דער לייב — האָט אייזיע געשריגן און אַ שפּאַר ביסל אַנדערע אין קלויז האָבן אים נאָכגעשריען.

ג. מעכל מילנער זאָגט די קינות

ס'איז געווען אין אַ תשעה באב, ווען זאַטעוויצער יידן האָבן אויפגעהערט טראָגן אַ האַרץ אויף לייבן, און פאַרקערט, געגומען גלויבן, אַז לייב אַלייניק מיט דער משוגענער געטריישאַפט צו פערד, איז גאָר נישט אַזאַ פאַלנער גוי, ווי זיי זיינען געווען זיכער.

די קינות האָט אין יענעם תשעה באב געזאָגט אין דער נייער קלויז נישט עפּעס אַ געוויינטלעכער, סקאַרבאָווער זאָגער, נאָר מעכל, דער מילנער.

אַז מעכל, דער מילנער זאָל זיך לאָזן איינבעטן צו זאָגן די קינות האָט ער געדאַרפט זיין אין אַ באַזונדער געמיט. עפּעס האָט אים פאַר־זענלעך געמוזט זיין שטאַרק טרויעריק אויפן האַרץ, כדי ער זאָל איינוויליקן צו טיילן זיך מיט זיין טרויער מיט די איבעריקע יידן אין קלויז.

מעכל האָט געשטאַמט פון ערגעץ אַ לומדישן יידישן שטעטל אין גאַליציע און האָט דאָ זינט עטלעכע יאָר געהאַלטן די וואַסער־מיל אין דאָרף. מעכל איז געווען נישט בלויז אַ חריפותדיקער למדן, נאָר אויך אַ בקיא אין ספרים חיצוניים און דערעיקרשט איז ער געווען אַ ייד מיט אַ הייסן געמיט, וואָס פון זיינס אַ וואָרט, פון זיינס אַ ניגון האָבן זיך אָנגעצונדן די הערצער ביי אַנדערע און זיי האָבן התלהבותדיק אויפגע־לויכטן.

אַז מעכל האָט גענומען קלאָגן „איכה ישבה” און דערנאָך זיך אַראָפּ־געערדט פונעם האַרץ „אני הגבר” איז דאָס נישט געווען געזאָגט אין סתם נוסח פון קינות. עס איז געזעסן אויפן איבערגעקערטן שטענדער אַ מענטש, וואָס האָט דערציילט פון זיינע אייגענע דערפאַרונגען, וועגן זיינע אייגענע איבערלעבענישן, און זיינע מעשיות האָבן געקאָנט רירן אַ שטיין.

צי די יידן, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו מעכלס רייד, האָבן יאָ, אָדער נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער זאָגט, האָבן זיי אָבער אין דעם מאָמענט געפילט, אַז דער ייד, וואָס זיצט און קלאָגט פאַר זיי, איז דאָרט אַליין געווען, האָט צוגעזען דעם חורבן און איז מיטגעווען אין דעם גרויסן יידישע אומגליק. דער יידישער בראָך, וואָס וועגן אים האָט מעכל דער־ציילט אין דער נייער זאַטעוויצער קלויז, איז געוואָרן נאָענט צום האַרצן. עפּעס איז דאָס געשען נישט מיט ביינצן הונדערט יאָר צוריק, נאָר ערשט דאָ אַנומלט מיט געציילטע יאָרן און חדשים צוריק, און נישט העט ווייט

איבער ימים, נאָר דאָ אין שכנות, אין צווייטן, צי אין דריטן דאָרף פון דאַנען.

און נאָך די קינות האָט זיך מעכל נוהג געווען צו דערציילן נאָך און נאָך מעשיות וועגן חורבן, אגדות פון דער גמרא און מעשיות פון מדרש.

אין יענעם אויפדערנאַכט האָט מעכל איבערגעגעבן די מעשה וועגן די שפינען, וואָס האָבן געטראָגן פייער צום בית־המקדש און וועגן די פייגעלעך, וואָס האָבן מיט די לעצטע כוחות געשלעפּט וואַסער אויף די פליגלען, כדי צו לעשן די שריפה.

— ווען דאָרט זאָל געווען זיין לייב מיט זיינע קאַשטאַנעס — האָט זיך פלוצעם ביי איזיע שענקער אָנגעצונדן זיין שאַרף ציינגל און האָט אַ בליץ געטאָן אין דער שטילקייט פון די צוהערער — וואָלט ער גע־פירט ס׳וואַסער און די פייגעלעך וואָלטן זיך פאַרשפּאָרט אַזוי צו מו־טשען.

— לייב וועט פירן וואַסער פאַרן בית־המקדש? — האָט אונטערגעכ־כאַפּט מיט אַ בייזן לאַך פיניע מיט די קאַליע־אויגן, דאָס צווייטע בייזע ציינגל פון קלויז לעבן איזיען — געטראָפן דעם ריכטיקן פאַרשוין!

איזיעס און פיניעס שטעכווערטלעך האָבן מיטאַמאָל אַלעמען דער־מאָנט אָן לייבן.

וואו איז לייב? וואו איז לייב?

מען האָט אים געטראָפן שטיין אין פּאָליש אין אַ ווינקל מיטן פּנים צו דער וואַנט און זיך קלאַפּן „על חטא" אין האַרץ אַריין.

די מעשיות וועגן חורבן האָבן לייבן אַזוי צענומען, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געוויין. ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אין פּאָליש אַריין און איז זיך דאָרט פאַרגאַנגען אין אַ שטילן, נאָגנדיקן געיאָמער פון „על חטא".

די באָסנישע מעשה

א

אין די ווינטערדיקע פריע פּאַרנאַכטן, ווען דער שניי פּאַר־שיט אינאיינעם מיט די וועגן אויך דעם חשק צו דער אַרבעט, פעלן אין דער באַרנעווער „פּראָפּינאַציע" קיינמאָל נישט קיין קונים.

אַרום דעם לאַנגן טיש, וואָס ציט זיך פונעם שענק ביז צו דער טיר, זיצן אויסגעזעצט פויערים און טרינקען מיט סטאַטעטשנע־פּייערלעכער לאַנגווייליקייט. נאָך יעדן טרונק קומט ווי אויף אַ קאָמאַנדע אַ וויג־טשעוואַניע, דערנאָך אַ וויש מיטן אַרבל איבער דער פייכטער וואָנסע און צום סוף אַ לאַנגער דינער שפּיי, וואָס איז ענלעך צו דעם שפּריץ וואַסער פון קיילע, דער פּראָפּינאַטאַרקע ביים אויסקערן די שטוב.

דער שפּיי פונעם טרינקער איז אַ מין זאָמאַך, אַ מין אַנזאָג, אַז אָט גיי איך, בכבודע הראַמאַדע, אויסזינגען פאַר אייך עפּעס אַ פריילעכס מיט אַ שטיקל בענקשאַפט דערצו, אָדער גאָר דערציילן אייך אַ שיינע מעשה צום שטוינען און וועל אויסקערן די בודאָטע און דעם אומעט פון אייערע הערצער.

און אַ טייל פון די שפּייערס האַלטן טאַקע וואָרט. איינער, אַ פויער, אַ דיקלעכער, מיט אַ שוואַרצער פלעטע האָר און מיט בלאָע בענקשאַפט־פּייערלעך אין די פייכטע אויגן, שטעלט זיך אַוועק אַן אומגעבעטענער און נעמט זינגען אַ ליד וועגן די פערד, וואָס מען דאַרף שפּאַנען אויף צו דעריאָגן די יונגע יאָרן.

אַן עלטערער פויער, אַ ביוואַלע, וואָס האָט ייבגלוויז געדינט ביים פּריץ, האָט פאַרבראַכט עטלעכע יאָר אין קאַנאַדע און איז היינט אַ רייכער בעל־הבית, אַן עלטסטער אין קלויסטער און אַן אייגגייער ביים גלח, הויבט אָן צו דערציילן קודם וועגן דעם אַמאָל אין הויף ווען פּריץ איז

נאָך געווען דער פּראַוואָסלאַוונער יאַנקו זאַטאַ און נישט דער ייד מאַטיע פּישער. דערנאָך, אַז די מעשה האָט נישט פּאַרכאַפּט, פּרוּווט ער אַי־בערגעבן וועגן די אַלע זאַכן, וואָס האָבן זיך מיט אים געטראָפן אויף די באַנען און אויף די שיפן קיין קאַנאַדע און צוריק אַהיים.

ס׳העלפט נישט. די לאַנגווייליקייט הויערט שווער און רירט זיך נישט פון אָרט. זי קלעפּט די אויגן ביי די מידע, און אויף די וואָך גע־בליבענע יאָגט זי אַן אַ מורא און טרייבט זיי פון קרעטשמע.

אָבער פּלוצעם עפנט זיך די טיר און עס שניידט זיך אַריין אינאיינעם מיט אַ קאַלטן זאַווערוכע־ווינט הערשל וועטעראַן. ער בלייבט שטיין, ווי זיין שטייגער איז, אַ געשטרעקטער און גלעט אָוועק מיט דער דלאָניע פון דער רעכטער האַנט דעם פּראָסט פון זיינע שווערע, עפּעס אַלעמאַל, ווי שיכורלעך אָנגעדראָלענע באַקן, און קעמט אויס מיט אַ פינגער פון דער לינקער האַנט דעם שניי פון די דיקע העטמאַנישע וואָנסעס, וואָס הענגעז אַראָפּ און נעמען אַרום ווי מיט אַ קראַנץ דאָס קורצע און קיילעכדיקע בערדל זיינס.

ס׳איז ביי מיר נישט קיין ספק אַז דער באַרנעווער ייד, וואָס האָט דער ערשטער אויפגעכאַפּט אַז דאָס קורצע, קיילעכדיקע בערדל איז דער איינציקער סימן יידישקייט אויף הערשלס פּנים, האָט נישט אַנדערש נאָר געהאַט אַ טביעות עין פון אַ תלמיד חכם. ווארים אַפילו איצט, ווען איך היפּער אַריבער מיט מיין דערמאָנונג אַ שטח פון כמעט פערציק יאָר און קוק זיך איין אין דער שאָטן־געשטאַלט פון הערשל וועטעראַן זען איך נאָך אַלץ, אָדער אפשר ערשט רעכט, וואָס פאַראַ שאַרפן בליק עס האָט געהאַט יענער באַרנעווער ייד.

די גאַנצע צורה פונעם „וועטעראַן" איז אַ אומ׳יידישע, אַ פרעמדע. אַ הויכע זעלנערישע געשטאַלט, צוויי גרויסע פּייכט פאַרלאָפענע און קאַלטע אויגן, אַ ברייטע גוישע פאַדערעטע נאָז און ועל כולם די וואָנסע פון אַ טאַראַס בולבאַ — ס׳געשטעל פון אַ פענסיאָנירטן אונטעראָפיציר אָדער פון עפּעס אַ געוועזענעם יאַגד־מייסטער אויף דער עלטער.

און דאָ, אין דעם גויאישן אַרום פון גוף און פּנים, אין די געדיכטע־נישן פון די ביסטרע קאָזאַקישע וואָנסעס, באַהאַלט זיך אויס אַן איינגע־שרומפּן צעשראָקן טרויעריק בערדל עלעהיי אַ ייד אין ערגעץ אַ גויאישן קעלער אין פּאָגראָם־צייט.

פון דער שוועל קוקט זיך הערשל וועטעראַן איבער מיט דער

„הראָמאָדע"ביים טיש אין קרעטשמע. ער זעט אַלעמען און קען אַלע־מען און אַלע קענען אים און דערפרייען זיך מיט זיין אַריינקום.

הערשל זיצט שוין אויבנאָן, גלייך ער און נישט יענער אַלטער פויער, דער ביוואַלע, וואָס איז געווען אין קאַנאַדע זאָל זיין דער עלטס־טער אין קלויסטער און אַן אַריינגייער ביים גלח. ער פירט אַ שמועס מיט די טרינקערס און פירט דעם שמועס, ווי אַלעמאָל קונציק אַרויף אויף דער באָסנישער מלחמה:

— איר זאָגט שניי, פּאַניע סקריפּניק, דאָס הייסט ביי אייך שניי? אין 78טן יאָר, ווען מיר האָבן זיך פאַרנומען אויף די באָסנישע בערג, איז אויסגעפאַלן אַ שניי, אַז מיר האָבן גייענדיק געטונקען אין אים די שפּיץ וואָנצע.

צום טויזנטסטן מאָל האָט די זעלביקע מעשה מיט דערזעלביקער גוזמא פאַרכישופט די אויערן. פויערישע בעלי־בתים האָבן זיך צוגע־הערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, ווי תמיד, און האָבן געשטעלט בראָנפן ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין.

און אַז מען שטעלט בראָנפן האָט הערשל אינזינען אַז דער עולם ביים טיש זאָל זיין וואָס גרעסער. זיין זעלנעריש אויג דערזעט די פאַרשעמטע, וואָס שטייען איינגעבוירעטע אין אַ ווינקל און וואַרטן אַז עמעצער זאָל זיי צורופן און מכבד זיין:

— העי, טאַדערל — שרייט הערשל פונעם אויבנאָן אַריבער צום דאָרף־קברן, אַ קליין דאַר פויערל מיט אויסגעלאָשענע אויגן און אַ שטענדיק אידיאָטיש צופרידענעם שמייכל אויף די דינע פון בראָנפן פאַרברענטע ליפּן — העי, וועסט צייט האָבן צו שלאָפן ווען דיינע מתים וועלן דיך אַ רוף טאָן צו זיך. איצט נעם אַ קוואַרטירל בראָנפן און הער דיך צו, דו ש... איינער, וואָס האָסט קיינמאָל נישט געדינט דעם קייסער, ווי אַזוי מיר האָבן דאָס מלחמה געהאַלטן מיטן פאַרשאָלטענעם באָסניאַק...

הערשלס בליק וואַנדערט איבערן צימער און זוכט נייע קונים פאַר כיבוד:

— זעצט זיך צו, איוואַן, פאַרבעט הערשל מיט אַ וואונק צו דער טיר צו, איינעם אַ פויער אין אַן אָפּגעקראָכענער שאָפּענער קוטשמע — זעצט זיך צו, וועט איר אויך הערן וואָס ס'האָט זיך אין יענער ווינטער־נאַכט פאַרלאָפן אין די ווייטע באָסנישע בערג...

„ווייטע" פלעגט הערשל ארויסזאָגן מיט אַזאַ געצויגענעם קול, אַז ביז צו דער לבנה איז אין דעם מאָמענט זיכער ניט געווען ווייטער ווי פונעם צפון־בוקאָווינער דאָרף צו די באָסנישע בערג... גאָרנישט האָט די דאָזיקע פויערישע געמיטער נישט געקאָנט אַריינברענגען אין מער התפעלות און גאָרנישט האָט מער געדעגט דעם ידישן מעשה־דערציילער צו אַלץ פאַנטאַסטישערע גוזמאות ווי דאָס לאַנג אויסגעצויגענע און פאַרבענקטע וואָרט „ווייט".

דער ווייטסטער וועג וואָס איעדער פון אָט די פויערים איז אין זיין לעבן געגאַנגען אָדער געפאָרן, איז געווען פון דאָרף צום יאַריד אין שטאָט אַריין.

און ער, דער דערציילער, הערשל וועטעראַן, וואָס האָט מיט זיינע מעשות אָוועקגעפירט די צוהערער אַזוי ווייט ווי ביז צו די באָסנישע בערג — האָט פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר נישט אַריבערגעשפאַנט די גרענעץ פון די צווילינג־דערפער זאַטעוויץ און באַרנעוו.

ב

הערשל איז שוין אַ תושב אין זאַטעוויץ אַ יאָר דרייסיק. געקומען איז ער אַהער אינאיינעם מיט אַ חברה בעל־מלאכהס, סטאָליאַרעס, בלעכערס און מאָלערס, אין יענעם יאָר ווען דער פריץ זאַטאַ האָט באַשלאָסן איבערצובויען דעם קלויסטער אין דאָרף, נישט ווייל ער איז שוין צו אַלט, נאָר ווייל דער זאַטעוויצער קלויסטער דאַרף זיין דער שענסטער אין דער גאַנצער געגנט.

ווי פון אַ סך פלענער פון דעם קאַפּריזנעם זאַטעוויצער פריץ האָט זיך אויך פון דעם פּלאַן אויסגעלאָזט אַ גאָרנישט. די בעל־מלאכהס האָבן זיך געקריגט מיטן פּריצס „אָקאָמען", זיינען מיט אים דורכגעקומען און האָבן זיך אומגעקערט אַהיים. הערשל איז פאַרבליבן אין דאָרף. ער איז דעמאָלט געווען אַ מענטש אין די ערשטע דרייסיקער, אַ סטאָליער מיט גילדענע הענט, און אַרבעט אין דאָרף האָט נישט געמאַנגלט. דער פריץ, די פאַרמעגלעכע פויערים און די ידישע בעלי־בתים האָבן גע־דאַרפט אַ שטאָטישן סטאָליאַר, וואָס קאָן מאַכן אַ שענער שטיקל אַרבעט ווי אַ היימישער פויערישער בעל־מלאכה.

אין די ערשטע יאָרן איז הערשל געווען אַ ייד צווישן יידן. שבת

און יום־טוב האָט ער נישט פאַרפעלט צו קומען אין קלויז אַריין. פון ימים נוראים איז דאָך אָפּגערעדט.

אָבער שבת, יום־טוב און ימים נוראים זײַנען אַלץ נישט דער זיכער־סטער סימן פון אַ יידנס יידישקייט אין דאָרף. דער זיכערסטער סימן איז גאָר אַ יאָרצייט, וואָס געפאַלט אויס אין די שווערע בלאָטע־טעג פון האַרבסט אָדער אין די טעג פון ווינטערדיקע זאַווערוכעס.

אין אַזאַ טאָג צונויפצוברענגען דריי מאָל אַ מנין: פאַרנאַכט, אינדער־פרי און נאָך אַמאָל פאַרנאַכט און נישט צו פאַרפעלן קיין יאָרצייט־קדיש, איז אַן גוזמאַ אַ גבורה, אַ העלדישקייט. אַזעלכע דריי מנינים קאָסטן דעם יאָרצייטניק געזונט, האָרעוואַניע און תחנונים.

אָבער אַז דער בעל־היאָרצייט שטייט דערנאָך אין קלויז און זאָגט קדיש און הערט ניין אָמנס ביי יעדן אויסלאַז, פילט ער, מיט רעכט, אין אַלע אברים די הנאה פון נצחון.

און פאַר אַ זיגער האָט מען דרך ארץ. און דער יידישער דרך ארץ וואָס איין דאָרפס־ייד האָט פאַרן אַנדערן איז, וואָלט איך געזאָגט, געבויט קודם כל דערויף, וואָס כמעט אַ יעדער פון זיי איז אַזאַ יאָרצייט־זיגער.

הערשל האָט געהערט צו אָט די זיגערס. און יידן איןביידע דערפער האָבן אים אין די ערשטע יאָרן מקרב געווען, אים געבעטן צו זיך אויף שבת און — אים גערעדט שידוכים.

אַז הערשל איז אַ בחור האָט מען געזען: ער האָט געדאַוונט אָן אַ טלית. אָבער דאָס וואָס ער פאַרשעמט די מיידלעך אין ביידע דערפער און האָט נישט חתונה, האָט אַרויסגערופן אַ חשד. אפשר האָט ער גאָר איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט קינדער אין סניטין. געהייסן האָט עס אַז הערשל איז אַ סניטינער. ווי ווייט איז סניטין פון זאַטעוויץ? דריי ביז פערט־האַלבן פוילישע מייל. האָבן יידן זיך נאָכגעפרעגט אין סניטין און קיינער האָט דאָרט נישט געקענט אַ הערשל, אַ סטאָליאַר, מיטן פאַמיליע־נאָמען באַר. און וואָס שייך אַ יידן, וואָס זאָל האָבן געדינט אין קיר־הס אַרמיי און זיך האָבן אומגעקערט מיט מעדאַלן פון דער באָסנישער מלחמה, האָבן סניטינער דערציילט, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט זיך אין שטאָט געיאָוועט אַ יונגערמאַן, אַ צוגעפאָרענער פון דער פרעמד, וואָס האָט זיך אַ שטיק צייט באַרימט פאַר בחורים אין בית־המדרש מיט זײַנע באָסנישע מעשיות און איז דערנאָך נעלם געוואָרן ווען ער האָט דערשמעקט, אַז מען גלויבט אים נישט.

ס'האָט לאַנג נישט גענומען און אויך די יידן פון די צווילינגס־דערפער, זאַטעוויץ און באַרנעוו, האָבן אויפגעהערט צו גלויבן אין הערשלס באַסנישע גבורות. לייזער בער חסיד, דער כישופדיקער דערציילער פון מעשות וועגן „גוטע יידן", האָט פון לכתחילה געהאַט אַ בייז האַרץ אויף הערשלען. ער האָט געזען אין הערשלען אַ קאָנקורענט, דערעיקרשט, צווישן יונגוואַרג.

איצט, אַז אין סניטין ווייסט מען נישט פון קיין קירהשן זעלנער, הערשל סטאַליער, האָט לייזער בערן גאָר נישט מער געקאָנט אָפּהאַלטן צוזאָגיין צו הערשלען אין אַ שבת נאָכן דאַווענען און אים צו זאָגן אין פנים אַריין אַז ס'איז נישט שיין צו דערציילן פאַר יונגע בחורים זעלנערישע שקרים און נישט געשטויגענס, ווייל מען פירט זיי דערמיט אַוועק פון יידישקייט.

און לייזער בער חסיד האָט מיט זיין האַרטער עובד־אדמה־האַנט אַ צי געטאָן זיין שמאָלע, דעמאָלט נאָך שוואַרצע באָרד, און געלאָזט וויסן הערשלען, אַז די קלויז וויל, אַז ער, הערשל, זאָל אויפהערן מיט זיינע מעשות.

וואָס האָט געענטפערט דערויף הערשל? וועגן דעם זיינען פאַראַן געווען צוויי גירסאות. איין גירסא האָט געשטאַמט פון לייזער בער חסיד און פון די חסידים פון זיינע מעשות און פון זיינע ניגונים, דאָס הייסט, פונעם גרעסטן רוב יידן אין קלויז, און האָט איבערגעגעבן אַז הערשל האָט בכלל נישט געענטפערט און האָט טאַקע פון יענעם שבת אָן אויפגעהערט צו קומען אין קלויז אַריין, און האָט זיך גענומען חברן מיט גויים און צו דערציילן זיינע מעשות פאַר זיי ביי אַ פלעשל בראָנפן אין פראָפּינאַציע.

דער מחבר פון דער אַנדערער גירסא איז געווען דער קליין־געוואוקסיקער און ביי זלעך־וויציקער אייזיעלע שענקער. און אייזיעלע שענקער האָט דערציילט די געשיכטע אַנדערש, ווייל ער האָט בטבע פיינט געהאַט אַז אַלע זאָלן נאָכזאָגן איינס און דאָסזעלבע.

לויט אייזיעלען (און מיט אים האָט געהאַלטן, און מיט אים האָט זיך איבערגעוואונקען און איבערגעשמייכלט ס'יונגוואַרג אין קלויז), איז דער צונויפשטויס צווישן לייזער בערן און הערשלען נישט אָפּגעלאָפן אַזוי שטיל ווי די גירסא נומער איינס האָט געוואָלט איינרעדן.

לויט אייזיעלען האָט הערשל דווקא יאָ געענטפערט און נאָך דערצו

אויף אַ קול, אַז דעם קייסערס אַ וועטעראַן דערציילט נישט קיין ליגן און אַז שקרים זיינען גאָר לייזער בערס מעשות וועגן זיינע רביס דאָרט.

אוןביידע „עוג מלך הבשנס", הערשל און לייזער בער — האָט דער קליינינקער אייזיעלע גערעדט באַרימעריש האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס — האָבן זיך זאַמירעט איינס קעגן ס'אַנדערע מיט די פויסטן, און ס'וואָלט זיך געוועזן געענדיקט מיט צעבלוטיקטע נעז און מיט אַ פּראָצעס אין זאַסטאַוונער געריכט ווען איך זאָל זיי באַצייטנס נישט געוועזן פאַנאַנדער רייסן.

הערשל איז נאָך דערנאָך — האָט אייזיעלע פאַרזיכערט — היפּשע עטלעכע חדשים געקומען דאַווענען כמעט יעדן שבת אין קלויז און האָט חוצפּהדיק קאָנקורירט מיט לייזער בערס חסידישע מעשות. בעת מעשה פלעגן זיך די צוויי אָנקוקן ווי די הענער גרייט צו מלחמה, אָבער — דאָ האָט אייזיעלע אַ שמייכל געטאָן צו יונגוואָרג מיט אַ שדישן שמייכל פון בלומרשטער וואָרעניש, אַז זיי זאָלן זיך נישט צעהירזשען מיט געלעכטער, ווי זייער שטייגער איז געווען — זיי האָבן זיך געהאַלטן אין דער מעלה, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר מיר.

יונגוואָרג און אויך די עלטערע האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון דער געשיכטע מיט אייזיעלעס „העלדישקייט", וואָס איז אַליין געווען אַ שטיק „באָסנישע מעשה".

וועלכע פון די צוויי גירסאות איז די אמתע ווייס איך נישט, אָבער איך ווייס אַז אין די יאָרן ווען איך פלעג קומען אויף דער גרויסער זומער און קליינער ווינטער־וואַקאַציע צו טאַטע־מאַמע אין דאָרף אַריין, האָט הערשל וועטעראַן שוין נישט געגעסן שבתים ביי יידן, נאָר זונטיקס ביי גוים און האָט דערציילט זיינע „באָסנישע גבורות", נישט אין קלויז פאַר יידן, נאָר פאַר גוים אין פּראָפּינאַציע.

ג

די גרויסע מלחמה האָט ווי מיט אַ מאָל אויסגעטריקנט אַלע אייזערנע בראָנפן־פעסער אין בעטאָנירטן קעלער פון דער באַרנעווער פּראָפּינאַציע. אין דער שענק־שטוב זיינען צאַרישע זעלנער געשלאָפן אויף דער פּראָפּינאַטאָרקעס בעטגעוואַנט. אין פּראָפּינאַטאָרס תפילין־זאַק האָט אַ רוסישער קאַפּראַל געהאַלטן זיינע גאָל־מכשירים. און דער פּראָפּינאַטאָר מיט דער

פראַפּינאַטאַרקע האָבן געלעבט פון פראַנץ יאָזעפס קצבה ערגעץ אין אַ פליכטלינג־לאַגער אין טשעכיע.

אַנדערע יידן פון דאָרף, וואָס האָבן ביי זיך נישט געפועלט זיך אַוועקצולאָזן אין די מרחקים אַזש קיין בעמען, האָבן איבערגעוואַרט פּאַניעס ממשלה אין די נאָענטע שטעט, ווער אין זאַלישטשיק ווער אין האָראָדענקע און ווער עטוואָס ווייטער, אין קאָלאָמיי אָדער טשערנאָוויץ.

אָנהייב 1918 האָט זיך דער מלחמה־פראָנט אַוועקגעשטעלט עפּעס קרום־קיילעכדיק צו דער רומענישער גרענעץ צו און האָט אַרויסגעלאָזט פון אחריות די צפון־בוקאָווינער דערפער. אינאיינעם מיט פראַנץ־יאָזעפס זעלנער האָבן זיך אויף די צעבראָכענע וועגן געגומען באַווייזן איינ־שפּענערלעך מיט קליינע קעסלעך בראָנפן, וואָס די זאַסטאַוונער גראַלניע האָט צעשיקט אין די אַרומיקע קרעטשמעס.

קיין סך טרינקערס זיינען דערוויייל נישטאָ. וואו אַ יונגער פויער מיט גאַנצע רמ״ח אברים איז ער אויפן פראָנט, אין געפאַנגעשאַפט, אָדער זיין נאָמען קוקט אַראָפּ מיט צער פון דער „פאַרלוסט־ליסטע״, וואָס הענגט ביי דער טיר פון דער דאָרף־פאַרוואַלטונג און פּלאַפּלט אויס דעם סוד פון מענשלעכן גורל.

די באַרנעוווער פראַפּינאַציע האָבן שכנים פון מצווה וועגן פאַר־האַקט מיט ברעטער. עפּעס אַן אינוואַלידער וואַנדאַר האָט געעפנט אין דער אַלטער פּאָסט אַ פרישטיק־לאָקאַל. ער רופט עס פרישטיק־לאָקאַל און בייזערט זיך טאָמער דערמאָנט עמעצער דעם פּראָסטן נאָמען: קרעטשמע.

עטלעכע וואָכן לאַנג האָט דאָס „פרישטיק־לאָקאַל״ קוים אָנגעזען אַ קונה. אָבער דערנאָך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די שפע. עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן די אורלאָפּניקעס אויפן ערשטן אורלויב אין דער באַפרייטער היים.

דער אַלטער טאַטע, דאָס יונגע ווייב, די כלה, קאָנען זיך נישט געבנוג אָנחידושן אויף דעם שיינעם אויסגעפּוצטן באַגנעט, וואָס זייער געאָרגי צעשיידט זיך נישט דערפון, גלייך עס זאָל זיין דאָס וויכטיקסטע בגד זיינס.

אַמאָל, ביים עסן, גיט דער אַלטער טאַטע אַ פרעג שטיל און שעמעוודיק:

— שוין איבערגעדרייט אים אין מאַסקאָלס קישקעס, האַ?

דער אורלאָפּניק פּילט זיך ממש באַליידיקט פון אַזאַ נאַרישער קשיה און ער ענטפערט דעם „אַלטן“ מיט אַ פאַרגיבערישן שמייכל און אַזוי כלאחר יד:

— נו, ביט איין מאַסקאַל האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון מייך באַגנעט...

די גענויע צאָל פון די מאַסקאַלעס, דעם ווען און וויאַזוי געשטאָכן און ווי אַזוי געהרגעט, העט דעם גאַנצן סיפור המעשה מיט אַלע פּי־טשעוועקעס לאָזט זיך איבער דער אורלאָפּניק פאַרן „פרישטיק־לאָקאַל“: דאָרט פאַרברענגט ער אינאיינעם מיט אַנדערע אורלאָפּניקעס און מיט עטלעכע אינוואַלידן מיט דרך־ארצדיקע הילצערנע פיס און ליידיקע אַרבל. מע טרינקט און מע דערציילט זיך מעשות פונעם פראָנט. אין די מעשות גיסט זיך בלוט ווי וואַסער און מתים ליגן איינס איבער ס׳אַנדערע — גרויסע הויכע בערג.

הערשל וועטעראַן, דער ערשטער ייד, וואָס האָט זיך אומגעקערט אין דאָרף אַריין פון ערגעץ אַ נאָענטער שטאָט, האָט עטלעכע מאָל גע־פּרואווט אַריינקוקן אין „פרישטיק־לאָקאַל“, געפּרואווט זיך צוזעצן צו די דערציילערס און פאַרקערעווען דעם שמועס, ווי זיין שטייגער, אויף דער באָסנישער מלחמה פון 78טן יאָר. איז געוואָרן אַ געלעכטער אַז ס׳האָט דעם אַלטן הערשל אַזש פאַרקלעמט ביים האַרץ פאַר כעס און בושה. אויף דער צונג איז אים געלעגן:

— צוצעקעס, ווען איך האָב געדינט דעם קייסער האָבן נאָך אייערע טאַטעס קאַליעדעוועט מיט קינדערישע קולעכלעך...

נאָר געזאָגט האָט ער עס ניט, וואָרום אַזעלכע בעזבושה׳ניקעס, ווער ווייסט, וואָס זיי קאָנען ענטפערן.

ביז אין איינעם אַ טאָג...

ד

ס׳איז געווען אַן אָנהייב פרילינג־טאָג ווען הערשל וועטעראַן האָט געמאַכט זיין לעצטן העראָאישן אָנשטרענג אויפצוהאַלטן „די מעשה פון 78טן יאָר“ און האָט געליטן אַן ענדגילטיקע מפּלה און האָט אַ צעבראָ־כענער געזוכט צוריק די סטעזשקע צו יידן אין קלויז אַריין.

איך מיט מיין טאַטן זיינען געהאַט אָנגעקומען מיט עטלעכע טעג

צוריק אין דאָרף אַריין. אַליין אַ אורלאָפּניק פון קירהס איטאַליענישן פראָנט האָב איך אויסגענוצט מיין אָפּיצערסקע פּריווילעגיע און אויס־געפועלט פאַרן טאַטן אַ דערלויבעניש צו פאָרן פון מערישן שטעטל לייפּניק אויף אַ צוויי וואָכן אין דער באַפרייטער היים, כדי אָנצוקוקן די חורבות און צו זען צי ס׳איז בכלל דאָ צו וואָס זיך אומצוקערן.

די רייזע איז געווען זייער אַ שווערע. די באַנען זיינען נישט געפאָרן, נאָר האָבן זיך געשלעפּט, און די נסיעה האָט געדויערט דריט־האַלבן מעת־לעת אָנשטאָט די נאָרמאַלע זעכצן שעה.

סוף־כל־סוף האָבן מיר זיך דערשלאָגן אַהיים. קיין יידן אין דאָרף זיינען נאָך נישטאָ, אַ חוץ כאַסקל משיח, דער איינציקער ייד, וואָס איז די גאַנצע מלחמה־צייט פאַרבליבן אין זאַטעוויץ און וואוינט ערגעץ ווייט לעבן די קרויט־פעלדער. און מע זאָגט אַז דאָ נישט לאַנג האָט זיך אומ־געקערט הערשל וועטעראַן פון אַ נאָענטער שטאָט.

האָבן מיר זיך איינגעקוואַרטירט ביי אַ באַקאַנטן פּויער אויף דער גרענעץ צווישןביידע צווילינגס־דערפער און געגעסן האָבן מיר, אויף וויפיל די כשרות איז נישט געשטאַנען אין וועג, אין „פרישטיק־לאָקאַל” ביי דעם אינוואַלידן זשאַנדאַר.

זיצן מיר, דער טאַטע און איך, אין אַ פאַרנאַכטיקער שעה אין קליינעם דורכגאַנגס־צימער פונעם „פרישטיק־לאָקאַל” און הערן זיך בעל־כרחה צו צו די שמועסן אין דער גרויסער שענק־שטוב, וואָס, אויב מען האָט נישט געוואָלט זאָגן קיין בפירושן ליגן, האָט מען אויף זיך געמוזט נעמען דעם ברוגז פונעם בעל־הבית, און זי אָנרופן קרעטשמע.

עס עפנט זיך די טיר און עס באַווייזט זיך הערשל וועטעראַן. ער איז היפּש געעלטערט. די זעקעלעך אונטער די אויגן גרעסער און טונ־קעלער ווי מיט דריי יאָר צוריק, די קאָזאַצקע וואָנסעס ווייסער און נישט אַזוי ווייס ווי אָפּגעבליאַקעוועט, קאַלירלאָז. אָבער די פּלייצע נאָך אַלץ אַ זעלנעריש־געשטרעקטע און דער טראָט אַ פעסטער און אַ ליאַרעמ־דיקער ווי אויף געטשוועקעוועטע פּאַדעשוועס. ער זעט אונדז נישט, ער גייט פאַרביי אונדזער טישל און בלייבט שטיין אויף דער שוועל פון דער גרויסער טרינק־שטוב. ער וואַרפט אַ בליק אויף די טרינקערס: באַקאַנטע פנימער פון אורלאָפּניקעס.

גייט הערשל אַריין, זעצט זיך צו, נישט דוקא, ווי זיין פריערדיקער שטייגער, אויבנאָן, נאָר ערגעץ ביי דער מיט פונעם טיש, רופט צו דעם

זשאַנדאַר און הייסט שטעלן בראָנפן און פּאַרבייסעכץ אויף זיין חשבון. דאָס האָט הערשל קיינמאָל נישט געטאָן. דער בייזער זשאַנדאַר, אַ גע־פלעפּטער, הייסט זיך באַצאָלן פּאָראויס.

הערשל האָט אַרויסגענומען דאָס בייטעלע, אַ מיש געטאָן מיטן פינגער די עטלעכע גילדן ווי זיך צו פאַרזיכערן אַז זיי זיינען טאַקע דאָ, די לעצטע אין שטאָט אָפּגעשפּאָרטע עלטעכע גילדן זיינע, און האָט געצאָלט, דאָס ערשטע מאָל, דאָס צווייטע מאָל, און ער געדענקט שוין אַליין נישט צום וויפלטן מאָל.

דער וועטעראַן פון 1878־טן יאָר האָט געפּרוּווט אָפּראַטעווען זיין ראשונדיקייט, די ראשונדיקייט פון דעם באָסנישן קריג, וואָס אים זיינען אין תוך צו פאַרדאַנקען די טייכן בלוט און די בערג מיט מתים פון דער איצטיקער גרויסער מלחמה.

חברה אורלאָפּניקעס האָבן געטרונקען, פאַרביסן, דערציילט פון שטור־רעמס און געפעכטן און — האָט דער אַלטער געפּרוּווט דערמאָנען דאָס „78טע יאָר״, האָט אים געענטפערט אַ פריינטלעכער געלעכטער:

— לאָזט אָפּ, פּאַניע הערשקאָ, דער באָסנישער קריג איז געווען אַ שפּילעכל... אונדזער קאַפּיטאַן האָט דערציילט, אַז מען האָט געשטעלט אויסלעקן דאָס בלוט, וואָס ס׳איז גערונען אין דער דאָזיקער מלחמה, האָט זיך צונויפגענומען פונקט צוויי קוואַרטירלעך...

ס׳האָט געדויערט, מן־הסתם, נישט מער ווי אַ שעה אָדער אַנדערט־האַלבן, וואָרום די אורלאָפּניקעס האָבן גיך פאַרטרונקען הערשלס בייטעלע מיט גילדנס, און הערשל איז אַרויס פון שענק־שטוב און האָט זיך געלאָזט צו דער דרויסנדיקער טיר.

ער האָט דערזען זיצן דעם טאַטן און מיך, האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך באַגריסט. מיר האָט זיך געדאַכט אַז הערשל איז אין די אַנדערטהאַלבן שעה נאָך עלטער געוואָרן. איינס איז געווען זיכער מחוץ פון אויסדוכטע־ניש: די געשטרעקטע זעלנערישע פּלייצע האָט זיך איינגעבויגן.

הערשל האָט זיך ביי אונדז נאָכגעפרעגט: ווען געקומען און וואו מען וואוינט, אָבער מען האָט געפילט בחוש אַז דאָס זיינען טפל־פראַגעס און אַז צום עיקר איז ער צוגעקומען ווען ער האָט אַ פרעג געטאָן ביים טאַטן:

— ר׳ איציע, ווען קלערט איר וועט מען ווידער קאָנען האָבן אַ מנין אין קלויז?

און אַז דער טאַטע האָט, פון פאַרלעגנהייט איבער דער פראַגע מצד איינעם, וואָס האָט יאָרן לאַנג נישט פריפּאַרעט אין קלויז אַריין און זיך נישט געוויזן צווישן יידן, נישט געענטפערט און בלויז אָ צי געטאָן מיט די אַקסלען, האָט הערשל וועטעראַן ווי זיך געבעטן ביים טאַטן:

— נמאס געוואָרן, ר׳ איציע, צווישן גויים, ווי לאַנג איז דער שיעור? מע האַלט דאָך שוין ביים סוף.

ה

אַ יאָר צוויי שפּעטער ווען דאָס יידישע לעבן אין דאָרף איז שוין געווען צוריק נאָרמאַל, האָט מען מיר דערציילט, אַז בעת דאָס מנין אין קלויז איז באַנייט געוואָרן, איז הערשל וועטעראַן געווען פון די שטענדיקע דאַווענערס און אַז די „באַסנישע מעשה" גלייך זי איז ביי אים אויסגערונען. ער האָט זי קיינמאָל מער נישט דערמאָנט.

אָבער ווידער „איינער אַ טאָג" און דער אַלטער הערשל איז נעלם געוואָרן.

און אַז איך האָב זיך געחידושט, האָט דער טאַטע מיט אַ צערדיקן שמייכל אויפן פנים געגעבן צו פאַרשטיין:

— אַז אַ ייד, אַ געוועלבער ווערט אָן די קונים און בלייבט אָן פרנסה, וואָס טוט ער?

ער לאָזט זיך אַרויס איבער דער מדינה. ער ווערט אַ מדינה־גייער. ער גייט זוכן נייע קונים.

און אַז אַ ייד האָט פאַרלוירן הערצער און האָט נישט וועמען צו דערציילן די מעשה, וואָס האָט אים געוואַרעמט אַ לעבן לאַנג, זאָל ער בלייבן זיצן אויף אַן אָרט און פאַרשטומט ווערן?

מעין משפחה

טשערנאָוויץ

נישט דאָרט וואו דו ביסט צופעליק געבוירן, נאָר דאָ וואו דיינע טאַטעס און זיידעס האָבן אָפּגעלעבט אַ לעבן און זיינען געקומען צו אייביקער רו — דאָ איז די היימשטאָט.

און אַזוי געזען, איז מיין היימשטאָט, זיכער נישט טשערנאָוויץ, נאָר קאָלאָמיי, סטאַניסלאַוו, ירושלים און פּתח־תקוה. דער זיידע, וואָס איז ערגעץ אין דער צווייטער העלפט פון אַכצעטן יאָרהונדערט אַראָפּגעקומען פונעם פּאָדאָליעשן שטעטל סאַטינעוו אין דער רויט־רייסישער שטאָט סטאַניסלאַוו, האָט דאָרט אָפּגעלעבט אַ לעבן, ער און זיין זון, און זייערע מצבות שטייען (אויב די נאַציס האָבן זיי געלאָזט שטיין) אויפן אַלטן סטאַניסלאַווער בית־עלמין.

די צוויי נענטערע דורות זיידעס (די זיידעס פון דער צווייטער העלפט נייַנצעטן און פון דעם ערשטן פערטל צוואַנציקסטן יאָרהונדערט), האָבן געפּראַוועט יידישן שטאָט אין קאָלאָמיי און האָבן געפונען זייער רו דאָרט אויף דעם נייעם בית הקברות. און דאָרט, אין קאָלאָמיי, איז אַ טייל פונעם דריטן דור, טעכטער און איידעמס מיט זייערע קינדער, אומגעקומען אין די היטלער־יאָרן.

דער זיידע ווידער פון דער מאַמעס צד איז געפאָרן שטאַרבן קיין ירושלים און זיין און דער באָבעס מצבה ליגן איינגעגלידערט צווישן די מצבות פונעם כולל זאַלישטשיק אויפן הר הזיתים אויף דער טעריטאָריע פון דער ירדן־מדינה.

אין מדינת־ישראל גופא, אויפן בית־עולם פון דעם עלטסטן שטעטל פון דעם נייעם יידישן ישוב, פּתח־תקוה, רוט דער גוף פון מיין פאָטער ז״ל, וואָס האָט זוכה געווען צו שיבת ציון און צו זען מיט די אייגענע אויגן דעם מקוים געוואָרענעם חלום פון זיין לעבן — דעם אויפקום פון מדינת ישראל.

איך שוועב דורך מיט מיין בליק איבערן טשערנאָוויצער „הייליקן אָרט״, וואָס ביים סוף פון דער רוסישער גאַס, און איך זע דאָרט נישט קיין שום משפּחה־קבר, און בלויז איין נאָענטע מצבה צווישן די קברים אין דער קינדער־אַליי, די מצבה איבערן קבר פון אונדזער גרויסן פאַבל־דיכטער אליעזר שטיינבאַרג.

מיט וואָס־זשע איז טשערנאָוויץ פאָרט מיין היימשטאָט ? זי איז די

שטאָט פון „ראשית בכורי״, פון מיין ערשטער צייטיקייט. דאָרט, אויפן טשערנאָוויצער אוניווערסיטעט, האָב איך געקנעלט מיין גויאישע „אביי ורבא״, און דאָרט האָב איך געמאַכט מיין ליטעראַרישן און אויך מיין אידעאָלאָגיש־כלל־טוערישן דעביוט. בלויז עטלעכע יאָר האָב איך פאַרלעבט אין טשערנאָוויץ, אָבער אין די עטלעכע יאָר איז די שטאָט מיט אירע מענטשן, מיט איר געזעלשאַפטלעכקייט און מיט איר קולטור־שטייגער ווי אַריינגעוואַקסן אין מיין געמיט.

זי איז געוואָרן מיין שטאָט. און אין די אַלע זעכצן יאָר, וואָס איך האָב געוואוינט אין בוקאַרעסט, האָב איך נישט בלויז נישט פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט טשערנאָוויץ, נאָר כ׳האָב זיך געפילט ווי איינער פון אירע „אַמבאַסאַדאָרן״ אין דער רומענישער קרוינשטאָט. יאָר איין, יאָר אויס, איין מאָל אָדער צוויי מאָל אַ יאָר און אַמאָל אויך מערער, פלעג איך צו־פאָרן קיין טשערנאָוויץ, נישט בלויז ווייל דאָרט האָבן דעמאָלט געוואוינט מיינע טאַטע־מאַמע (אַן ערך צען יאָר פאַר זייער עליה קיין ארץ ישראל), נאָר אויך אַהיים צום יידיש־צענטער, צו אליעזר שטיינבאַרג און צו אַזויפיל נאָענטע חברים.

דריי ברידער זיינען מיר געווען

א

דריי דורות, דור נאָך דור, צו דריי ברידער.

וועגן ערשטן דור, וועגן זיינע דריי זין, האָט מיין עלטער־זיידע, דער טיפער אַריינטראַכטער און טרעפיקער זאָגער, ר׳ שלמה חלפן מיט פאַ־טעריִשער איראָניע געשפּאַסט —

מיין מרדכי איז אַ פרומער און גייט אין גאָטס דרכים, מיין לייזער איז אַ חריף און פּליט אין די הימלען, און מיין משה איז אַ מעזיניק און וואַקסט סתם אַ גאון.

דער מעזיניק משה איז טאַקע, ווי דער פאָטער האָט מיט איראָנישן צער פאָראויסגעזען, קיין גאון נישט געוואָרן, אָבער דערפאַר, אַ בכבודיקער, פריילעכער און צעזונגענער ייד, וואָס האָט אין די מערב־גאַליצישע ק״ק סענדזישאָוו און מיעלעץ געפירט אַ פרום־בעלי־בתישן שטאָט מיט קינדער און קינדס־קינדער ביז צום יידישן חורבן אין פוילן.

דער עלטסטער זון, מיין זיידע ר׳ מרדכי, וואָס יידן פונעם קאָלאָמייער

ר׳ איציקל־שולעכן האָבן אים געצערטלט מיטן נאָמען מרדכי מענטש, האָט מיט זיין פרומקייט און מיט זיין הכנעה צו גאָט און צו מענטשן, זיכער נאָך אַריבערגעיאָגט דעם פאָטערס פּאַראויסזאָג.

די משפחה־דראַמע איז געווען דער מיטלסטער, לייזער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ רעבעליש געמיט און האָט זיך ווי זיין פאָטער געריסן צו העכערקייטן מיט זיין מחשבה און מיט זיין אופן לעבן. דער „פליער אין די הימלען" האָט גיך זיינע פליגל צעבראָכן. ער איז געשטאָרבן אין דער מיט פון זיינע דרייסיק ביים פאָטערס לעבן.

לייזער פונעם ערשטן דור האָט נאָך קיינעם נישט געהייסן. ווען דער מוהל האָט זיך ביי זיין ברית אַ בויג געטאָן צום פאָטער און מיט די אויגן געפרעגט נאָכן „ויקרא שמו בישראל", האָט מיין עלטער־זיידע שלמה חלפן — צי ווייל ער האָט אין זיין פאַרמח׳טקייט פאַרגעסן צוצוגרייטן אַ נאָמען אָדער גאָר מחמת רעבעלישקייט קעגן געבן אַ נאָמען נאָך אַ טויטן — אַלעמען איבערראַשט מיט זיין קלינגענדיקן אויסגעשריי: — „ד׳ אלי ועזרי", גאָט איז מיין גאָט און מיין הילף! — אליעזר.

און אַז לייזער, וואָס האָט נאָך קיינעם נישט געהייסן, איז ווינטער 1892 חרוב קראַנק געוואָרן און האָט וואָכנלאַנג געגוססט, האָט ער זיך מיט גרויס אָנשטרענגנג פון ווילן (די שטוביקע האָבן דאָס פיינלעך איבער־געלעבט און די שטאָט האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן דערפון) געראַנגלט פאַר אַ וואָס גיכערן, פאַר אַ תיכפדיקן באָמען נאָך זיך.

טעגלאַנג האָט דער גוסס גליווערדיק געשוויגן, אָבער טאָמער האָבן זיך זיינע ליפן גענומען באַוועגן און האָבן עפּעס געשעפּטשעט איז דאָס כמעט אַלעמאָל געווען איין און דאָסזעלביקע וואָרט: פּערל.

דאָס האָט דער שטאַרבנדיקער מיט דעם איינעם וואָרט זיך נאָכ־געפרעגט ווי עס האַלט מיט זיין שוועגערין, וואָס איז געווען אויף דער צייט און אַ ליאַדע טאָג אין קימפּעט אַריין.

— פּערל? זי פילט זיך ב״ה גוט. זי איז נאָך נישט געלעגן געוואָרן.

אַ דינער שיין פון שמייכל האָט אויפגעלויכטן אין דער אַש־גראָקייט פונעם גוסס׳ פנים — ער האָט נישט פאַרשפּעטיקט.

פאַרשפּעטיקט האָט ער דאָך. לייזער איז נישט געווען בכוח צוצואיילן דעם טויט. ער איז געשטאָרבן צומאָרגנס נאָכן נייגעבוירענעמס ברית.

„אלוקינו ואלוקי אבותינו, קיים את הילד הזה לאביו ולאמו, ויקרא שמו בישראל" — האָט דער שטאָט־באַרימטער מוהל און בעל־תפילה

ר' חיים פיניעס מיט זיין געבענטשטן קול און מיט דעם, נאָך מער ווי אַן אַנדערשמאָל, פרוידיקן ברען פון די ברכות געפּרואווט צו פאַרטרייבן די עצבות, וואָס האָט אַריבערגעוויעט אַהער, אין דער שטוב פון שמחה, פון דאָרט, פון דער שטוב פון גסיסה אַריבער דער גאַס.

מיין זיידע מרדכי, דער בעל־ברית, האָט זיך צוגעבויגן צום ברכות־זאָגער און אַ מורמל געטאָן — יעקב. ס'איז גראָד יענע וואָך געגאַנגען די סדרה „ויצא" און יעקב איז דערפאַר געווען דער באַענטסטער נאָמען נאָך קיינעם נישט.

אַ נאָמען נאָך לייזערן האָט מען געגעבן ערשט פולע צען יאָר שפּע־טער, אין דריטן דור פון די דריי ברידער — דעם צווייטן פון מיין טאַטנס זין.

אי מיין ברודער, וואָס האָט געהייסן אליעזר און אי מיין טאַטנס ברודער, וואָס האָט שיר נישט געהייסן אליעזר, האָבן געירשנט פון דעם ערשטן לייזער דאָס טיף רעבעלישע געמיט, דעם הייסן באַגער נאָך העכער און נאָך אַנדערש, די יסורים־מדיקע זוכעניש פון אַן אייגענעם וועג און דערעיקרשט די אייזערנע עקשנות צו גיין דעם אייגענעם וועג אין מחשבה און אין התנהגות ביז ערגעצוואו צום סאַמע ברעג פון נשמהדיקער פרייד און זיכערקייט און — פון אַרומיקן משפחה־צער.

דער הויכער בלאָנדער יונגערמאַן מיט די טונקעלע אויגן און מיטן פלאַמיק־רויטן בערדל, וואָס איז געווען לייזער פונעם ערשטן דור, האָט אין אַ משפחה פון אומצוטרוי צו דעם עולם פון מקח וממכר און פון בטלנישן אומווילן צו דעם געיעג נאָך דאָברי מזל, געברענט מיט שעפע־רישע קאָמבינאַציעס אין דער וועלט פון מסחר און פון אונטערנעמערישקייט און מיט מנחם מענדלישע חלומות פון גיכער עשירות.

און אַז אַלע קאָמבינאַציעס מיט טאַרטאַקן, מיט לייטערונגען פון שפּירט און מיט עקספּאָרט פון פאַסאָליעס אין די מרחקים, וואָס האָבן אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעג און האָבן אַריינגעצויגן איך חובות ביי דער משפּחה און אין חובות פון דער משפחה ביי אַנדערע, זיינען צערונען געוואָרן, איז דער הויכער בלאָנדער יונגערמאַן נישט געוואָרן אויס „פליער". ער האָט זיך מיט זיינע פליגל בלויז אַריבערגעוואָרפן פון דער דרויסנדיקער טעריטאָריע צו די שטחים פון פנימיות.

אין אַ משפחה פון שאַרפער מתנגדות, פון קלאָר־שכלדיקער לומדות, פון חקירה און פון אַ נטיה צו פריי־געדאַנקלעכקייט איבערן אבן־עזרא

און איבערן רמב״ם אַריבער, איז לייזער געווען דער ערשטער און דער איינציקער, וואָס האָט זיך געחברט מיט וועלט־אָפּגעשיידטע חסידישע קבלה־לערנער און קץ־אויסרעכענער, און האָט, אין „די שווער־סודותדיקע נעכט פון דער אַזיעפּאַלער קלויז", געפּרוּווט אינאיינעם מיט זיי און בראש פון זיי אַראָפּברענגען משיחן פאַר דער צייט.

ב

לייזער פונעם צווייטן דור, מיין טאַטנס יינגסטער ברודער יאַנקל, וואָס האָט שיר נישט געהייסן לייזער, איז געווען עלטער פון מיר בלויז מיט עטלעכע געציילטע יאָר. מיר זיינעןביידע געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין ליכט פון דער פרומער עדה אין ר׳ איציקל־שולעכן, וואו מיין זיידע מרדכי איז געזעסן אויף זיין פאָטערס „שטאָט" און געהאַט דעם פאָטערס חזקות.

אַ דינער מיט אַ גרין־דורכזיכטיק פּנים און מיט צוויי שטיל לאַכנ־דיקע און נאָך שטילער טרויעריקע אויגן, איז יאַנקל געווען אַ פיינער לערנער מיט אַ לייכטער תפיסה און מיט אַ געמיט, וואָס האָט געסמאַקעוועט צו פרעגן שאַרפע קשיות קודם ביים גמרא־מלמד יאָסיע בויך, דערנאָך ביי די קלויז־לומדים סומער שוחט און יאָסעלע באַראָדטשינער, און דער־נאָך אַפילו ביי ר׳ יהושע העשל דיין — פרעגן אָבער נישט דרינגען אויף קיין ענטפער.

קיין סימנים פון פּריצות הגדר האָט יאַנקל דורך די אַלע יאָרן, וואָס מיר זיינען אינאיינעם געוואַקסן, חלילה, נישט אַרויסגעוויזן. אָבער פונ־דעסטוועגן איז פון יאַנקלס דין־אומגלויביקע קשיות, פון דעם אופן, וויאַזוי ער האָט געהיט מצוות מער לשם כיבוד אב ווי לשם די מצוות גופא, און פון זיין גאַנצער אויפפירונג, נישט שווער געווען צו זען, אַז זיין וועג איז, ווי ביי די מייסטע זיינס גלייכן קינדער פון פרום־יידישע שטיבער אין שטאָט, דער וועג צו השכלה און צו חיבת ציון.

און פלוצעם — אַ שאַרפער אָפּווענד פונעם וועג און יאַנקל האָט נאָך ביים פאָטערס לעבן אַריבערגעיאָגט דעם פאָטער אין פרומקייט און אין פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת אַריינגעטועקייט אין מצוות.

ווי אַזוי דאָס איז געשען ווייס איך נישט. קיינער האָט עס נישט געוואוסט. ער האָט עס קיינעם נישט דערציילט.

מיר האָבן זיך שוין צען יאָר נישט געהאַט געזען. ווען איך האָב זיך ערב מלכות היטלער, אויף אַ רייזע פון בוקאַרעסט קיין ווין איבער גאַליציע, אָפּגעשטעלט אין דעם קאַרפּאַטן־שטעטל באַלעכאָוו און בין, נישט אָנגעזאָגטערהייט, אָנגעקומען אין אַ שפּעט־זומערדיקן פֿאַרטאָג צו יאַנקלס שטוב, האָט מיר דורכן פֿענצטער אַנטקעגן געלויכטן די געשטאַלט פון אַ ייד אין טלית און תפילין.

ס'איז געווען יאַנקל. ער איז געשטאַנען, אַ דינער, אַ שלאַנקער, ווי מיט צען יאָר צוריק, אָבער ס'פּנים פֿאַרשאָטנט מיט אַ געדיכטן טונקעלן בערדל און מיט צעבאַרשטענע פּאות ווי ביים זיידע מרדכי, ע"ה.

דער דאַווענער האָט דערהערט, אַז ס'איז עמעצער אַריינגעקומען, האָט געהערט ווי דער עמעצער רעדט מיט זיין פרוי און ער האָט זיכער דערקענט מיין שטים, אָבער ער האָט אויף קיין איין מאָמענט איידער ער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיטן דאַווענען נישט געעפֿנט די אָנגעשטרענגט פֿאַרמאַכטע אויגן אַ קוק צו געבן אויף מיר.

יאַנקלס שטיל און וואַרעם קול, וואָס האָט אַלעמאָל אַ פּייף געטאָן, ווען ס'האָט גענומען אַ העכערן טאָן, האָט זיך געטראָגן פון תיכף נאָך „ברכו" און „המאיר לארץ ולדרים עליה" און האָט געשפּאַנט מיט גרויס ערנסט און געטריישאַפֿט וואָרט ביי וואָרט צו „אהבה רבה אהבתנו". ביי דער תפילה פון דער פיל ליבשאַפֿט, מיט וועלכער גאָט אונדזער האַר האָט אונדז ליב, און פון דער גרויס־שפּעדיקער דערבאַרעמדיקייט, מיט וועלכער ער דערבאַרעמט זיך איבער אונדז, האָט זיך יאַנקל, לויט דער משפּחה־מסורה, לענגער פֿאַרהאַלטן. מיט „אהבה רבה" און מיט „חמלה גדולה" אויף די ליפּן איז יאַנקלס גוף געטריבן פון אַן אינעווייניקסטן שאַרפֿן ווינט, ממש געפֿלויגן פון איין זייט שטוב צו דער אַנדערער. אַז דער שטורעם איז פֿאַרביי (עס האָט געדויערט צען און אפשר פופצן מינוט) איז יאַנקל געבליבן שטיין אַן איינגעשטילטער, אַן אומבאַוועגלעכער און ער האָט די ווייטערע תפילות, העט ביז נאָך דער „שמונה עשרה" און ביז ער האָט אויסגעטאָן טלית און תפילין, געזאָגט בלחש, אָבער קלאָר און דייטלעך און וואָרט ביי וואָרט. צוויי מאָל בלויז איז זיין קול אַראָפּ פונעם לחש און ער האָט אויפגעהויבן העכער די ווערטער און זיך אַריינגעבויערט טיפער אין זיי ווי מיט אַ שווערן פיינפולן שרויפנציער.

די העכער אויפגעהויבענע ווערטער זיינען געווען „שמע ישראל" און די מיט צער און פיין דורכגעבויערטע — „למען תזכרו ועשיתם את כל

מצוותי והייתם קדושים לאלהיכם". ביי די דאָזיקע ווערטער פון גאָטס אָנזאָג צו די בני ישראל דורך משהן אין ספר במדבר אַז זיי זאָלן געדענקען און היטן אַלע זיינע געבאָטן כדי זיי זאָלן זיין הייליק צו זייער גאָט, האָט יאַנקל זיך אַ כאַפּ געטאָן פוןביידע זייטן טלית און געטופּעט מיט די פּיס, גלייך ער זאָל וועלן וואָס שטאַרקער אונטערשטרייכן דעם אָנזאָג צו זיך צו געדענקען, אַז מע דאַרף היטן אַלע, דורכאויס אַלע, מצוות.

איך בין געזעסן אַ האַלבע שעה, אַ שעה און נאָך מער. כ'האָב כלומרשט געלייענט אַ פּוילישע צייטונג, וואָס כ'האָב געקויפט ביים וואָקזאַל, אָבער אין דער אמתן האָב איך נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון יאַנקלען. און וואָס מער איך האָב זיך אין אים איינגעקוקט, געזען זיינע עקשנותדיק פאַרמאַכטע אויגן און זיינע דין־געצויגענע ליפּן, וואָס האָבן שטיל און וויטיקלעך שאַרף געצילעט די ווערטער פון די תפילות, אַלץ ווייניקער האָב איך זיך אויפגעהערט צו חידושן וואָס יאַנקל, מיין טאַטנס ברודער און מיין אייגענער נאָענטער חבר פון די קינדער־און יינגל־יאָרן, איז נישט מפסיק דאָס דאַווענען, כדי מיר, נאָך צען לאַנגע יאָר, צו געבן שלום, און עפּנט אַפילו נישט די אויגן אויף מיר אַ קוק צו טאָן.

אים, יאַנקלען, איז, וויזט אויס, גאָר בכלל נישט איינגעפאַלן, אַז מיך קאָן דאָס חידושן. ווען מיר זיינען דערנאָך געזעסן ביים טיש, געמאַכט אַ לחיים און גענומען ענטפערן אויפן אָנגעהויבטן „וואָס הערט זיך?" פון אַ גאַנצן יאָרצענדליק, האָט מען פונדעסטוועגן נישט אויסגעמיטן אַזעלכע פראַגעס און ענטפערס מכוח וויאַזוי געפאַרן? ווען אַרויסגעפאָרן? און ווען אָנגעקומען? אָבער וועגן דעם וואָס איך האָב נאָך די צען יאָר נאָך געדאַרפט וואַרטן אַ גאַנצע שעה ביי אים אין שטוב פאַר זיינע אויגן ביז ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן — וועגן דעם האָט מען איבער־הויפּט נישט גערעדט.

דער שמועס וואָלט מן־הסתם סוף כל סוף דאָך אָנגעקומען צום ענין פון יאַנקלס דאַווענען און בכלל פון זיין דרך אין יידישקייט, אָבער צו־געאיילט האָט אים יאַנקלס פרוי, וואָס האָט פון לכתחילה געזוכט אַ געלעגנהייט אַראָפּצורעדן זיך פון האַרץ פאַר אַ נאָענטן קרוב וועגן איר מאַנס איבערגעטריבענער פרומקייט.

זי האָט זיך צוגעהערט צו דעם וואָס איך און יאַנקל דערציילן זיך וועגן משפּחה־ענינים, האָט דערביי לויטן שטייגער פון פרומע יידישע ווייבער (פון וויפל דורות?) זיך פאַרריכט דאָס טיכל אויפן קאָפּ מיט די

אָפּגעשוירענע האָר, האָט געגלעט און געפּרואווט באַרויקן דאָס אומ־געדולדיקע טעכטערל פון אַ יאָר זיבן, וואָס האָט זיך געטוליעט צו איר, און אַז יאַנקל האָט מיך אַ פרעג געטאָן אויף מיין טאַטן, האָט זיין פרוי ענדלעך געפונען דעם מאָמענט אָנצוהויבן איר פאַרקלאָגעניש:

— איך בין זיכער, אַז דיין טאַטע, זאָל לעבן — האָט זי זיך גע־ווענדט צו מיר מיט אַ לאַך, וואָס איז געווען מער זיפץ ווי לאַך — פאַרברענגט נישט דריי פערטל פונעם טאָג מיט דאַווענען, ווי זיין יינגסטער ברודער.

— מיין ברודער איציע — האָט יאַנקל געענטפערט פאַר מיר — איז נישט קיין דאַווענער, ער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט דעם טעם פון תפילה. איציע איז אַן איידעלער ייד, אַ ייד אַ תלמיד חכם, און נישט נאָר אין יידישע ספרים, נאָר אויך אין דייטשע, און זייט איך געדענק אים, האָט ער זיך געקוויקט מיט ביכער און נישט מיטן סידור און נישט מיטן מחזור.

— אָבער איך, איציעס יינגסטער ברודער יאַנקל, ווייס — יאַנקלס בליק איז דערביי הענגען געבליבן אויף מיין פנים מיט דער בולטער כוונה צו טרעפן ווי גרויס עס וועט זיין מיין שטויבונג דאָס צו הערן — אַז דער עיקר פון אַלע ספרים איז דער סידור און דער מחזור. וואָרום, גיטעלע טייערע, — האָבן זיך זיינע אויגן איצט אַריבערגעוואָרפן צו זיין פרוי — תפילה פאַר אַ יידישער נשמה איז דאָסזעלבע ווי, להבדיל, זאַלץ פאַר אַ שטיק פלייש אויף דער אָפּאַלקע. די תפילה ווי דאָס זאַלץ ציט אַרויס דאָס טרפות פון בלוט און מאַכט ריין, מאַכט כשר.

— דו ווייסט — האָט יאַנקל זיך געווענדט צו מיר, נאָכדעם ווי זיין פרוי און טעכטערל זיינען אַרויס פון צימער — וואָס ס'איז דער טייטש פון „והייתם קדושים לאלוהיכם"? דער טייטש איז, אַז יעדער ייד מוז פאַר זיך אַליין דורכברעכן זיין וועג צו קדושה, צו דעם „אור זרוע לצדיק". קיינער קאָן פאַר דיר נישט גיין דעם וועג. דו מוזט אים אַליין גיין. און דער וועג איז דורך תפילה, דורך שווערן, דורכן סאַמע שווערסטן עול פון מצוות, „למען תזכרו" — דורכן שווערן יאָך פון אַלע מצוות.

— וואָסזשע — האָב איך געפּרואווט טרעפן יאַנקלען קודם אין דעם הייסן פינטעלע פון כיבוד אב — דו מיינסט צו זיין פרומער, ס'הייסט, אַ מער אָפּגעהיטער שומר מצוות ווי דיין טאַטע, מיין זיידע מרדכי, איז געווען?

יאַנקל האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן תרעומותדיק למאי איך קום אַרויס מיט אַ טענה, וואָס שטעלט אים אין אַ סענטימענטאַלער פאַר־לעגנהייט, אָבער ער איז, ווייזט אויס, געווען גרייט צו זאָגן אַלץ, אַבי איך זאָל אים פאַרשטיין.

— מיין טאַטע ע״ה איז טאַקע געווען דער פרומער ייד, ווי דו האָסט אים געקענט, אָבער ער איז באַגלייך מיט דיין טאַטן געווען ערגעצוואו אַ שטיק חסיד, אמת, אַ פרומער חסיד, און נישט ווי דיין טאַטע אַן אַפּיקורסישער פאַרער צום רבין.

?? — בין איך געווען פול מיט שטוינונג.

— גאָר פשוט — האָט יאַנקל געענטפערט — דיין טאַטנס רבי איז דער ציוניזם, הערצל, אחד־העם, און מיין טאַטע ז״ל איז אויך געפאָרן צום׳א „גוטן ייד״. ער האָט טאַקע אַ גאַנץ לעבן תפילה געטאָן בכל נפשו ובכל מאודו, אָבער נאָך מער ווי אויף זיין אייגענער תפילה, נאָך מער ווי אויף זיין אייגן קאַפּיטל תהלים און זיין אייגענעם פרק משניות האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויף זכות אבות, אויף יהושע העשל דיינס לומדות און אויפן בציבור, אויפן אינאיינעם מיט פּיוויש האַלאַפּיעטניק, מיט פּנחס שפּאַניע־מאַכער און מיטן גאַנצן ר׳ איציקל־שולעכן.

און גלייך יאַנקל זאָל האָבן דערפילט וואָס איך טראַכט, איז ער מיר פאַרלאָפן דעם וועג און האָט געטייטלט וואָרנענדיק מיטן פינגער:

— טאָמער מיינסטו, אַז איך טו נאָך דעם זיידן שלמה חלפן און גיי אויף זיינע דרכים, ביסטו דיך שטאַרק טועה. דער זיידע שלמה האָט נישט געהאַלטן פון „ועשיתם את כל מצוותי״, ער האָט געוואָלט דערגיין דורך חקירה, האָט זיך פאַרוויקלט אין ספקות, און אַז נישט ביים לעבן האָט ער נאָך דער פּטירה געמוזט אָנקומען צו דער הילף פון זכריה מענדל דיין, וואָס זאָל מיטן כוח פונעם בית־דין מצדיק זיין דעם זיידנס אומנאַטירלעכן טויט און אים אָפּראַטעווען פון אַ „קבורת חמור״ לעבן פּלויט.

ס׳איז אַריינגעקומען יאַנקלס אַ שוואָגער, אַ ייד, עלטער מיט אַ יאָר צען פון יאַנקלען, מיטן טיפּישן אויסזען פון אַ נגידישן למדן: אַ קיילעכיקע געשטאַלט, גילדענע פּענסנע אויף דער נאָז און רעדט מיט גרויס חשיבות. דער ייד איז געווען זייער אָנגעזען אין שטעטל. אַחוץ אַ בר־אבהן און אַ בר־אורין איז ער אויך געווען פרום און אַ בעל־צדקה, אַ פירער פון די „מזרחי״ און איינער פון די ראשי־קהל.

— ביי אייער פעטער מעגט איר בפירוש עסן, ביי אים איז כשר, ער איז דער פרימסטער ייד אין שטאָט, מיט מיר מישט ער זיך נישט. ער האָט נאָך ביי מיר אין שטוב נישט טועם געווען מער ווי אַ גלעזל טיי מיט צוקער — האָט צו מיר נאָך די ערשטע באַגריסונגס־ווערטער אַ זאָג געטאָן יאַנקלס שוואָגער אין אַ שפּאַסיקן טאָן, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעהערט אומפאַרהוילענער פאַרדרוס.

איך האָב געפילט ווי עס וואַקסט אין מיר די קעגנערשאַפט צו יאַנקלס דרך, און נאָך מער צו זיין זיכערקייט מיטן דרך, און שאַרפע רייד האָבן זיך מיר געקייקלט פון דער צונג. איך האָב זיך גובר געווען (דער־הויפּט האָב איך דאָס געהאַט צו פאַרדאַנקען וואָס יאַנקלס שוואָגער, אַ פרעמדער מענטש פאַר מיר, איז געזעסן ביים טיש) און זיך אָפּגערופן צו יאַנקלען אַזוי סטאַטעטשנע ווי כ׳האָב נאָר געקאָנט:

— איז, לאָמיך נאָר פאַרשטיין, דיין ציל, הייסט עס, איז אַראָפּצו־ברענגען פאַר זיך אַליין ס׳ליכט פון גן־עדן אויף דער ערד. דער וועג דערצו איז דורכן שווערן יאָך פון אַלע מצוות. ציבור, קהל און יידיש פאָלק זיינען ענינים, וואָס פירן אַראָפּ דיך און יעדן ייד פון דעם וועג צו קדושה, פונעם וועג צום גן־עדן און צו וואוינשאַפט מיט גאָט ביים לעבן.

און נישט ווילנדיק האָט זיך פון מיר אַרויסגעריסן:

— ביסטו דאָך, ווי דאָס ווערטל זאָגט, אַן אמתער צדיק אין פעלץ, האָסט אינזינען רק דיך, דיין אייגענעם נשמה־ראַטונעק.

יאַנקל האָט פאַרגיבעריש און מיט אַזאַ צופרידנקייט געשמייכלט, גלייך ס׳זאָל אים הנאה טאָן, וואָס איך מוסר אים און זאָג אים אַריין.

— דאָס דוקא נישט — האָט זיך צו מיר צוגעבויגן יאַנקלס שוואָגער מיט בנעימותדיק־איינשטילנדיקע רייד — דאָס דוקא נישט. קיינער אין שטאָט קאָן זיך חלילה, נישט באַקלאָגן אויף אייער פעטער, אַז ער איז נישט מקיים דעם בין אדם לחברו. פאַרקערט. ער איז אַן אח לצרה פאַר יעדן, וואָס ווענדט זיך צו אים, ער איז אַ פאַרזאָרגער פון היימישע און צוגעפאָרענע אָרעמע לייט, און וואָס שייך די מצווה פון „ביקור חולים" איז נישטאָ קיין צווייטער צו אים אין שטאָט. נאָר וואָדען? איך בין אויך אַ פרומער ייד און לעב צווישן פרומע יידן, אָבער אַז דער נאָמען הערצל איז טריפה און מע טאָר אים נישט ברענגען אויף די ליפּן אום שבת, דאָס האָב איך ס׳ערשטע מאָל געהערט פון אייער פעטער יאַנקל.

וואָס וואונדערסטו זיך, שוואָגער לעבן — האָט יאַנקל איצט ווידער גענומען ס׳וואָרט און זיין וואָרט איז געווען ערנסט און הייס — שבת איז אַ הייליקער טאָג פאַר אַ ייד, ס׳איז דער טאָג וואָס איז אויסגעטאָן פון אַלע גשמיותן, קאָן אַ ייד דערפאַר לייכטער ווי אין די אַנדערע טעג זיך באַהעפטן מיט זיין פנימיות און צוגיין עפעס נענטער צום „והייתם קדושים״, איז אים פלוצעם עמעצער, אָדער ער זיך אַליין, אינמיטן דער שבתדיקייט מבלבל מיט הערצל, מיט קהל, מיט אסיפות און מיט אַנדערע חיצוניותן. עס וואָלט דאָך געווען אַן עוולה, אַ בפירושע עוולה, נישט צו דערמאָנען אַ ייד, אַז ער נעמט און צעטרענצלט זיך בידים אַ הייליקן טאָג, אין וועלכן ער קאָן אַזויפיל טאָן פאַר זיך.

— פאַר זיך, פאַר זיך — האָט דער שוואָגער שפּיציק און מיט אַ טאָן פון ביטול גענומען איבערחזרן יאַנקלס ווערטער — ביי יידן איז נישט דער יחיד, נאָר דער כלל הייליק, נישט דער און דער איז קדוש, נאָר ישראל איז אַן עם קדושים.

— טאָקע וועגן אָט דעם גייט עס — האָט יאַנקל אָנגעכאַפּט דעם שוואָגערס האַנט ווי ער וואָלט אים וועלן מפייס זיין אין פאָרויס פאַר די ווערטער, וואָס ער וועט איצט זאָגן — דו, משה, מיינסט אַז אַ פאָלק, וואָס וואוינט אין ארץ־ישראל, רעדט לשון קודש און ווער שמועסט, גייט נאָך שבת דאַווענען, איז אַן עם קדושים. ביסטו דיך אָבער שטאַרק טועה. אַן עם קדושים קאָנען מיר ווערן בלויז ווען יעדער ייד פאַר זיך, יעדער ייד אַליין מיט זיינע אייגענע כוחות וועט פאַרהאַרעווען זיין הייליקייט. אַן עם קדושים מוז באַשטיין פון קדושים. קיין אַנדערער וועג איז נישטאָ. יעדער ייד פאַר זיך מוז האָרעווען.

איך קאָן, פאַרשטייט זיך, היינט אויף אַ קעריק פון צוואַנציק יאָר נישט וויסן אַקוראַט, וואָס ס׳האָט מיך אַזוי געאַרט אין יאַנקלס ווערטער און האָט מיך געשטופּט צו פאַרשאַפן אים צער מיט מיין ענטפער. איך בין מיר משער, אַז מיך האָט געשטערט די מנוחהדיקע זיכערקייט אין יאַנקלס רייד און נאָך מער די אַסאָציאַציע צו קריסטלעכער מאָנאַכישקייט, וואָס זיין „הייליקייט־האָרעוואַניע״ האָט אין מיר אַרויסגערופן. און אַן שום ספק איז דערין שולדיק געווען מער ווי אַלץ דער אָפּקלאַנג פון די וויכוחים, וואָס איך אַליין און אינאיינעם מיטן טאַטן האָבן זיבנט עטלעכע יאָר געפירט מיט מיין ברודער אליעזר כמעט אויף דערזעלביקער טעמע פון „והייתם קדושים״, אמת נישט על פי תורה, נאָר על פי שפינאָזע און ברונער.

די מאַטיוון פון מיין דעמאָלטיקן ענטפער צו יאַנקלען קאָן איך בלויז פסיכאָלאָגיש רעקאָנסטרואירן, אָבער דער ענטפער גופא און וויאַזוי יאַנקל האָט דערויף רעאַגירט — דאָס האָט זיך מיר איינגעגראָבן אין זכרון און איך געדענק עס גוט.

— דו ווייסט כאַטש, יאַנקל — האָב איך צו אים געזאָגט (דער ווָאליוגערישער טאָן פון דער זאָגעניש איז היינט אַ היפשע בושה־וואונד אין מיין געמיט) — אַז דיין דרך צו „והייתם קדושים" איז נישט קיין יידישער, נאָר אַ נוצרישער. די נוצרים ווייסן נישט פון דעם מיטל־גליד פאָלק צווישן גאָט און מענטש. ביי זיי איז נישט פאַראַן קיין רעליגיעזער „מיר". און דער יחיד, וואָס וויל זיין נענטער צו גאָט ווי די אַנדערע, מוז זיך אָפּשיידן פונעם כלל, מוז מוותר זיין אויף ווייב און קינד, מוז ווערן אַ נזיר, אָדער, ווי זיי רופן עס, אַ מאָנאַך. ביי יידן קומט מען נענטער צו גאָט ברוך הוא דוקא דורך תפילה בציבור און דורך לערנען תורה בציבור. היוצא לנו מזה, אַז דו, יאַנקל, ביסט אַ נוצרי אין טלית און תפילין.

אַ בלאַסקייט האָט אַרויסגעשלאָגן אויף יאַנקלס פנים, די שיינע קאַרע אויגן זיינע האָבן זיך פאַרנעפּלט פאַר עגמת נפש און מיט אַ קול, וואָס מע האָט געהערט זיין אינעווייניקסט ציטערניש, האָט ער כמעט ווי געשריגן —

— וואָס פאַרגלייכסטו מיך מיט די נוצרים? זיי זיינען דאָך עובדי עבודה זרה. ביי זיי האָט דאָך דער רבש"ע אַ זון און זייער גאַנצע קדושה איז דאָך אויסן התקרבות צום זון און נישט צו גאָט ברוך הוא. ווי קאָנסטו גאָר דאָס אַרויסזאָגן אין איין אָטעם?

ס'האָט מיר בפירוש באַנג געטאָן, וואָס כ'האָב אַזוי געזאָגט. אויך די אויגן פונעם שוואָגער האָבן מיך שטיל געמוסרט.

די פריקרע שטימונג האָט איבערגעריסן יאַנקלס ווייב, וואָס איז אַריינגעקומען בעטן מע זאָל זיך וואַשן צום אָנבייסן. דער שוואָגער האָט זיך אָפּגעזעגנט. ביים טיש האָבן מיר שוין גערעדט בלויז וועגן משפחה־ענינים.

יאַנקל האָט דערמאָנט, אַז מיין טאַטע האָט אים דאָ אַנומלט געשריבן וועגן משולמס דערפאָלגן אויפן טשערנאָוויצער אוניווערסיטעט און אַז אליעזר איז גאָר אין די „גדולות". ער איז אַ גרויסער דאָקטער און האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן פילאָזאָפיע.

איך האָב מוסיף געווען פרטים וועגן משולמען און דערעיקרשט

וועגן אליעזרן, דהינו, אַז דער בערלינער מעדיצינישער פֿאַקולטעט האָט אים, אויפֿן סמך פֿון זיינע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן, געכפּלט דעם בוקאַ־רעסטער דאָקטער־טיטל און אַז דאָס בוך, וואָס ער האָט פּאַראַיאָרן אַרויס־געגעבן אין בערלין, הייסט „צור רענעסאַנס דער פֿילאָזאָפֿי״ און האָט אויך צו טאָן מיט דער פּראָבלעם פֿון „והייתם קדושים״.

— ס'איז דערזעלבער „והייתם קדושים״ — האָב איך איצט שוין לאַכנדיק געזאָגט צו יאַנקלען — נאָר וואָדען דיין דרך איז תּפֿילה און זיינער מחשבה. איר האָט אייך ביידע אַריינגעכאַפּט אין „פּרדס״, איר פּרוּווט ביידע פֿליען און צו דערפֿליען. איר הייסט דאָך עפּעס ביידע נאָכן פֿעטער לייזער. דו שיר נישט און אליעזר אויף אַן אמת.

יאַנקל איז געבליבן ערנסט. נאָר ערגעצוואו האָט אויף זיין גרינלעך פּנים און אויף זיין טונקעלן בערדל זיך געהעלט אַ שטראַל פֿון הנאה (אַזוי האָט זיך מיר אויסגעדאַכט), ווען ער האָט געבעטן גריסן לייזערן און אים זאָגן אין זיין נאָמען, אַז דער דרך פֿון מחשבה איז אַ פֿאַלשער, וואָרום ער פֿירט צו ספֿקות און איז פֿול מיט מכשולים, און אַז דער זיכערסטער וועג קאָן נאָר זיין דער וועג פֿון תּפֿילה.

נאָך דעמזעלבן נאָכמיטאָג בין איך צוריקגעפֿאָרן קיין סטאַניסלאַוו און פֿון דאָרט קיין ווין. יאַנקלען האָב איך זינט דעמאָלט נישט געזען.

צען יאָר שפּעטער, אין תש״ב, איז יאַנקל אומגעקומען אויף קידוש השם. ער האָט דערגרייכט דעם אַזוי געגאַרטן „והייתם קדושים״ אינ־איינעם מיט אַלע יידן פֿון באַלעכאָוו אַן איבעריקער האַרעוואַניע פֿון תּפֿילה און עבֿודה.

ג

מיין ברודער אליעזר האָב איך אַן ערך אַ האַלב יאָר שפּעטער, פֿרילינג 1933, געהאַט די געלעגנהייט צו דערציילן בעל־פּה וועגן יענעם קריגערישן טאָג ביי יאַנקלען אין באַלעכאָוו.

אליעזר איז דעמאָלט צוריקגעקומען פֿון בערלין און האָט באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין בוקאַרעסט. די אילוזיעס וועגן אַ געהילפֿס־פּראָפֿעסאָר־שאַפֿט אויפֿן בערלינער מעדיצינישן פֿאַקולטעט זיינען צערונען געוואָרן. ביז צום ערשטן אַפּריל 1933, דעם טאָג פֿון אָפֿיציעלן יידן־באָיקאָט, האָבן סיי דער דייטשער פּראָפֿעסאָר וואַגנער, דער תּקיפֿותדיקער שעף פֿון דער

גינעקאָלאָגישער אָפּטיילונג אין גרויסן מלוכה־שפּיטאָל „שאַריטע", און סיי זיין עלוישער אָסט־יידישער אַסיסטענט, געגלויבט, אַז היטלער קאָן נישט זיין מער ווי אַ קורצער עפּיזאָד אין אַזאַ „קולטור־לאַנד" ווי דייטשלאַנד, און אַז ער וועט פאַר יעדן פאַל, ווי לאַנג זיין רעזשים זאָל נישט גע־דויערן, נישט דערוועגן זיך צוצורירן צו דער אויטאָנאָמיע פון די דייטשע אוניווערסיטעטן.

די לעקציע פונעם אָפּיציעלן באַיקאָט־טאָג, ווען ס'האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן „עס־עס"־שטיוול אין די אוניווערסיטעט־קאָרידאָרן, איז געווען אַן איבערצייגנדיקע, לכל הפחות, פאַרן דייטשן פּראָפעסאָר. ער האָט אַריינגערופן זיין יידישן אַסיסטענט און געבעטן אים צוריק־צופאָרן קיין רומעניע, וואָרום, צום באַדויערן, קאָן דערווייל נישט בלויז קיין רייד נישט זיין פון אַ דאָצענטשאַפט, נאָר אַפילו נישט פון קיין באַשיצונג קעגן היטלעריסטישע סטודענטן אין פאַרלעזונגס־זאַל.

זיצן מיר ביידע, איך און אליעזר, אין די ערשטע טעג נאָך זיין אָנקום פון בערלין קיין בוקאַרעסט, ביי מיר אין שטוב און מיר רעדן וועגן פּראַקטישע ענינים, וועגן אַ פּאַסיקער וואוינונג פאַר אים, וועגן אויסשטאַטונג פון אַ מעדיציניש קאַבינעט, וועגן דער מעגלעכקייט צו טאָן כירורגישע אַרבעט אין שטאָטישן אָדער אין יידישן שפּיטאָל, וועגן איבער־זעצן די וויכטיקסטע מעדיצינישע אַרבעטן זיינע פון דייטש אויף רומע־ניש, און — צווישן אָט די זאָרגן און פּלענער פלעכט זיך אַריין, ווי פון זיך, אַ שמועס אויך וועגן די אַלע זאַכן, וואָס מיר ביידע ברידער, און דער טאַטע מיט אונדז, האָבן זיך אַרומגעקריגט פאַר די לעצטע צען יאָר.

— דיין פעטער יאַנקל, דער שיר נישט אליעזר — זאָג איך צו אליעזרן — האָלט אין תוך נישט פון קיין עם ישראל פונקט ווי דו. ער — און גאָט ברוך־הוא. צווישן אים און דעם רבונו של עולם איז אַ פּרייער פּסיכישער שטח, אויף וועלכן עס שטייט נישט, נישט קיין מבין יידן, נישט קיין עדה יידן און נישט דאָס פאָלק ישראל. בין איך נישט גערעכט געווען אַז דער דאָזיקער רעליגיעזער אינדיווידואַליזם פונעם פרום־יידישן פעטער אונדזערן איז נישט עפּעס אַנדערש ווי קריסט־לעכקייט ?

— דער חילוק צווישן יאַנקלען און דיר — זאָג איך ווייטער — איז בלויז דער, וואָס פאַר אים מוז יעדער ייד דערגרייכן קדושה, כדי יידן זאָלן דערנאָך קאָנען ווערן אַן אמת פאָלק — אַן עם קדושים. און לויט

דיין שיטה מוז מען זיין פריי, וואָס פריִער פון דעם „אָבערגלויבן" פון ייִדישער פּאָלקישקייט, כדי אומגעפּענטעט צו פירן די פּערזענלעכע באַפריי־אונגס־מלחמה קעגן די אַפּעקטן, און כדי עפעקטיווער און דערפּאָלגרייכער נביאות צו זאָגן אין נינוה.

— האָסט פאַרגעסן — האָט אליעזר שפּילעוודיק אַריבערגעוואָרפן פון איין האַנט צו דער אַנדערער דעם שווערן גילדענעם רינג מיט דער אַריינגעקריצטער גריכישער אויפשריפט „קאַלאָסקאַגאַטאָס" (גוט און שיין), וואָס זיינע חברים פון דער „קאָנסטאַנטין ברונער־געמיינשאַפט" האָבן אים געשאָנקען מיט אַ יאָר צוריק צו זיין דרייסיקסטן געבוירנטאָג, און זיינע טיפע בלאָע אויגן האָבן דערביי געבּישופט מיט יענעם שטילן און אינ־טענסיוון ליכט פון געפונענעם אמת און פון זיכערער איבערצייגונג, וואָס האָט בלי ספק געהאַט אַ חלק אין דער רבי־חסיד־באַציאונג צווישן אים און זיינע חברים — האָסט פאַרגעסן, אַז צווישן אַנדערע זאַכן באַשטייט דער חילוק צווישן מיר און יאַנקלען אויך אין דעם, וואָס איך שרעק זיך נישט אַזוי פאַרן יויזל ווי ער. פאַרקערט. איך, ווי דו ווייסט, האַלט, אַז ערשט יעזוסעס אָריגינעלע פּערזענלעכקייט (דאָס וואָס יעזוס האָט זיך סומך געווען אויף דער ייִדישער מסורה און האָט גערעדט אין איר שפּראַך האָט מיט גאָרנישט נישט געמינערט זיין אָריגינאַליטעט) האָט באַוויזן דעם נס, וואָס דאָס יידנטום האָט געקאָנט משפּיע זיין אויף אַנדערע פעלקער מחוץ פונעם ייִדישן פאָלק. ערשט דורך יעזוסן און דורך זיין שליח פּאַולוס איז דאָס יידנטום געוואָרן אַ וועלט־היסטאָרישער ענין. און ברונער איז גערעכט ווען ער זאָגט, אַז קיינער אַחוץ דעם נוצרי האָט דאָס נישט געקאָנט אויפטאָן, נישט רבי עקיבא, נישט רב הונא און נישט רב אשי. און אמת איז אויך, אַז ערשט דורך דער וועלט־היסטאָרישער ייִדישקייט איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די מחיצה פון פעלקער און ראַסן צווישן גאָט און מענטש.

יאַנקל איז זיכער נישט קיין קריסט, אַפילו בלאָ יודעים. ער איז פונקט אַזוי ווייט ווי דו און ווי איך פון קריסטלעכער קירך און פון קריסטלעכער רעליגיע. אָבער זיין אייגן גאָט־געפיל, זיין אייגענער באַגער צו מאָראַלישער לייטערונג האָט אים אַריבערגעפירט איבער די גרענעצן פון קהילה און פון פאָלק און אים צוריקגעפירט צו זיך אַליין.

— און דו, שלמה, קענסט מיך — אליעזר האָט זיך צו מיר צוגע־בויגן גלייך ער זאָל געווען וועלן אַז גראָד דאָס וואָס ער וועט מיר איצט

זאָגן זאָל איך בעסער הערן — און דו פאַרבייטסט זיכער נישט מיין רעליגיע־לאָזיקייט מיט גאָט־לאָזיקייט. מיין האַרץ אָנערקענט טאַקע נישט קיין מלך עליון, אָבער דערפאַר איז מיר דאָס גליק פון פרומקייט (בלא חידה ובלא משל) נישט געבליבן, חלילה, קיין אומבאַקאַנטער ענין. נאָר וואָדען? מיין גאָט, שפינאָזעס „דעאוס סיווע נאַטוראַ", איז ווי דער מיס־טישער גאָט די נשמה גופא. יאַנקלס רבונו של עולם שטייט ווי דער גאָט פון אַלע רעליגיעס מחוץ פון דער מענטשלעכער נשמה, מחוץ פון דער נאַטור, און דערפאַר גלויבט אונדזער פרומער פעטער, אַז מע קאָן צו אים דערגיין דורך תפילה.

דו לייגסט אין דיין פירוש צו יאַנקלס דרך פון יידישקייט — האָב איך זיך אָפּגערופן צו אליעזרן — דעם טראָפּ אויף דעם ענין גאָט און מיך אינטערעסירט צו וויסן מערער, וואָס דו טראַכטסט וועגן אותו הדבר, וואָס הייסט יידיש פאָלק. דעם אמת געזאָגט, האָב איך דערציילנדיק דיר וועגן מיין ויכוח מיט יאַנקלען, אונטערגעשטראָכן דעם ענין יידיש פאָלק, ווייל איך האַלט מיך אין אונדזער הסכם — געדענקסט? — בעת די שמועסן פאַר צוויי יאָרן אין בערלין אין דיין צימער אין דער „שאַריטע" און מיטאָג־צייט אין דעם קליינעם רעסטאָראַנדל „צום ברעמער שליסל", לעבן שפּיטאָל. מיר האָבן דעמאָלט באַשלאָסן צו פאַרענדיקן אונדזער צען־יאָריקן קריג, וואָס מיר האָבן געפירט, מיר ביידע און אין דרייען מיטן טאַטן, און צו קוקן אויף זיך ווי אויף די צוויי ברידער פונעם מעשהלע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט, איעדער מיט זיין וועג, איינצונעמען די וועלט און אויסצוגעפינען דעם העכסטן לעבנסווערט און — בלויז פון צייט צו צייט, ווען נייטיק, זיך איבערצוגעבן איינס ס'אַנדערע די דערפאַרונגען פון קאַמף און פון דערגרייכונג.

— און מיר דאַכט — האָב איך ווייטער גערעדט צו אליעזרן — אַז דו מוזט איצט האָבן וואָס צו דערציילן וועגן דיינע דערפאַרונגען אין לעצטן יאָר און אין די לעצטע חדשים מיט דער דייטשער בינוה. די היטלעריזירטע דייטשלאַנד האָט מיין יידישן נאַציאָנאַליזם, ווי דו פאַר־שטייסט, מן הסתם, אַליין, פאַרשטאַרקט און מיינע יידיש־נאַציאָנאַלע גאולה־חלומות נאָך וואַכער געמאַכט, אָבער דיין אַסימילאַציע־טרוים האָט, שטעל איך מיר פאָר, אין אָנגעזיכט פון דער בערלינער „ממשלת זדון" און אין אָנגעזיכט פון דער „מלאה הארץ חמס", היפשלעך געליטן, אויב ער איז נישט אינגאַנצן צערונען געוואָרן.

— דו דערמאָנסט יענע כמעט צען־יאָריקע ויכוח־מלחמה מיט די „בלוטיקע״ שלאַכטן אין די פרימאָרגנדיקע פאַר־פרישטיק־שעהן אינדערהיים ביים טאַטן אין דאָרף — האָט אליעזר נאָסטאַלגיש אַ שמייכל געטאָן — זיי זיינען געווען שיין, און דער שענסטער און פייערדיקסטער דיסקוטאַנט צווישן אונדז איז געווען דער טאַטע. ער האָט געשטורעמט, דער טאַטע, ווייל אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיין מיטלסטער זון אליעזר איז, אָדער ווערט אויס ייד. און איך — איך בין ווייט, זייער ווייט דערפון. איך בין שוין אַ פאַרפאַלענער, איך קאָן שוין נישט אויסטריקענען אין מיר דעם שטראָם פון יידישקייט, וואָס ירושהדיקער לעבנס־שטייגער און דער־ציאונג האָבן אין מיר אַריינגעפלאַנצט. אָבער מודה זיין מוז איך דיר, אַז אויב מיר וועט באַשערט זיין צו האָבן אַ זון וועל איך אים דערציען פריי פון יעדער רעליגיע און — דערביי טאָן אַלץ וואָס איך קאָן אים צו געבן אַ מעגלעכקייט זיך אויסצומישן פולשטענדיק מיט דעם אַרומיקן פאָלק, מיט דעם מלוכה־פאָלק.

— מיינט דאָס נישט דערציאונג צו אומחשיבות און אין אַ געוויסער מאָס צו היפאָקריטישקייט? — האָב איך אַ זאָג געטאָן רוגזהדיק און דערמיט בכיון אָנגערירט דאָס ווייטיק־פינטעלע פון אליעזרס אַסימי־לאַציע־חלום.

— עס וועט נישט אָנגיין קיין שפיל פון באַהעלטעניש צווישן מיר און מיין זון — האָט אליעזר אַ געטראָפּענער כמעט ווי אַ געשריי געטאָן — ער וועט וויסן מיין זון און וועט אין מיר, וואָס כ׳בין שוין נישט בכוח און וויל אויך נישט ווערן אַנדערש, טויזנט מאָל און אָבער־טויזנט מאָל זען און פון מיר לערנען, אַז ער שטאַמט אָפּ פונעם געניאַלן יידישן פאָלק. און אויב ער וועט נאָר נישט זיין טעמפּ, וועט ער ליב האָבן און זיין שטאָלץ אויף זיין יחוסדיקן אָפּשטאַם.

— און דער יחוסדיקער אָפּשטאַם — האָב איך געביטערט — דאַרף זיך אַסימילירן צו די אַרומיקע פעלקער, וואָס האָבן איצט אַזוי מיאוס אַרויסגעוויזן זייער אומיחוסדיקייט?

— דו האָסט זיך נאָכגעפרעגט וועגן מיין דערפאַרונג אין נינוה — האָט אליעזר גערעדט מיט ערנסטער רואיקייט — ענטפער איך דיר, אַז גראָד איצט ווען ס׳איז אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן אונדזער אַלעמענס צוטרוי צו דער מענטשלעכער זיטלעכקייט פון די פעלקער, גראָד איצט איז נייטיק אַ גרינטלעכע עטנישע אַסימילאַציע מיטן אַרום, כדי —

— כדי — האָב איך אַן אומגעדולדיקער אויסגעכאַפּט — כדי מע זאָל קאָנען אַ מער געשיצטער אַרבעטן איבער דער אייגענער אינע־וויניקסטער באַפרייאונג און מע זאָל קאָנען מיט מער דערפאָלג נביאות זאָגן אין דער זינדיקער שטאָט. האַלטן מיר, הייסט עס, ביי יענע אַלטע דיסקוסיעס. יעדער ייד אַ משיח פאַר זיך אַליין און אַ נביא צווישן די פעלקער. דאָס איז אונדזער שליחות, פאַר וועלכער מיר דאַרפן צאָלן מיט פאָלקישן אונטערגאַנג.

— נישט מיר דאַרפן צאָלן, נאָר מיר צאָלן, מיט און קעגן אונדזער ווילן, — האָט אליעזר פּונקטלעכער געמאַכט דעם געדאַנק — און די שליחות, מוזטו מודה זיין, איז אַ גרויסע, נישטאָ זיך מיט איר וואָס צו שעמען.

ד

ס׳איז נישט געווען מיין טאַטנס טבע צו לויבן זיינע קינדער, נישט אין די אויגן און אויך נישט אונטער די אויגן, נישט פאַר אייגענע און נישט פאַר פרעמדע.

אָבער ווען איך בין מיט דריי יאָר צוריק געזעסן אין איינעם אַ שבת נאָכמיטאָג מיט אים אַליין אין זיין צריף אין גבעת־שמואל האָט דער טאַטע, נאָכדעם ווי מיר האָבן שוין פאַר עטלעכע וואָכן אין ישראל, געהאַט גערעדט אַזויפיל וועגן אליעזרן און וועגן זיין משפּחה, זיך פונדאַסניי נאָכגעפרעגט וויאַזוי ס׳לעבט זיך אליעזרן די פאַר חדשים זינט ער האָט זיך באַזעצט אין קאַנאַדע, און דערעיקערשט ווי אַזוי ער פילט זיך אין געזונט — און פלוצעם, צו מיין גרויס חידוש, גענומען אים לויבן.

מיט קנאַפּע זעקס חדשים שפּעטער, אין יענעם גאַס־רעגנדיקן און פאַרפינצטערטן טאָג פון חול־המועד פּסח, ווען איך בין געפלויגן צו אליעזרס לוויה קיין טאָראָנטאָ, איז מיר איינגעפאַלן, אַז דער טאַטע האָט עפּעס ווי פאָראויסגעפילט דאָס אומגליק. און זיינע ווערטער האָבן מיר געקלונגען אין די אויערן ווי אַ יאָמערדיקער הספד. דעם טאַטנס שבחים אויף אליעזרן האָבן צובאַקומען אין מיין געמיט אַזאַ האַרצרייסנדיקע, אויפטרייסלענדיקע מוזיק, וואָס איך האָב חדשים לאַנג נישט געקאָנט הערן אַן געוויין.

אָבער דעמאָלט, אין דעם זוניקן נאָך־ימים־נוראימדיקן שבת אין

גבעת שמואל, האָבן דעם טאַטנס דערמאָנונגען וועגן אליעזרס ייִנגל־יאָרן און דערנאָך מײַן רעפּליק מיט זכרונות וועגן די דאָרפיש־פּרימאָרגנדיקע ויכוחים אין דרײַען אין כּפר זאַטעוויץ, סמוך לטשערנאָוויץ, געטאַנצט שפּילעוודיק און פרײלעך איבער מײַן געמיט, און, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, אויך איבערן טאַטנס געמיט.

— פון אַלע „ווילדע קעפּ" — האָט דער טאַטע געשפּונען דערמאָנונגען — פונעם פעטער לייזער, איבערן זיידע שלמה חלפן, איבערן עלטער־זיידן משה נחום און ביז צו שלמה סאַטינאָווער, וואָס איז דער ערשטער אָראָפּגעקומען פון רוסלאַנד קיין גאַליציע, איז מײַן אליעזר, ווייזט אויס, דער „ווילדסטער", וואָרום ער איז געבענטשט מיט חריפות און התמדה אין אַ גלײַכער מאָס.

אַ מתמיד און אַן עלוי ווען ער קומט אָן אין דער פיפטער קלאַס פון דער טשעכיש־דײַטשער גימנאַזיע אין מעריש־ווײַסקירכען און ווערט דאָרט, אָן שום פריערדיקע ידיעות פון טשעכיש און מיט שוואַכער קענטשאַפט פון דײַטש, ביים סוף פונעם שול־יאָר, נישט נאָר דער ערשטער תלמיד אין זײַן קלאַס, נאָר אויך (דער דירעקטאָר פּראָקלאַמירט עס מער מיט חידוש ווי מיט תענוג) דער ערשטער אין דער גאַנצער שול.

אַ חריף און אַ מתמיד, ווען ער מאַכט דעם „מאַטורע"־עקזאַמען אין דער רומעניש געוואָרענער טשערנאָוויצער גימנאַזיע נאָך בלויז איין יאָר פון רומענישע לימודים, און דער אָדון הגדול, דער וואָלכעישער פּאָרזיצער פון דער פּריפונג־קאָמיסיע, איז אַזוי נתפּעל געוואָרן פון אליעזרס קענטעניש פון רומעניש און פון רומענישער געשיכטע, אַז ער האָט זיך אײַנמיטן דרינען אויפגעהויבן און קעגן אַלע מנהגים ביי אַזעלכע עקזאַמענס, גראַטולירט דעם „דאָמנולע ביקל".

און דעם טאַטנס פּנים האָט ממש געלויכטן פאַר פרייד ווען ער האָט מער צו זיך ווי צו מיר גערעדט און זיך אַלץ געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג: און פון וואַנען קומט צו דעם בחור אַזאַ גוטע ידיעה פון העברעאיש און פון היפּשע טיילן פון תנ"ך אויף אויסנווייניק? ער איז דאָך ביים אויסברוך פון דער מלחמה געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף און ס'איז געוואָרן אויס חדר און קיין העברעאישע לערערס האָב איך „אויף דער פלוכט" אַוודאי נישט געקאָנט האַלטן. ווען האָט ער דאָס אַלץ געלערנט? אין טשערנאָוויץ זינט ער האָט זיך צונויפגעניוכעט מיט דעם פילאָזאָף ברונערס תלמידים, האָט ער דאָך גאָר יומם ולילה שטודירט שפּינאָזאָס

„עטיק" אויף לאַטייניש. ווען־זשע — האָט דער טאַטע געהאַלטן אין איין איבערחזרן מיט הנאה — האָט ער דאָס אַזוי גוט אויסגעלערנט העברעאיש, אַז ער האָט דערנאָך אין די אוניווערסיטעט־יאָרן אין בוקאַרעסט געצויגן חיונה פון העברעאישער לערעריי פאַר זיך און נאָך טאַטע־מאַמע אויך געקאָנט שיקן פון צייט צו צייט היפּשע סומעס?

וואָס שייך מיין רעפליק צו די זכרונות וועגן די שטורמישע דיס־קוסיעס אין דרייען אין די וואַקאַציע־טעג אין דעם בוקאָווינער דאָרף, וואו מיין טאַטע האָט לאַנגע יאָרן געוואוינט, האָב איך די זכרונות דעמאָלט געפּרואווט דערציילן וואָס מער הומאָריסטיש. דער הומאָריסטישער טאָן האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דער אַטמאָספער פון יענעם געמיטלעכן שבת־דיקן שמועס אין גבעת שמואל. און דער „וואָס מער הומאָריסטיש" פון דער דערציילונג איז מן־הסתם ביודעים און אפשר בלא יודעים אויסן געווען צו פאַרהיטן, אַז די פריידיקע שטימונג זאָל זיך נישט פּלוצעם אַרויסגליטשן פון טאַטנס געמיט, ווי דאָס פלעגט נישט זעלטן טרעפן, און ערגעץ אַנטרינען ווערן.

אָבער אין דער אמתן זיינען יענע „ויכוחים אין דרייען" כמעט דורכאויס נישט געשטאַנען אין צייכן פון הומאָר און פון ליבלעכן שמועס. די צונויפשטויסן, דערעיקרשט צווישן טאַטן און אליעזרן, זיינען געווען דראַמאַטישע און האָבן זיך אָפט געענדיקט מיט פריקרע רוגזהס.

דער טאַטע פלעגט זומערצייט געוויינטלעך שוין פאַרטאָג זיצן ביים טיש און מעיין זיין אין אַ ספר. אין די טעג ווען מיר, די זין, זיינען זיך צונויפגעפאָרן אַהיים (איך פון בוקאַרעסט, אליעזר פון בוקאַרעסט און דערנאָך פון בערלין, און דער ייִנגסטער, משולם, פון דער גימנאַזיע אין טשערנאָוויץ), האָט ער ליב געהאַט אַריינצוקוקן אין די ביכער, וואָס די זין האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך, און בלעטערן אין זיי און אַמאָל אויך לייענען.

איינער פון די ערשטע ויכוחים האָט זיך צעפלאַמט אין אַ פרימאָרגן, ווען דער טאַטע האָט געהאַט געכאַפּט אַ בליק אויף די צוויי בענד פון קאָנסטאַנטין ברונערס „די לערע פאָן דען גייסטיקן אונד פאָם פאָלק" (דאָס דאָזיקע ווערק איז אין אונדזער דור מן הסתם דאָס וויכטיקסטע ווערק פון פאַרטיפונג און אויסברייטערונג פון שפינאָזעס פילאָסאָפיע) און האָט זיך אָנגעשטויסן אין סאַמע ערשטן קאַפּיטל אונטערן נאָמען „אַנקינדיגונג", וואָס לאָזט זיך צום בעסטן איבערזעצן מיט „מסירת מודעה", אויף ברונערס

אַזעלכע מודעות ווי „איך זאָג אייך און דערמיט ווערט אָנגעצייכנט די גרויסע טעמע פונעם בוך: לויט צוויי פּרינציפּן ווערט געטראַכט פון צווייערליי מענטשן, פון די גייסטיקע און פונעם פאָלק", אָדער נאָך שאַר־פּער: „אַז דאָס גייסטיקע טראַכטן און די פאָלק־טראַכטעניש זיינען נישט איינס, נאָר צווייערליי גרונטפאַרשידנקייטן, אַזביידע אופנים פון טראַכטן זיינען בטבע איינס קעגן ס'אַנדערע פול מיט ווידערווילן, אַז ס'באַשטייט און ס'האָט פון תמיד אָן באַשטאַנען קעגנערישקייט און רוגזה צווישן די גייסטיקע און דעם פאָלק, און אַז די דאָזיקע קעגנערישקייט האָט זיך אַלץ מער פאַרשאַרפט און מוז בהכרח פירן אויך צו אַ דרויסנדיקער צעשיידונג".

אליעזר האָט געפּרואווט נאָכוויזן דעם טאַטן, אַז דער חילוק וואָס ברונער מאַכט צווישן „גייסטיקע און פאָלק" האָט בכלל נישט צו טאָן מיט סאָציאַלן אַריסטאָקראַטיזם, נאָר עס גייט וועגן צווייערליי מינים פון „איך" און פון גאָט־דערקענטעניש און פון לעבן לויט דער דערקענ־טעניש.

— וואָס איז ער דאָ מחדש? — איז דער טאַטע צוגעלאָפן צום ספרים־אַלמער, האָט דאָרט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט און אַרויסגענומען דעם ספר המדע פונעם רמבמס „משנה תורה" — דער רמב"ם האָט שוין מיט אַ שפּאַר ביסל יאָרהונדערטער פאַר דיין ברונער גערעדט וועגן דעם „גייסטיקן" און האָט אים באַצייכנט ווי אַ „והוא מתקדש ופורש מדרכי כלל העם ההולכים במחשכי הזמן", און דער רמב"ם האָט פאַר אים גרייט געהאַט די פּריווילעגיע פון רוח הקודש און פון „ווערן אַן אַנדערער מענטש, אַ דערהויבענער איבער דער הויך פון אַלע חכמים".

און ערשט איז דער רמב"ם מיט אַלע זיינע טעאָריעס וועגן דעם „מתקדש ופורש מדרכי כלל" — האָט דער טאַטע געטענהט מיט האַרץ — געווען היפּש אונטער דער השפּעה פונעם קריסטנטום. ביי די נוצרים איז מתקדש זיין זיך דער טייטש אָפּשיידן פונעם אַרומיקן לעבן. אַ יידישער מתקדש איז נישט קיין פורש מדרכי הכלל. אין דעם פּרט האָט חסידות צום שענסטן און צום טיפסטן פאַרשטאַנען יידישקייט. די קדושה פונעם חסידישן רבי איז געווען בבחינת „ברב עם הדרת מלך".

דער ויכוח איז געוואָרן אַן אַ שיעור דראַמאַטישער ווען דער טאַטע האָט עטלעכע טעג שפּעטער אַרויסגענומען פון אליעזרס ספרים־אַלמער

קאָנסטאַנטין ברונערס בוך „דער יודענהאַס אונד די יודען" און האָט דאָרט געלייענט דאָס קאַפּיטל „רעדע דער יודען: וויר וואָלען איהן צוריק".

די צענדליקער בוך־זייטן, אין וועלכע ברונער רעדט אין נאָמען פון יידנטום און פאַרלאַנגט צוריק ביי די קריסטן קריסטוסן, דעם יידישן נביא, געהערן מן־הסתם צו די גרעסטע שריפטשטעלערישע דערגרייכונגען פון דעם גרויסן שריפטשטעלער קאָנסטאַנטין ברונער. יענע „רעדע פון די יידן" איז געשריבן מיט ליידנשאַפטלעכער שטורמישקייט און מיט אַ גליענדיקער עלאָקווענץ, וואָס טרייסלט אויף און רייסט מיט דעם לייענער. און אין דער „רעדע" איז פאַראַן סטיליסטישער צמצום — עפּעס, וואָס דער געוויינטלעך שטאַרק אויספירלעכער און באַרעדעוודיקער ברונער פאַרמאָגט נישט תמיד אַפילו אין זיין פילאָזאָפישן קרוינווערק „די לערע פאָן דען גייסטיקן אונד פאָם פאָלק". מיט איינעם וואָרט די "רעדע" מאַכט אַ געוואַל־דאָוועגעם רושם אויף יעדן לייענער און דער טאַטע איז זיכער נישט געווען קיין אויסנאַם.

אָבער טאַקע דערפאַר איז דער אַטאַוויסטישער פאַרדראָס און ווידער־ווילן צו קריסטוסן נישט געוואָרן קלענער ביים טאַטן, נאָר, פאַרקערט, איז מיטן לייענען נאָך געוואַקסן.

— וואָס דאַרפן מיר אים צוריק, דעם נוצרי? — האָט דער טאַטע געשריען און אין זיינע ווערטער האָט געפלאַקערט שנאה — וואָס דאַרפן מיר אים, און וואָס וועט ער אונדז נוצן? קאַרג בלוט האָט ער אונדז אָפּגעקאָסט? באַלד צוויי טויזנט יאָר אַז מע טרייבט אונדז און מע יאָגט אונדז, אַז מע ברענט אונדז אין זיין נאָמען און איצט פּלוצעם זאָלן מיר אים צוריק פאַרלאַנגען דעם עוכר ישראל?

— וואָס איז שולדיק קריסטוס פאַר דעם, וואָס מע האָט געטאָן אין זיין נאָמען? — האָט אליעזר געענטפערט שטיל אָבער זייער איינדרינגלעך — אין ווענעמענס נאָמען האָבן מענטשן נישט אָפּגעטאָן אַלע מיני מיאוס־קייטן און פאַרברעכנס? אין גאָטס נאָמען אַליין נישט?

— און אַז מע דערמאָנט — האָט אליעזר ווייטער גערעדט און דער טאַטע האָט זיך מיט כל אמצי כוחות איינגעהאַלטן אים נישט איבער־צורייסן — די אַלע נבלות און אכזריותן, וואָס זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן אין קריסטוסעס נאָמען, דאַרף מען אויך נישט פאַרגעסן אַלץ דאָס שיינע און גרויסע, וואָס די מענטשהייט האָט אין זיין נאָמען פאַרווירקלעכט. אויף קריסטוסן פאַררופן זיך נישט בלויז קריסטלעכע צבועקעס, וואָס

אַלע זייערע מעשים זיינען להיפוך צו דעם, וואָס ער האָט געלערנט, נאָר אויך יענע קריסטן, וואָס האָבן מיטן כוח פון דער קריסטוס־געשטאַלט גובר געווען אַלע יצר־הרעס און זיינען געגאַנגען אויפן וועג פון זעלבסט־לייטערונג, אויפן וועג פון הייליקייט און גאָט־זעאונג.

— אַלעמאָל ווען איך הער — האָט דער טאַטע איבערגעריסן אומ־געדולדיק — ווי די מתקדשים נעמען זיך איבער מיט „הכובש את יצרו" קאָן איך נישט פאַרשטיין דעם אויפטו. ווארום לאָמיר אָננעמען, אַז „הכובש את יצרו" איז טאַקע אַ גיבור, אָבער איז ער אויך אַ קדוש? — אַזאַסיע!

— דו ווייסט ביי וועמען עס שטייט איין קדושה? — האָט דער טאַטע געערדט מיט התפעלות — די אָרעמע יידענע, וואָס קאָן שוין נישט אַריבערטראָגן די צרות און פאַרשעלט אַלץ אַרום זיך, אַפילו אירע אייגענע קינדער און איר אייגן געביין, איז נענטער צו גאָט ווי אַלע מתקדשים און זעלבסט־לייטערער, וואָס האָבן איינגענומען אַלע יצר הרעס. איוב איז נענטער געווען צו גאָט אין קאַפּיטל ג׳ ווען ער האָט, אַ צעשמעטערטער פון יסורי הגוף און יסורי הנשמה, פאַרשאָלטן דעם טאָג פון זיין געבוירן, איידער אין די לעצטע קאַפּיטלען ווען ער האָט גובר געווען זיך און זיינע געריכטע טענות. נישט אומזיסט זאָגט דער בעל־התהילים, אַז „קרוב ד׳ לנשברי לב" און „ד׳ יעמוד לימין אביון".

אַזאַ ויכוח, ווי דער וועגן קריסטוסן, האָט זיך אָבער נאָך אַלץ געקאָנט ענדיקן האַלבוועגס אין גוטן מוט. עמעצער פון אונדז האָט דערמאָנט די מעשה מיט מעכעלע שוחט פון קאָלאָמיי, וואָס האָט זיך געבעטן ביים רבונו של עולם, אַז ער זאָל זיך שוין אַביסל שטעלן ביי דער רעכטער זייט פון די גבירים, לעבן הערש ראמלער אָדער מענדעלע ברעטלער, און זאָל זיי נישט לאָזן פאַרדינען אויף שבת. האָט מען, אויב נישט געלאַכט, איז געשמייכלט, און דער טאַטע האָט אַריבערגעשריען צו דער מאַמען אין דער אַנדערער שטוב:

— ביילציע, זיי־זשע מוחל און גיב מיר אַ פּיל צו קאַפּווייטיק און די קינדער גיב אָנבייסן, ס׳איז צייט. מע האָט זיך דאָך שוין אָנגערעדט ווי אַ פּויק.

די שטורמישסטע דיסקוסיע אין דרייען, וואָס איך געדענק פון יענע דאָרפישע פרימאָרגנס, איז געווען אַרום קאָנסטאַנטין ברונערס דעמאָלט

נייעסטן בוך „פאַן דען פליכטען דער יודען אונד פאַן דען פליכטען דעס שטאַטעס".

דאָס דאָזיקע בוך, וואָס איז, לפּי דעתי, פון אַלע שרייבערישע און טראַכטערישע שטאַנדפּונקטן איינס פון ברונערס סאַמע שוואַכסטע ביכער, פירט אַ ביטערע מלחמה קעגן דער אידיי פון יידישער פאָלקישקייט און קעגן ציוניזם און פאַר ראַדיקאַלער אַסימילאַציע מיט די פעלקער, וואָס יידן וואוינען אין זייער מיט. דאָס דערמאָנטע בוך פון ברונערן, וואָס איז געווען אַן אייניקל פון דורות רבנים און האָט אין זיינע אַנדערע ביכער אַרויסגעוויזן אַ גרויס שטיק יידישע לומדות, ליידט אויך פון אַ בפירושן מאַנגל אין אויטענטישער יידישער פאַקטן־דאָקומענטאַציע. וואָרום וואָס קאָן זיין ווייניקער אויטענטיש און ווייניקער דאָקומענטירט ווי אַזאַ זאָג אַז „נישט אין „יידיש", אין יידיש־דייטש, וואָס ווערט גערעדט פון אַן ערך זעקס מיליאָן מענטשן, און נישט אין יידיש־שפּאַניש (לאַדינאָ) און אויך נישט אין יידיש־פּערסיש איז פאַראַן עפּעס, וואָס זאָל זיין ליטעראַריש ווערטפול. זיי האָבן נישט וואָס צו זאָגן אין זייער זשאַרגאָן און דערפאַר איז אויך קיין ליטעראַטור נישט פאַראַן"?

אַרום אָט דעם זאָג פון „יעדעס וואָרט — אַ גראָבער גרייז", האָט מען מיט אליעזרן, פאַרשטייט זיך, נישט געדאַרפט קעמפן. ער אַליין איז געווען אַ לייענער פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור, האָט גוט געקענט די קלאַסיקער, דערעיקרשט פּרצן און ביאַליקן, און האָט נישט אויפגעהערט זיך צו באַגייסטערן פאַר די משלים פון אליעזר שטיינ־באַרג און פאַר די באַלאַדן פון איציק מאַנגער (וועגן שטיינבאַרגס שפּראַך און וועגן שטיינבאַרגס וועלט־אַנשויאונג איז צווישן אליעזרס איבער־געבליבענע כתבים פאַראַן אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג אויף דייטש).

אליעזר האָט נישט געלייקנט און נישט באַרעכטיקט די פאַקטישע טעותן פונעם בוך. ער האָט בלויז געטענהט אַז די טעותן, ווי גראָב זיי זאָלן נישט זיין, מינערן זיי נישט דעם אמת, אַז מיר יידן ברעקלען זיך פאָלקיש פאַנאַנדער זינט דורות און אַז דורך אַסימילאַציע קאָנען מיר מער אויפטאָן פאַר אונדזער רו און זיכערקייט, פאַרן וואויל פון דער מענטשהייט און פאַר אונדזער גייסטיקער שליחות צווישן די פעלקער.

דער טאַטע האָט אליעזרן געהאַלטן אין איין רופן „דער פריוויליקער יונה", וואָס לויפט קיין נינוה און מיינט, אַז מע וועט זיך דאָרט מיט

אים אַרומכאַפּן, אים פאַרזיכערן זיין רו און אים לאָזן דורכפירן זיינע גייסטיקע שליחותן.

— זיי זשע וויסן — האָט דער טאַטע גערעדט מיט צער און מיט ביטערניש — אַז ווי באַלד די שיף פון די פעלקער דערשפּירט דעם מינדסטן ווינט אַנטקעגן, בעמט מען תיכף נאָכקוקן ווער ס'איז שולדיק אין דער ווינט־בלאָזעניש און דורך גורל (די גויים זיינען געוואַלדיק געניטע גורל־וואַרפערס) געפינט מען אויס, אַז שולדיק אין דעם ווינט זיינען די יידן און מע פרעגט איבער „מאין תבוא, מה ארצך, ואי מזה עם אתה?" און ווי להוט דער ייד זאָל נישט זיין נאָך אַסימילאַציע און נאָך גייסטיקער שליחות, וואַרפן אים די גויים אַריין אין ים און רעדן זיך איין, אַז צוליב דעם האָט זיך איינגעשטילט דער ווינט.

אליעזר האָט זיך אָנגעכאַפּט אין טאַטנס סימבאָלישן אויסטייטש פון יונהס דערפאַרונג אויף דער שיף קיין נינוה און האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, שטיל אָבער שאַרף און אַפילו פאַרשפּיצט געדרונגען אויפן ווייטערן ספּור המעשה פונעם ספר יונה.

— יונהן האָט מען טאַקע אַריינגעוואָרפן אין ים — האָט אליעזר געזאָגט — און דערנאָך האָט ער געהאַט אַזאַ ביטערע דערפאַרונג ווי צו ליגן דריי טעג און דריי נעכט אין בויך פון אַ פיש. אָבער אַז ער איז פון דאָרט על פי נס ניצול געוואָרן, האָט גאָט פונדאַסניי באַפוילן יונהן: „קום לך אל נינוה העיר הגדולה וקרא אליה את הקריאה אשר אנכי דובר אליך", און דער סוף איז געווען אַז „ויאמינו אנשי נינוה באלהים".

נאָך אַלע יסורים, הייסט עס, האָט גאָט נישט באַפרייט יונהן פון זיין שליחות און — נינוה האָט תשובה געטאָן.

— און אויב אַזוי — האָט אליעזר סוגעסטירט מיט היפשן סאַרקאַזם און מיט פעסטער איבערצייגונג — איז אפשר גאָר געמאָלט, אַז פאַר גאָטס שליחות איז מען מחויב צו ליידן, לכל הפחות, נישט ווייניקער ווי פאַר קיום העם?

די טענות פאַר און קעגן זיינען דערביי נישט שטיין געבליבן. זיי זיינען געוואָרן אַלץ שאַרפער און היציקער. אָבער דער אַרגומענט, וואָס האָט אויף מיר דעמאָלט דעם שטאַרקסטן איינדרוק געמאַכט איז געווען דעם טאַטנס זשעסט ביים סוף פונעם ויכוח. ווער פון אייך, מיינע דריי זין — האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן בלחש, אָבער עס איז געווען מער ווי געשריגן — עס זאָל אַרויסטרעטן בפומבי קעגן קיום העם, וואָלט

איך — און דער טאַטע האָט צוגלייגט די האַנט צום האַרץ און זי גיך פון דאָרט אַוועקגענומען.

ה

נאָך זיין אומקער פון בערלין איז אליעזר גיך, אין איינע צוויי, דריי יאָר, געוואָרן איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע און באַקאַנטסטע יידישע כירורגן אין בוקאַרעסט אויפן געביט פון גינעקאָלאָגיע. ער האָט אויך אַ סך פילאָזאָפיש געאַרבעט. ער האָט געלערנט שפּינאָזעס „עטיק" מיט אַ גרופּע חברים פון דער „ברונער־געמיינשאַפט". ער האָט צוגע־גרייט זיין בוך „פּראָבלעמע אונד צילע דעס דענקענס", וואָס איז אַרויס ערב מלחמה אין אַ ציריכער פאַרלאַג. און ער האָט זינט סוף זומער 1937, ווען עס איז אים על פּי צוואה איבערגעגעבן געוואָרן די ליטעראַ־רישע אַפּטרופּסות איבער קאָנסטאַנטין ברונערס פאַרבליבענע כתבים, אָנגעהויבן גרייטן אַ טייל פון די דאָזיקע שריפטן צום דרוק.

איך האָב אָנהויב 1939 אינאיינעם מיטן מיין משפּחה פאַרלאָזן בוקאַ־רעסט אויפן וועג קיין אַמעריקע. אליעזר איז פאַרבליבן אין רומעניע און האָט דאָרט דורכגעמאַכט אַלע ביטערע דערפאַרונגען פונעם אַנטאָ־נעסקו־רעזשים און פון דער רומעניש־סאָוועטישער מלחמה. ער אַליין האָט אין די טעג פונעם יאַנואַר־פּאָגראָם אין בוקאַרעסט דורך אַ גליק־לעכן צופאַל אויסגעמיטן אַ זיכערן טויט און האָט דערנאָך מיט זיין געטריישאַפט ממש ניסימדיק באַוויזן אָפּצוראַטעווען די אַלטע טאַטע־מאַמע פון פאַרשיקונג קיין טראַנסניסטריע.

פאַר אַן ערך פון כמעט פינף יאָר האָט זיך איבערגעריסן דער קאָנטאַקט צווישן אונדז. סוף 1945, ווען עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ האַלב־וועגס רעגולערער פּאָסט־פאַרקער צווישן דער באַפרייטער רומעניע און אַמעריקע, האָבן מיר באַלד גענומען זיך דערציילן איינס ס'אַנדערע אונדזערע גייסטיקע דערפאַרונגען. איך האָב אים געשיקט מיינע ניו־יאָרקער ביכער „אַ שטאָט מיט יידן" און „דעטאַלן און סך־הכלן", און ער מיר אַ זעקסבענדיקן געבונדענעם פילאָזאָפישן מאַנוסקריפּט, וואָס אַ טייל דערפון איז ערשט איצט, צוויי יאָר נאָך זיין טויט, דערשינען אין ציריך אונטערן נאָמען „ווירקלעכקייט אונד וואַרהייט דעס דענקענס".

פון דעם כתב־יד האָב איך געזען נישט בלויז אויף וויפיל טיפער

און פֿאַרנעמיקער עס איז געוואָרן אליעזרס פילאָזאָפישער געדאַנק, נאָר איך האָב אויך פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט היפשלעך אָוועקגעשפּאַנט אויפֿן וועג פֿון עטישער זעלבסט־לייטערונג און שלימות. די עטלעכע טעג, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט מיט אים אין טאָראָנטאָ נאָך זיין אָנקום קיין קאַנאַדע אין פֿרילינג 1950, און די אינפֿאָרמאַציע פֿון זיינע פֿריינט, וואָס האָבן מיט אים אינאיינעם איבערגעלעבט די קריגס־יאָרן אין רומעניע, און פֿון יענע, וואָס זיינען געווען נאָענט צו אים אין דעם יאָר פֿון זיין וואוינשאַפֿט אין טאָראָנטאָ, האָבן באַשטעטיקט אַז אליעזר האָט ווייט אַרויסגעקלעטערט אויף דער לייטער פֿון עטישער פֿאַרפֿולקאָמונג, וועלכע ער האָט אָנגעצייכנט, אין זינען פֿון שפּינאָזען, אויף איינעם פֿון די סאַמע לעצטע זייטלעך פֿון זיין בוך „ווירקלעכקייט אונד וואַרהייט דעס דענקענס" מיט אָט די ווערטער: —

„ווער עס טראַכט סוב ספּעציע עטערניטאַטיס, דער קאָן נישט מאָראַליש משפּטן און פֿאַרמשפּטן, ווייל ער ווייס, אַז די ווערטונג לויט דער קריטעריע פֿון גוט און שלעכט האָט בלויז אַ פּראַקטישע באַרעכטיקונג און איז כּולה אַנטראָפּאָמאָרפֿיש. דער קאַמף מוז דערפֿאַר געפֿירט ווערן נישט קעגן מענטשן, נאָר קעגן די אייגענע אַפֿעקטן און מוטבע געדאַנקען פֿונעם שכל, וואָס נעמען ביי אונדז צו די פֿעאיקייט פֿון גייסטיקער זעאונג און רויבן ביי אונדז אַוועק און פֿאַרדעקן דאָס באַוואוסטזיין פֿון אונדזער אייביקייט. ווער עס האָט בהנה געווען פֿון גייסט, דער מוז בהכרח באַווייזן אין לעבן, אַז ער איז ווערדיק צו זיין אויך צו טאָן אַזוי, אַז ער זאָל נישט ווידער אָפּגעשניטן ווערן פֿון די קוואַלן פֿון זיין אַנדערש געוואָרענער עקזיסטענץ. ער מוז אַזוי, ווייל נאָר אַזוי קאָן ער, און פֿאַרקערט".

אליעזר האָט זיך פֿאַר די לעצטע יאָרן פֿון זיין קורצן לעבן קיין איינמאָל נישט געלאָזט אָפּשניידן „פֿון די קוואַלן פֿון זיין אַנדערש געוואָרענער עקזיסטענץ". ער איז געווען אַ שטרענגער מושל איבער זיך, פֿול מיט מילדקייט און מיט פֿאַרשטענדעניש צו זיינע מיטמענטשן, פֿול מיט התלהבות פֿאַר יעדן איידעלן זשעסט פֿון אַ מענטשן און מיט פֿאַרגיבערישן שמייכל צום מענטשנס „מאָראַלישע" משפּטים.

וואָס שייך אליעזרס יידישע דערפֿאַרונגען אין דעם גיהינום פֿון דער מלחמהדיקער רומעניע — האָבן אויך די אַנטאָנעסקו־יאָרן מיט גאָרנישט נישט געמינערט זיין איבערצייגונג וועגן דער נויטווענדיקייט פֿון יידישער

אַסימילאַציע און וועגן דער וויכטיקייט פון יידישער שליחות אין ניבוה.

עס ווייזט אויס, אַז דער ויכוח צווישן אים און דעם טאַטן, וואָס איז תיכף נאָך דער מלחמה אַריבערגעפאָרן פון טשערנאָוויץ קיין בוקאַרעסט אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, איז אָנגעגאַנגען ווייטער, ווי „בימים ההם" אין די בוקאָווינער דאָרף־פּרימאַרגנס.

איך זע דאָס פון אליעזרס אַ בריוו צו מיר פון 15טן פעברואַר 1946. געוויינטלעך האָט אליעזר געשריבן זיינע בריוו אויף דייטש, אָבער דוקא דער בריוו, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אַסימילאַציע, איז געווען אין מאַמע לשון. מיר האָבןביידע חושד געווען, אַז די רוסישע צענזור אין בוקאַרעסט לאָזט נישט דורך קיין דייטשע בריוו, און אליעזר האָט גע־פּרוּווט שרייבן צום ערשטן מאָל נאָך אַ סך יאָרן יידיש.

ער האָט געענטפערט אויף מיינעם אַ בריוו, אין וועלכן איך האָב, מן הסתם, אויסגעלייגט מיינע יידישע דערפאַרונגען פון דער מלחמה־צייט. אליעזר שרייבט (איך פאַרריכט דאָ און דאָרט זיין יידיש) —

„די באַגייסטערונג פון אונדזערע טאַטע־מאַמע און פון מיינע שווער און שוויגער פאַר דיין בריוו איז געווען פונקט אַזוי ליאַרעמדיק ווי אמתדיק. זיי האָבן דיר, זייער פירשפּרעך און סניגור, הייס אַפּלאָדירט. ס'האָט זיך זיי אויסגעדאַכט אַז מיינע געדאַנקען און אַרגומענטן נעמען זיך צעפאַלן און איינס נאָך ס'אַנדערע פאַרוויאַנעט ווערן, און זיי האָבן פון מינוט צו מינוט געהאָפט, אַז איך וועל מיך באַלד פאַר זיי אַנטפּלעקן ווי אַן אמתער בעל־תשובה".

און דערנאָך צום ענין גופא שרייבט אליעזר אַזוי: —

„איך האָב דיינע ווערטער נישט געלייענט מיט קאַלטע ליפּן און זיי נישט אַראָפּגעזאָגט מיט אַ פאַרהאַלטענעם ניין, נאָר כ'האָב אין זיי אַריינ־געטאָן די גאַנצע כוונה און דעם גאַנצן כוח, וואָס איז אין זיי געלעגן. דיך טרייבט צו דיין איבערצייגונג דיין ליבשאַפט צו די געשענדטע און געמאַטערטע יידישע ברידער און שוועסטער. אָבער גלויב מיר! מיין מיינונג האָב איך מיר אויך נישט איינגעקויפט ביי דער טרוקענער לאָגיק און האָב זי נישט אויסגעטאַקט ביים שרייבטיש".

„דאָס יידישע פאָלק און די יידישע רעליגיע געפינען זיך שוין לאַנג אין אַן אומאויפהערלעכן פּראָצעס פון אויפלייזונג. דערין איז נישט שולדיק נישט שלעכטער ווילן און נישט נאַציאָנאַלע אומגעטרייאַפט. עס

איז דאָס אַ פאָדערונג פון לעבן און אַ נאַטירלעכער געבאָט פון דער געשיכטע. נישט אַ פּאָר פאַררעטער האָבן אויסגעטראַכט די עמאַנציפּאַציע. זיי, די „פאַררעטער", האָבן געזען וואוהין דאָס לעבן פירט און זיי האָבן געוואָלט דעם נאַטירלעכן פּראָצעס פאַרגיכערן. זיי האָבן מער ליב געהאַט דעם יידישן מענטש ווי דאָס יידישע פאָלק. דאָס געוויסן פון דענקען הייסט אונדז זיך אָפּווענדן פון אידייען, וואָס שטעלן זיך אַקעגן דעם לעבע־דיקן זיין. מיר טאָרן זיך נישט לאָזן פאַרפירן דערפון, וואָס מיר זיינען מיט טויזנט אומגעזעענע פעדעם פון געפיל און פון ווילן צו זיי צוגעבונדן, נישט איינמאָל שוין האָבן טראַדיציע און אונטערבאַוואוסטזיין באַוויזן צו זיין דער שונא פון לעבן און אמת".

און דער סוף זאַץ פון אליעזרס בריוו לייענט זיך אַזוי:

„עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די עמאַנציפּאַציע איז אוממעגלעך? האָט זיך אָבער שוין נישט מער ווי איינמאָל אויך אַרויסגעוויזן, אַז דער וועג צו נאַציאָנאַלער זעלבסשטענדיקייט איז „אוממעגלעך"? דער וועג קיין ארץ־ישראל איז באמת אויך נישט קיין באַקוועם אַהיים־גיין. און פּונקט אַזוי איז אויך נישט לייכט דער וועג פון אַסימילאַציע, אויף וועלכן עס מוזן גיין די, וואָס קאָנען צוליב פאַרשידענע טעמים נישט טאָן, וואָס דער ציוניזם האָט געבאָטן. דער וועג פון אַסימילאַציע פירט אויך נישט גיך און נישט גלאַט צום ציל".

ו

מיט אַלע זיינע אַסימילאַציע־איבערצייגונגען און אַסימילאַציע־וועלענישן, איז פאַר מיר, אליעזר, שטענדיק געבליבן דער ייד מיט אַ וואָרצלדיק־ירושהדיקן יידישן געמיט. דאָס ירושהדיק־יידישע געמיט זיינס האָט זיך פאַר מיר אויך אַנטפּלעקט דערמיט, וואָס דוקא אין דער דושנער אַטמאָספער פון דער היטלעריזירטער דייטשלאַנד און דערנאָך אין דעם גיהינום פון דער „אייזן־גוואַרדיאַנישער" רומעניע איז אליעזר געווען אידייאיש איינגעעקשנט אויף אַסימילאַציע מיטן פּאָלקישן אַרום און אויף „גיין אין דער מענטשהייט" מיט אַ גייסטיקער שליחות.

אָבער ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַרויס אויף דער פריי פון דער עמאַנציפּאַציע קיין פראַנקרייך און קאַנאַדע און האָט געלעבט די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן אין פּאַריז און אין טאָראָנטאָ און האָט זיך צוגעקוקט

צו נינוה און צו איר גרויסער קריסטלעכער קולטור — האָט זיך זיין גלויבן אין דער ריכטיקייט און מעגלעכקייט פון אַסימילאַציע שטאַרק אַ וואַקל געטאָן.

נאָך עטלעכע חדשים אין טאָראָנטאָ שרייבט ער מיר:

„וואָס מיך האָט אַזוי געצויגן צום מערב (הגם אין ישראל וואָלט איך, מן הסתם, גיך פּטור געוואָרן פון מאַטעריעלע דאגות) איז געווען די פּערספּעקטיווע זיך אַרויסצוגליטשן פון דעם ענגן קרייז און אַריינ־צוגיין אין דער ווייטער וועלט פון גייסטיקע אַספּיראַציעס און פון גייסטיקע ריכטונגען. אָבער דאָ! עס ווייזט אויס, אַז דאָ זיינען אַחוץ מאַטעריעלער הנאה מיט אירע הוספות: קולט פון געלט און אויס־גלייכונג פון אַלע ווערטן, נאָר פאַראַן ספּאָרט און רעליגיעזע אַקטיווי־טעטן, וואָס זיינען אויסגעליידיקט פון זייער תוכן און טראָגן בלויז אַ סאָציאַלן פּאַרווייליונגס־כאַראַקטער. און טאָמער איז מיר נישט געווען צום האַרצן ווען איך האָב געטראַכט וועגן דעם נאַציאָנאַליסטיש איבער־געהיצטן גייסט אין ישראל, ווי זאָל מיר דאָס ניחא זיין דאָ? אין ישראל איז אַלץ — מען מעג עס אָננעמען אָדער נישט אָננעמען — געזונט און עכט (אונטערגעשטראָכן פון אליעזרן), ווייל עס איז דער אויסדרוק פון אַן אָרגאַניש ווערנדיקער אומה. דאָ אָבער זיינען אַ סך זאַכן פאַלש און בלויז פּראָזע, בלויז אומערנסטער אָנשטעל... און די האָפענונג צו קומען אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע, פרייערע קרייזן, וואָס זיינען ווירקלעך אינטערעסירט אין העכערע ענינים, איז זייער אַ קליינע, ווייל די רעליגיעזע קהילות זיינען שטרענג אָפּגעשלאָסן איינס פון ס'אַנדערע".

און איך ווייס נישט אַקוראַט וואו אליעזר האָט געשריבן זיין לענגערע הקדמה צו ברונערס פּאָסטומען בוך „דער דעמאַסקירטער מענטש", וואָס איז אַרויס אין אַ האַגער פאַרלאַג ערשט נאָך אליעזרס טויט, אָבער זיכער איז אַז זי איז געשריבן געוואָרן „אויף דער פרייַ פון עמאַנצי־פּאַציע" אין פראַנקרייך אָדער אין קאַנאַדע.

שרייבט דאָרט אליעזר אין זיין הקדמה, אַז ראַדיקאַלע אַסימילאַציע איז פאַר ברונערן אויך אין דעם בוך די פאַרענטפערונג פון דער יידן־פראַגע, און אַז ער וואָלט זיכער אויך איצט, ווען ער לעבט, זיך באמת

צו איבערצייגן די יידן וועגן דער נויטווענדיקייט פון זייער אַסימילאַציע מחוץ פון ישראל. אָבער מיר מעגן זיך משער זיין אַז „ווען ברונער זאָל געווען דערלעבן דעם אויפקום פון מדינת ישראל, וואָלט ער דאָס דאָזיקע געשעעניש, וואָס איז נייטיק געוואָרן דורך דער אויסוואָרצלונג פון אַ גרויסן טייל פון אייראָפּעאישן יידנטום און וואָס די נייע היסטאָרישע קאָנסטעלאַציע האָט עס מעגלעך געמאַכט, באַגריסט מיט פרייד״.

צי די השערה וועגן ברונערן איז ריכטיק בין איך נישט זיכער. אָבער זיכער בין איך אַז דווקא די דערפאַרונגען אין דער פרייער „ניגוה״ האָבן היפּש אָפּגעקערט אליעזרן פון זיינע פריערדיקע אַסימילאַציע־איבערצייגונגען און האָבן אים זעליש דערנענטערט צו מדינת ישראל, און דערעיקרשט צו דער קולטור־אייגנקייט דאָרט און „עכטקייט, וואָס, איז דער אויסדרוק פון אַן אָרגאַניש וואַרנדיקער אומה״.

איך האָב אליעזרס בריוו צו מיר און אַן אָפּשריפט פון דער לעצטער הקדמה זיינער צו ברונערס ביכער איבערגעשיקט דעם טאַטן קיין גבעת שמואל און ער האָט מיר מיט אַ גלויביקייט, וואָס האָט מיט איר פרומען ערנסט דערמאַנט אין פעטער יאַנקלס אמונה, געענטפערט, אַז ער „וועט זיך איה״ש אינגיכן באַגעגענען מיט אליעזרן און מיט אים קומען צו אַ הסכם״ אָבער אַז „אויף דער וועלט זיינען אליעזרס לעצטע רייד אוודאי אַ שטיקל נחמה״.

אַן ערך פיר חדשים שפּעטער איז דער טאַטע פלוצעם נפטר גע־וואָרן.

ז

דער טאַטע איז אויף דער עלטער, און נאָך מער אין די עטלעכע יאָר אין מדינת ישראל, פרום געוואָרן. מער ווי ווען ס׳איז אין זיין לעבן האָט ער זיך געטוליעט צום סידור און צום מחזור ווי צו זיינע אינטימסטע ספרים. ער אַליין האָט וועגן דעם נישט גערעדט און טאָמער האָט אַן אַנדערער אָנגעהויבן, האָט ער די רייד אָוועקגעמאַכט מיט אַ גלייכוועדטל און מיט אַ הלצהלע. אויף אַ שפּאַסיק וואָרט איז דער טאַטע געווען אַ מאדים. ער האָט עס אַלעמאָל געהאַט צו דער האַנט.

אַ טאָג פאַר מיין אָפּפאָרן פון ישראל צוריק קיין אַמעריקע האָב איך פאַרבראַכט עטלעכע שעה ביי טאַטע־מאַמע אין זייער צריף אין גבעת

שמואל. ס׳איז גראָד אָנגעקומען אַ קאַרטל (איינס פון די זעלטענע קאַרטלעך) פון מיין יינגסטן ברודער משולם, וואָס איז פאַרבליבן אין רומעניע.

באַוויזט מיר דער טאַטע דאָס קאַרטל און זאָגט דערביי אין אַ שפּאַסיקן טאָן —

דער מעזיניק אויך אַ נביא. אַ געפאַנגענער ביי עמלקן, קנעלט פּראָנצויזיש אין אַ גימנאַזיע און האַלט זיך אין איין שטראָפן, אין איין זוכן חטאים אויף זיך. נאַ לייען — „איך זאָג מיר און הער מיר נישט אויף צו זאָגן: פעלערס איבער פעלערס, דו האָסט עס געדאַרפט אַנדערש און בעסער מאַכן אין דיין לעבן״.

און פון די עלטערע — האָט דער טאַטע ווייטער געשפּאַסט — איז דאָך אָפּגערעדט. איינער זאָגט נביאות „בחוצות ירושלים״ און דער אַנדערער „אין נינוה״. אָבער קדיש צו זאָגן איז נישטאָ ווער.

אין דעם קדיש־יאָר נאָכן טאַטן האָב איך נישט איינמאָל געטראַכט וועגן זיינע שפּאַסיקע רייד, וואָס ער האָט, מן הסתם, געמיינט היפּש ערנסט.

דער „נביא פון נינוה״ — נישטאָ; דער געפאַנגענער ביי עמלקן — נאָך אַלץ געפאַנגען, און נישט איך ווייס צי ס׳האָט אים אַפילו דערגרייכט די ידיעה וועגן טאַטנס פּטירה. געבליבן בין איך איינער ביים לעבן און אויף דער פריי. און וואָס פאַראַ זיכערקייט האָט געקאָנט זיין אַזאַ איינער ווי איך, וואָס האָט איינאיינעם מיט זיין דור אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול פון מצוות און האָט נישט פאַרשטאַנען באַצייטנס, אַז נאָר אָט דער שווערער עול קאָן געבן אַ יידן אַ ביסעלע יידישע פרייהייט אין דער פרייהייט פון עמאַנציפּאַציע?

(1953)

צווישן רמב״ם און שד״ל אין טשערנאָוויץ

א

דער בוקאַרעסטער נאַכט־עקספּרעס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן וואָקזאַל אין טשערנאָוויץ עפּעס נאָך צען אינדערפרי, און ביז איך מיט מיין פרוי האָבן זיך ספּראַוועט מיטן געפּעק, האָבן גענומען אַ דראָזשקע און זיך מיט איר אַרויפגעדראַפּעט דעם שווערן באַרג אַרויף אין שטאָט אַריין צו טאַטע־מאַמעס שטוב אויף דעם הויפּט־שטראָז, האָט דער זייגער שוין געוויזן אַ האַלבע שעה פאַר מיטאָג.

די מאַמע איז געשטאַנען אין קיך, איז געווען פאַרנומען מיט אויס־פּאַרטיקן דעם מאַלצייט און גרייטן דעם טיש אין מיטל־שטוב, און דער טאַטע האָט אין אַנדערן צימער געהאַלטן אין אויסענדיקן אַ וויכוח מיט איינעם פון דער „טראַיקע״, מיט מעכל, דעם לאַנגן.

פון הינטער דער פאַרמאַכטער טיר האָבן זיך געהערט די לעצטע געאיילטע און אפשר דערפאַר טאַקע כמעט ווי אויסגעשריגענע שלוס־אַקאָרדן פונעם וויכוח.

— איר ווילט מיר זאָגן, ר׳ איציע — האָט אויף אַ הויך קול גע־כריפּעט מעכל, דער לאַנגער — אַז די השגחה פּרטית איז חל אַפילו אויף די קוזיסטן, אַפילו אויף דער חיה רעה, דעם פּרעפּעקט ראַבו? אַלע — זאָגט איר — זיינען מענטשן און אויף אַלע האָט גאָט השגחה? איר האָט פאַרגעסן, אַז „השגחה במשכת אחר השכל״, אַז דער מער פון געטלעכער השגחה איז אָפּהענגיק פון וואָס מער מענטשלעכער שלימות?

דער קוזיסטישער מושל ראַבו און זיינס גלייכן זיינען בבחינת יענע, וואָס וועגן זיי זאָגט דער רמב״ם, אַז זיי זיינען געגליכן צו אַ „כהולך

בחושך, שאין ספק שיכשל" (צו איינעם וואָס גייט אין דער פינצטערניש און עס איז נישטאָ קיין צווייפל, אַז ער וועט געשטרויכלט ווערן).

אויף וויפיל מ׳האָט דעם טאַטנס ענטפער געקאָנט אַרויסהערן פון אונטער מעכל דעם לאַנגנס אַביסל הייזעריקן, אָבער שאַרפן און פעסטן קול, איז דעם טאַטנס טענה געווען אַז אויך די אָן־ספקדיקע שטרויכלעניש פון דעם גייער אין דער פינצטערניש געשעט נישט אָן דער השגחה פונעם בורא עולם. דער שד"ל — האָט דער טאַטע, ווי אַ סך מאָל, אויך דאָסמאָל, זיך סומך געווען אויף זיין באַליבטן שד"ל — ברענגט ערגעצוואו ווי אַ ראיה וועגן דער האַנט פון דער השגחה אויך איבער די פינצטערניש־גייער, די מעשה פון עלי הכהנס זין חפני און פנחס, וואָס האָבן געטאָן שלעכטס „צו גאַנץ ישראל" און דער פאָטער האָט זיי געפּרוּווט מחזיר למוטב זיין, אָבער זיי האָבן זיך נישט צוגעהערט צום קול פון זייער פאָטער, וואָרעם — „גאָט האָט זיי געוואָלט טייטן". די השגחה, הייסט עס, האָט עלי הכהנס זין נישט געלאָזט תשובה טאָן, ווייל איר כוונה איז געווען זיי אומצוברענגען.

— שוין ווידער — האָט מעכל צוריק געענטפערט מיט גרויס אומגעדולד — ראיות פון דעם איטאַליענישן ייד, וואָס פון לויטער „אהבה רבה" איז ער נישט דערגאַנגען צום עיקר, צו „שמע ישראל"?!

מיר איז ממש געגאַנגען אין לעבן צו הערן ווי מעכל, דער לאַנגער, וואָס אי די אַנדערע צוויי פון דער „טראָיקע" און אי סתם יידן לומדים און בעלי־ויכוחניקעס אין טשערנאָוויץ האָבן עדות געזאָגט אויף זיין חריפות, „מאַכט דאָס אויסצודרייען" דעם שד"ל. וועגן מעכלס פּאָלעמישע אַטאַקעס אויפן „איטאַליענישן ייד", וואָס איז געווען דעם רמב"מס אַ קעגנער און מעכל האָט אים דערפאַר ממילא באַטראַכט פאַר זיין פּערזענלעכן שונא, פלעגט מיר נישט איינמאָל דערציילן דער טאַטע מיט פאַרדראָס, און, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, אויך מיט קוים פאַרהוילענער באַוואונדערונג.

אָבער די מאַמע האָט צונישט געמאַכט מיין גלוסט זיך צוצוהערן צו מעכל דעם לאַנגן. זי האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר צום טאַטן און אַ זאָג געטאָן מיט חידוש און מיט אומצופרידנקייט:

— כ׳פאַרשטיי נישט, איציע, די קינדער זיינען שוין דאָ און דו קומסט גאָר נישט אַריין?

באותו הרגע האָט זיך די טיר געעפנט און עס האָבן זיך באַוויזן

די דיסקוטירער. קיין גרעסערער היפוך ווי צווישן די צוויי האָט גאָר נישט געקאָנט זיין.

דער טאַטע — אַ דריבנענקער אין געשטאַלט, רואיקע זשעסטן, דער אויסדרוק פונעם פנים אַ סקעפטיש־שמייכלענדיקער און אַ צערדיק־מילדער, און דאָס צוגעשוירענע ווייסע שפּיץ־בערדל ווי עפּעס אַ קוהלתדיקער סוף־פסוק צום טרויער און צום צווייפל פון די אויגן און פונעם פנים.

ר׳ מעכל פרישער דאַקעגן — אַ הויכער, אַ דאַרער מיט איינגעפאַלענע, בלייכע באַקן אָן אַ טראָפּן בלוט. די באַוועגונגען גיכע, האַסטיקע, סאנגווינישע, גאָר נישט ווי ביי אַן אָנהענגער פונעם רמב״מס „מיטעלען וועג״. די אויגן און דאָס גאַנצע פנים פול מיט אָנגעשטרענגטן ערנסט, וואָס ווירקט נאָך שטרענגער און מרה־שחורהדיקער, ווייל עס פעלט אַ שטיקל באָרד אויף צו פאַרדעקן כאָטש אַ טייל פון דער בלייכקייט אין פנים. ר׳ מעכל האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געהערט צו די וואָס זיינען עובר אויף אַ בפירושן לאו פון דער תורה. זיין באָרד האָט פון קיין בריטווע ניט געוואוסט. ער האָט בלויז יעדע עטלעכע טעג אַרויסגענומען מיט עפּעס אַ סם־פראָשעק די האָר פונעם פנים. מעכלס פנים איז אַזוי־אַרום קיינמאָל נישט געווען געגאָלט, אָבער האָט אַלעמאָל געמאַכט דעם איינדרוק פון שלעכט געגאָלט און האָט אויסגעזען ווי אַ סטערנע־פעלד נאָך די ערשטע האַרבסט־רעגנס. די סטערנעס פאַרדעקן נישט די נאַקעטקייט פון דער ערד. פאַרקערט, זיי מאַכן די פאַרלאָזנקייט בלויז בולטער, אומעטיקער און — פריקרער.

ביים אָנבליק פון די צוויי יידן איינער לעבן אַנדערן איז ווי פון זיך אַליין אַרויסגעשוואומען דער פאַרגלייך צווישן הלכה און אגדה. לויט זייערע פנימער איז עס געווען „קלאָר און לאָגיש״, אַז דער הויכער, אַסקעטיש־שטרענגער ר׳ מעכל זאָל שטיין שטאָל און אייזן פאַרן שלטון השכל פונעם רמב״ם; און אַז דער נידעריקער, מילד־אויגיקער ר׳ איציע זאָל זיך טוליען גייסטיק צו דעם „איטאַליענישן ייד״, וואָס איז צווישן די שכל־ריזן פון דער השכלה־ליטעראַטור געבליבן דער איינציקער גרויסער בעל־הרגש פון יידישקייט.

אָבער וואָס פּלוצעם אין מיטן אַ פּראָסטן זונטיק אַ צונויפשטויס צווישן רמב״ם און שד״ל וועגן השגחה?

איך האָב ביים טיש נאָכן עסן, ווען איך בין מיטן טאַטן געבליבן אַליין אין צימער, נישט געדאַרפט זיך דערויף נאָכפרעגן. דער טאַטע האָט

זיך, ווייזט אויס, קוים געקאָנט דערוואַרטן מען זאָל פּאַרטיק ווערן מיטן מאָלצייט, כדי מיר צו דערציילן אַז דער ויכוח צווישן אים און ר׳ מעכלען גייט שוין אַן עטלעכע וואָכן און האָט זיך אין די לעצטע טעג, זינט ס׳האָט זיך ראַפּטום געענדיקט די פּערציק־טאָגיקע ממשלת זדון פון גאָגאַ־קוזאַ אין בוקאַרעסט און במילא פון דער חיה רעה ניקיפאָר ראַבו אין טשער־נאָוויץ, נאָך מער פאַרשאַרפט.

— אַז דער חסר־דעהניק ראַבו איז אַ טאָג נאָך ניי־יאָר געוואָרן דער מושל פון טשערנאָוויץ — האָט דער טאַטע שוין פון לכתחילה דערציילט מיט היץ נישט לויט זיין שטייגער — און מען האָט אָנגעהויבן באַפאַלן יידן אויף די גאַסן און שלעפּן יידן צו פאַרהערן און צו משפטים אין קוזיסטישן פּאַרטיי־הויז, האָט מען זיך אויפגעהערט צו טרעפן, ווי געוויינט־לעך, ביי לייבוש קיצמאַנער אין דער „טראַפּיק" (טאַבאַק־געשעפט) און מען האָט זיך גענומען אַריינכאַפּן איינער צום אַנדערן אין שטוב אַריין אויף אַ שמועס. מען איז דאָך שכנים.

דער שמועס, פאַרשטייט זיך, האָט זיך אַלע פערציק טעג געדרייט אַרום דעם אַז קוזאַ מיט גאָגאַן קאָנען לאַנג נישט אָנהאַלטן, וואָרעם פראַנקרייך און ענגלאַנד און אַמעריקע וועלן נישט דערלאָזן אַז אַזאַ רעגירונג זאָל געדויערן. און דערלאָזן וועלן זיי נישט, האָב איך געטענהט, און ר׳ לייבוש האָט אונטערגעהאַלטן מיין טענה, נישט דערפאַר ווייל קוזאַ און דער „בורמילע" ראַבו זיינען געגליכן צו באַשעפענישן אָן שכל, וואָס גייען אין דער פינצטערניש און מוזן געשטרויכלט ווערן, וואָרום אויף זיי איז נישט חל די השגחת הבורא.

ניין, די השגחה, טענה איך צו מעכלען, איז חל אויף אַלע מענטשלעכע באַשעפענישן. עס איז לחלוטין נישט יידיש צו גלויבן אַז גאָט שטראָפט אַ מענטשן, ווייל ער, דער בן־אדם, שטייט אויף אַ נידעריקער מדרגה פון חכמה און פון הכרת הבורא.

די רוימער און די גריכן האָבן פאַרמאָגט אָט די גאוה צו באַטראַכטן אַנדערע מענטשן און אַנדערע פעלקער פאַר באַרבאַרן, ווייל זיי, די אַנדערע אומות, האָבן נישט דערגרייכט צו דער רוימישער און גריכישער חכמה און אמונה. מיר יידן זיינען פריי פון אַזאַ מין פּוסטער גאוה.

פאַרקערט, דער שד״ל ווייזט בפירוש נאָך אין זיין „מחקרי היהדות", אין פּרק „יסודי התורה" (דער טאַטע האָט אַריינגעבראַכט פון דער אַנ־דערער שטוב אַ וואַרשעווער אויסגאַבע פון שד״לס ספר, האָט געמישט די

בלעטלעך מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט, ווייל דאָס פּאַפּיר איז געווען פאַר־געלט און האָט זיך היפּש געקרישלט, און האָט געטייטלט מיטן פינגער אויף איינער פון די זייטן: אַדרבא, זע!) אַז דער איבערשטער האָט קיינמאָל נישט געצערנט אויף מענטשן און פעלקער, ווייל זיי האָבן געדינט צו אַנדערע געטער. אונדזערע נביאים האָבן קיינמאָל נישט נבואה געזאָגט אַז גאָט ברוך הוא וועט שטראָפן די „גויי הארץ״ פאַר דער זינד פון געצן־דינערײַ, נאָר דערפאַר ווייל זיי האָבן געטאָן שלעכטס און ווייל זיי האָבן נישט געוואוסט פון קיין רחמנות אין זייער האַרצן.

— און ער, מעכל, — האָט דער טאַטע גערעדט צו מיר איצט אַזוי גלייך איך וואָלט געווען מעכל, וואָס פרעגט אָפּ דעם שד״ל — טראָגט זיך אַרום מיטן „מורה נבוכים״ און ווייזט אַז דער רמב״ם מאַכט אַ חילוק אין דער מדרגה פון געטלעכער השגחה אַפילו צווישן די אבות גופא, צווישן אברהם, יצחק און יעקב. יעדן פון זיי באַשיצט דער רבש״ע לויט דער שלימות פון זייער שכל. און וואָס שייך אַזעלכע ווי די אָקאָרשט געפּאַלענע מושלי זדון פון בוקאַרעסט און טשערנאָוויץ זיינען זיי דאָס על פי הרמב״ם, דאָס הייסט, על פי מעכלס אויסטייטש פונעם רמב״ם, יענע „וויטע פון אים, אָנגעגרייטע צו צופאַלן, וואָס וועלן זיי טרעפן״ (והרחוקים ממנו מוכנים למה שיקרה שימצאם).

און אַז גאָט האָט געהאָלפן די רשעים אין בוקאַרעסט און דער רשע אין טשערנאָוויץ האָבן געהאַט המנס מפּלה, האָט זיך דער ויכוח צווישן מעכלען און מיר ערשט רעכט צעפלאַקערט.

— סטייטש, טענהן איך און לייבוש, גאָגאַ אַליין האָט אין זיין געזעגענונגס־רעדע מודה געווען אַז „ישראל האָט אים מנצח געווען״, דאָס הייסט, אַז „יד אלקים היתה בו״.

ענטפערט מעכל אַז אויף אַזעלכע ווי גאָגאַ־קוזאַ און זייערס גלייכן וואָס „כבהמות נחשבו״ איז נישט שולט די השגחה פרטית. זיי זיינען אין דער פינצטערניש געשטרויכלט געוואָרן דורך אַ טרעפעניש, וואָס האָט זיך מיט זיי געטראָפן.

אויסגעהערט דעם טאַטן, האָב איך אים געפּרוּווט באַרואיקן מיט האַלב־שפּאַסיקע און דיאַלעקטיש, אַזוי צו זאָגן, מן הצד׳יקע רייד, וואָס צום טייל זיינען זיי זיכער געווען מיינס אַ ירושה פונעם טאַטנס אייגענע יונגע רעליגיעז־פרייערע יאָרן. איך האָב באַלד דערויף חרטה געהאַט ווען איך האָב זיך געכאַפּט אַז דער טאַטע איז שוין ווייט פון יענע יאָרן

און אַז ענינים פון רעליגיעזער טראַכטעניש האָבן פאַר אים איצט אַ גאַנץ אַנדערן מיין.

ראשית, האָב איך געזאָגט דעם טאַטן, איז מעכלס טענה לויט זיין רמב״ם־אויסטייטש גאָר נישט אַזאַ קרומע. גאָט שטראָפט נישט, האַלט מעכל, און אפשר מיט רעכט, די אין אומ׳שכל פאַרזונקענע, ווייל די פינצטערע אומ׳שכלדיקייט אַליין איז שוין דאָס גרעסטע אומגליק. דער גייער אין דער פינצטערניש ווערט, אויב מען מעג אַזוי זאָגן, על פי געזעץ געשטרויכלט דורך צופאַלן.

און שנית וואָס איז דער חילוק וויאַזוי גאַגאַ־קוזאַ זיינען ביזוק געוואָרן, כ׳מיין צי דער מכשול זייערער איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ „געזעצלעכן" צופאַל, אָדער די השגחה פרטית האָט דעם מכשול פאַר זיי אָוועקגעלייגט.

אַ גליק וואָס איך בין געווען אַ גאַסט אין שטוב, וואָרים ווען נישט, האָב איך געפילט, וואָלט דער טאַטע, ווי זיין שטייגער איז געווען ווען עפּעס האָט אונטערגעצונדן זיין געמיט און דער כעס האָט אין אים געברויזט, אַ נעם געטאָן אין האַנט אַריין דעם שווערסטן כלי־זין, וואָס האָט אַלעמאָל אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף אונדזער משפּחה — ער וואָלט אַנטשוויגן געוואָרן און קיינער וואָלט ניט געווען בכוח אַרויסצורייסן פון אים אַ וואָרט פאַר שעהן. (פון קינדוויז געדענק איך, אַז דעם טאַטנס שטראָף פון שוויגעניש האָט געקאָנט געדויערן אַ מעת לעת און צוויי).

איצט איז דעם טאַטנס כעסדיק אויפגעברויזטע געמיט נישט אַנט־שוויגן געוואָרן, נאָר האָט זיך אויסגעלאָדן אין שטילע רייד, וואָס מיט אַ בענקל צוויי ווייטער פון מיר ביים טיש וואָלט זיי זיכער שווער געווען צו דערהערן.

— ווי פאַלסטו איין צו מיינען באַגלייך מיט מעכלען — האָט דער טאַטע געזאָגט — אַז גאָט שטראָפט נישט דעם אין אומ׳שכל פאַרזונקענעם? איז דען געמאָלט אַ גרעסערע שטראָף פאַר אַ מענטשן ווי אויסשליסן אים פון השגחה פרטית? און פאַרוואָס קומט אַ מענטש אַ שטראָף און אַזאַ האַרבע דערצו, אויב זיין חטא איז אומ׳שכלדיקייט און זיין פאַרברעך איז וואָס ער איז בלינד?

און דערנאָך: וואָס הייסט, עס איז נישט קיין חילוק צי די קוזיסטישע רשעים זיינען ביזוק געוואָרן על פי צופאַל אָדער על פי דעם רצון פון דער השגחה? אויב ס׳איז נישט פאַראַן קיין שכר ועונש, וואָס־זשע פאַר

אַ זין קאָן האָבן די תפילה פון אַ פשוטן ייד, פון אַ ייד וואָס איז ווייט פון שלימות השכל כרחוק מזרח ממערב? וואָס פאַראַ באַדייט האָט זיין מסירות נפש פאַר מצוות ומעשים טובים? און וואָס פאַראַ זין האָט בכלל דאָס לעבן פון אַ יידישן מענטש אין אַזעלכע שווערע צייטן, אַז השארת הנפש איז נאָר פאַר די געקליבענע, וואָס האָבן דערגרייכט דעם שכל הפועל און די השגחה קוקט זיך נישט אום אויף דעם המון עם פון יחידים, נישט אויף די רוצחים און נישט אויף די קרבנות, וואָרים זיי אַלע זיינען „כהולך בחושך, שאין ספק שיכשל״? דער גויאישער רוצח איז אויס־געשלאָסן פון דער השגחהס עונש און דער יידישער קרבן פון דער השגחהס שכר?

און פלוצעם, לכאורה אָן אַ דירעקטער שייכות צו דער פּאָלעמיק וועגן השגחה, האָט דער טאַטע צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— ס׳איז שוין כמעט אַ יאָר אַז לייבוש קיצמאַנערס יינגערער זון חיים איז געשטאָרבן. האָסט דאָך אים געקענט?! חיים איז געווען פון אליעזר שטיינבאַרגס מקורבים און האָט אַ צייט געאַרבעט אין ווילנער „ייוואָ״. אַ בן־ארבעים און נישט קיין חתונה־געהאַטער און בכלל אַ זונדער־לינג, אָבער אַ מענטש מיט אַ סך וויסן און אַ צדיק גמור. ער האָט געקאָנט פון זיך אויסטאָן ס׳העמד צו העלפן אַ חבר. און נישט בלויז דער צער פון אַ מענטש האָט אים אָנגערירט, נאָר אויך דער צער פון אַלע בעלי־חיים. ער איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַ וועגעטאַריער. און ווען חיים זאָל געווען זיין כאָטש אָן „אייניקל״ אויב נישט קיין „גוטער ייד״, וואָלטן זיך חסידים דערציילט מעשות ווי אַזוי רואיק און ווי אַזוי צו־געגרייט דער צדיק איז געשטאָרבן.

— איך האָב חיימען געזען — האָט דער טאַטע נישט אַזוי דערציילט וועגן פאַרשטאָרבענעם ווי אים מספיד געווען — געציילטע שעהן פאַר דער פטירה. ער האָט געוואוסט אַז ער שטאַרבט און האָט גערעדט וועגן טויט גלייך נישט ער אַליין, נאָר עפּעס אַ סתם מענטש זאָל האַלטן ביים שטאַרבן. ער האָט זיך חלילה נישט באַדויערט, נאָר האָט אָנגענומען באהבה די יסורים און דעם טויט. איך בין געשטאַנען און האָב געשטוינט:

וואו נעמט זיך צו אַ יונגנמאַן אַזאַ כוח איבער דער אייגענער טבע?

דער פאָטער, קאָנסטו דיר משער זיין, איז זינט חיימס טויט אַ צעבראָכענער. פון דרויסן איז לייבוש כלומרשט אַ צוריקגעהאַלטענער ווי חיים איז געווען. אָבער אין די לעצטע וואָכן פונעם זונס קראַנקהייט

פלעגט לייבוש נישט איינמאָל קלאָגן פאַר מיר, כמעט ווי וויינען, אַז ס׳איז „נפשי קשורה בנפשו״ און אַז ער ווייסט נישט ווי אַזוי ער וועט דאָס איבערטראָגן.

אַז איך שמועס מיט לייבושן — האָט דער טאַטע ווייטער דער־ציילט — ווען נפטר, פיל איך אַז די איינציקע טרייסט וואָס האַלט אים אויף די פיס איז — השארת הנפש.

ער איז דאָך אַ טאַטע, איז ער זיכער אַז אַפילו על פי הרמב״ם האָט חיים זוכה געווען צו השארת הנפש, וואָרים ער האָט ביים לעבן אַוודאי דערגרייכט צו דער מדרגה פון שכל הפועל. אָבער ספקות עסן אים פונדעסטוועגן. ווי אַזוי קאָן מען טאַקע זיכער זיין אויב ס׳איז אמת אַז השגחת הבורא און השארת הנפש זיינען חל נאָר אויף די סאַמע גע־קליבנסטע? חיים איז קיין מאמין נישט געווען, קיין שומר מצוות אַוודאי נישט, און אַפילו מכוח מצוות מילה האָט ער געהאַלטן מיט זיין עלטערן ברודער נטע, אַז מען דאַרף זי נישט, אַז זי איז באַרבאַריש, ווייל — שפיכות דמים.

חיים אַליין איז געווען אַ שפּינאָזיסט, נו, און אויב שפּינאָזאַ, איז דאָך קיין בורא עולם נישטאָ, נאָר זי, די נאַטור, איז במקום גאָט. איך האָב טאַקע געהערט חיימען אַמאָל זיך מתווכח זיין מיט מעכלען און אים זאָגן — איך גלויב אַז מיט רעכט — אַז צווישן רמב״ם און שפּינאָזאַ איז דער חילוק נאָר אין איין שפּאַן ווייטער. ביים רמב״ם איז אין פּרט פון השגחה דער רבש״ע אַ גאָט פאַר געקליבענע און אַן אומגאָט פאַר אַלע איבעריקע. ביי שפּינאָזאַן פאַלט די השגחה פּרטית און די השארת הנפש פאַר די געקליבענע אויך אַוועק. דער איינציקער שכר איז די „ליבשאַפט צו גאָט״. גיי־זשע האָב ליב אַזאַ אכזריותדיקן גאָט — איז דעם טאַטנס טאָן געוואָרן כלומרשט שפּאַסיק — וואָס ווייסט נישט פון קיין רחמים, וואָס איז נישט קיין פאָטער אין הימל, נאָר אַ שטרענגער פריץ איבער אַ פאַלוואַרק, וואָס איז אַזוי גרויס ווי די גאַנצע וועלט.

וואו־זשע קאָן אַ צעבראָכענער טאַטע שעפּן אַביסל טרייסט?

אין טאַטנס אויג האָט אַ פינקל געטאָן אַ טרער. און פאַר מיר האָבן אין דער דאָזיקער איינער טרער דעמאָלט (און אפשר ערשט היינט נאָך די יאָרן פון מלחמה און חורבן) אויפגעפּלייצט בוכן פון טרייסטלאָזיקייט פון מיליאָנען טאַטעס, וואָס האָבן פאַרלוירן קינדער צו אַ טויט, וואָס האָט נאָר איין ברעג, דעם ברעג צו נישט.

איך האָב דעם טאַטן נישט געזען אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן ווען ער אַליין איז געוואָרן אַ קדיש־זאָגער נאָך זיין מיטעלן זון, מיין יינגערן ברודער אליעזר. אָבער אַלעמאָל ווען די געשטאַלט פונעם טאַטן באַוויייזט זיך צו מיר אין חלום אָדער גאָר בהקיץ, דערזע איך אין זיינע אויגן יענע גרויסע פינקלדיקע טרער, — די טרער פון טרייסטלאָזיקייט און פון בענקשאַפט נאָך אַ צווייטן ברעג לעבן אויף דער אַנדערער זייט קבר.

ב

צומאַרגנס, מאָנטיק בין איך אַריינגעגאַנגען צו ר׳ לייבוש קיצמאַנער אין דער „טראַפיק" קויפן ציגאַרעטן און צייטונגען און האָב דאָרט געטראָפן די „טראַיקע" אין גאָר אַן אַנדער געמיט, אין אַ געמיט פון שפאַס און פון זעלבסט־לצנות.

די פערציק טעג פון דער גאָגא־רעגירונג זיינען געווען פאַרביי און יידן האָבן זיך געפילט ווי אויפגעבונדענע פון שווערע פענטעס, ממש באַפרייטע.

אין דער אמתן האָט זיך אונטער דער נייער ממשלה פונעם אַנטי־סעמיטישן פּראָוואָסלאַוונעם מיטראָפּאָליט קריסטעאַ, וואָס קאַראָל האָט אים דערהויבן צו פּרעמיערשאַפט, די לאַגע פון די יידן מיט גאָר נישט פאַרבעסערט, אַ חוץ מיט דעם וואָס די קוזיסטישע פאַרטיי איז געוואָרן אויס „צווייטע רעגירונג", ווי זי איז דאָס אַלע פערציק טעג געווען, דער עיקרשט אין דער פּראָווינץ.

דער בעזגראַמאָטנער אונטערוועלטניק ניקיפאָר ראַבו איז אַראָפּ פונעם פּרעפעקט־בענקל אין טשערנאָוויץ און די קוזיסטישע פאַרטיי־פּאָליציי האָט אויפגעהערט צו מאַכן וויזיטן אין יידישע געוועלבן, צו פּרעסן געלט און צו רופן אויף פאַרהער אין „גרינעם הויז" אויף דער רוסישער גאַס.

אָבער אין תוך האָבן אַלע גזירות, וואָס גאָגא האָט אַרויסגעגעבן, ווייטער געגאָלטן. דער נייער פּרעמיער, דער מיטראָפּאָליט, האָט נישט בטל געמאַכט די האַרבע גזירה פון בירגערשאַפט־רעוויזיע פאַר יידן, און וואָס שייך דעם פאַרבאָט אויף פרעמד־שפּראַכיקע צייטונגען האָט די נייע רעגירונג אויף אַזויפיל מטיב געווען, אַז זי האָט דערלויבט אַז אַ טייל

נייעס און געוויסע אומוויכטיקע אַרטיקלען זאָלן געדרוקט ווערן נישט אויף רומעניש.

אַרום אַט די צוויי גזירות האָט מען דאָס געשפּאַסט ביי ר׳ לייבושן אין דער „טראַפיק״ און געטריבן זעלבסט-לצנות.

אַלע דריי פון דער „טראַיקע״, דער טאַטע, ר׳ מעכל פרישער און ר׳ לייבוש קיצמאַנער, זיינען בלויז זינט עטלעכע יאָר געווען טשער־נאָוויצער תושבים.

אַז היטלער האָט איבערגענומען די ממשלה אין דייטשלאַנד און די קוזיסטן מיט די „אייזערנע „גוואַרדייער״ האָבן דערפאַר אַלץ מער און מער אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין רומעניע, זיינען יידן אין די דערפער געוואָרן שטאַרק אומרואיק. ווער ס׳האָט נאָר געקאָנט האָט געזוכט זיכערקייט, מער זיכערקייט, צווישן יידן אין שטאָט. צווישן די „גולי הכפרים״ זיינען אויך געווען די דריי פון דער„טראַיקע״. אָבער בלויז איינעם פון זיי, ר׳ לייבוש קיצמאַנער, איז געלונגען זיך צוצושלאָגן צו אַ שטיקל פרנסה אין טשער־נאָוויץ.

ר׳ לייבוש האָט אָפּגעדונגען ביי אַ קריגס-אינוואַליד די קאָנצעסיע פון טאַבאַק-מאָנאָפּאָל און האָט געעפנט אַ געוועלבל אויף אַ גאַס נאָענט צום רינגפּלאַץ. ער האָט דערפון געהאַט חיונה בצמצום, ווייל ראשית, האָט ער געמוזט צאָלן שכירות צו אַ פאַרקויפער וואָס קאָן רעדן רומעניש, און שנית, האָט מען אַלעמאָל געדאַרפט אָפּשרייען אַ נייע גזירה, און דאָס איז אויסגעגאַנגען צו געלט.

די סאַמע נייעסטע גזירה, וואָס דער אינספּעקטאָר האָט אין די לעצטע טעג פון מלכות גאָגאַ געהאַט געבראַכט צו טראָגן, איז געווען, אַז נישט בלויז דער פאַרקויפער, נאָר טאַקע דער בעל-הבית אַליין פונעם טאַבאַק־געשעפט מוז קענען רומעניש.

און — דער אינספּעקטאָר האָט געשטעלט דעם אַלטן לייבוש צום עקזאַמען. דער עקזאַמען איז באַשטאַנען פון איין פראַגע און פון צוויי ענטפערס.

ס׳האָט געפרעגט דער אינספּעקטאָר: — לייבוש, וואָס איז די מינדסטע דיסטאַנץ וואָס מוז זיין צווישן אַ טאַבאַק-געשעפט און דעם נאָענטסטן קלויסטער?

האָט געענטפערט לייבוש קיצמאַנער און געזאָגט אויף זיין צעבראָכן רומעניש לשון:

— דאָמנולע אינספעקטאָר, דוי סוטי מעטער (הער אינספעקטאָר, צוויי הונדערט מעטער).

און האָט מוסיף געווען אַ צווייטן ענטפער: — צוויי הונדערט ליי אין יד אַריין, צו איין ליי פאַר יעדן מעטער.

דער עקזאַמען איז געווען פאַרביי און לייבוש קיצמאַנער פון דעמאָלט אָן אַ „געפּריפטער", אַ „מומחה" אויף רומעניש.

אַז דער „היינט" פון וואַרשע האָט אָנגעהויבן אָנקומען איינמאָל אין אַ יובל און די יידיש־דייטשע לאָקאַל־צייטונג „דאָס טשערנאָוויצער מאָרגענבלאַט" האָט געדרוקט די וויכטיקסטע אַרטיקלען און נייעס אויף רומעניש, און די ראַדיאָ איז דאָך אָפּגערעדט, אַז זי רעדט בלויז רומעניש — גייען די לייט פון דער „טראַיקע" און זייערס גלייכן אַרום אין דער פינצטערניש און זיינען אָפּגעריסן פון די וועלט־געשעענישן.

מען בענקט נאָך אַ צייטונג אויף אַ פאַרשטענדלעך לשון נישט ווייניקער ווי נאָך אַ גוט ספר, אָבער טאַקע פאַר אָט דער פוסטער בענקעניש איז מען ברוגז אויף זיך. ווילן דער טאַטע און ר' מעכל פרישער זיך אַליין אַריינזאָגן הלמאי זיי גלוסטן נאָך אַ צייטונג, און ווילן זיך אַליין באַרואיקן אַז הלוואַי זאָל מען פון קיין גרעסערע צרות נישט וויסן, טראָגן זיי אונטער ר' לייבושן אַ נומער „מאָרגענבלאַט" און זאָגן צו אים:

— אדרבא, פאַרטייטשט אונדז, ר' לייבוש, וואָס מען זאָגט דאָרט אין דעם רומענישן לייטאַרטיקל. איר זענט דאָך אַ „געפּריפטער".

שמייכלט ר' לייבוש, און זיין ברייטע, שיין־צעקעמטע באָרד פלאַטערט פון דעם שמייכל ווי פון אַ ווינטל, און ער ענטפערט מיט טרויעריקער פּקחות.

— יידן קומען צו מיר און בעטן איך זאָל זיי דערציילן וואָס דאָרט שטייט, ווייל זיי האָבן געהערט אַז איך האָב „געמאַכט עקזאַמען", און איך קאָן זיי נישט העלפן, כאָטש זיי מיינען עס ערנסט. זאָל איך מיך שטעלן פאַרטייטשן „וואָס מען זאָגט דאָרט" פאַר אייך, וואָס זענט איר, לצים?

אַלע דריי צעלאַכן זיך פון דער זעלבסט־אַריינזאָגעניש און ר' לייבוש, וואָס איז פאַרקאָכט אין שפּאַסיקע מעשות נישט ווייניקער פונעם טאַטן, פאַרקערעוועט איצט די לצנות קעגן ר' מעכל פרישער.

ר' לייבוש האָט זיך דערמאָנט אין דעם איינציקן באַגלויבטן עדות, וואָס מעכל פרישער קאָן צושטעלן צו דער קאָמיסיע, אויף צו באַווייזן אַז ער האָט נאָך עטלעכע יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה באַקומען

היים־רעכט אין זיין בוקאווינער וואוינדאָרף און אַז מען קאָן דערפאַר ביי אים, הגם ער איז געבוירן אין גאַליציע, נישט צונעמען זיין רומענישע בירגערשאַפט.

— ר׳ מעכל — גיט אַ פרעג ר׳ לייבוש קיצמאַנער, און דער טאַטע איז מיט אַלע מינעס פונעם פנים אַ באַשיינפערלעכער שותף צו דער פראַגע — וויאַזוי וועט איר דאָס באַווייזן אַז די קאַדאָבישטשער גע־מיינדע האָט אייך נאָך אין 1910 באַוויליקט היים־רעכט?

צום ווינציקסטן פון אַלע דריי פון דער „טראַיקע" איז מעכל פרישער אויפגעלייגט צו שפּאַס, און צו שפּאַס וועגן בירגערשאַפט נאָך ווייניקער, ווארים ער האָט זיין אייגענס עטלעכע מאָרג פעלד אין קאַדאָבישטש, און אַז מען ווערט אויס בירגער ווערט מען על פי דין אויך אָן דאָס רעכט אויף דאָרפיש אייגנטום.

אָבער טאָקע ווייל עס פאַרדריסט אים למאי ער האָט שוין פון לאַנג נישט פאַרקויפט די פעלדער און האָט נישט געטראַכט באַצייטנס פטור צו ווערן פון בעל־הבית׳שאַפט אין רומעניע, וויל ר׳ מעכל זיך אַליין באַשטראָפן, זיך אַליין וויי־טאָן און גייט איין אויף לייבוש קיצמאַנערס פראַגע.

— די זיצונגס־פּראָטאָקאָלן — דערציילט ר׳ מעכל — זיינען אין צייט פון קריג ערגעץ פאַרשוואונדן. איז אָבער פאַרבליבן אַן עדות, וואָס געדענקט. דער געמיינדע־סעקרעטאַר אין 1910 איז געווען דער פענסיאָניר־טער לערער געאָרגי שערבאַנאָוויטש. און ער ווייסט דעם אמת אַז ס׳איז געווען אַ בפירושער באַשלוס פונעם „אויסשוס" (געמיינדע־פאַרוואַלטונג), וואָס האָט מיר באַוויליקט דאָס היימרעכט און קאַדאָבישטש.

— נו, נו,— זיינען ר׳ לייבוש און דער טאַטע להוט צו דערגרייכן וואָס גיכער דעם שפּיץ פון דער מעשה און טרייבן זי אונטער מיט איראָנישע שמייכלען.

— וואָס הייסט נו, נו? — האָט מעכל, ווייזט אויס, אַזוי הנאה געהאַט פון דעם זעלבסט־שפּאָט אַז אויף זיין אַסקעטישן פנים האָט זיך באַוויזן עפּעס אַזוינס וואָס איז ענלעך אויף „אָט אָט לאַך איך" — וואָס הייסט נו נו? שערבאַנאָוויטש האָט אָבער אין אַלע זיינע זיבעציק יאָר קיין איין מאָל קיין אמת וואָרט נישט געזאָגט, וועט ער איצט פון זיך מאַכן לייטיש געלעכטער און ווערן אויף דער עלטער אַן אמת־זאָגער? און ווער וועט אים גלייבן? אַז איןביידע באַצירקן, אין זאַסטאַווער און אין קיצמאַנער, האָט שערבאַנאָוויטש דעם שם פון אַן אויסגערופענעם ליגנער, וויאַזוי זאָל

ער פלוצעם גיין עדות זאָגן אויפן אמת? ער שעמט זיך — האָט ער מיר געזאָגט. און אַז איך בין צו אים צוגעשטאַנען: ס'טייטש? ס'איז דאָך אָבער פאַרט אמת! — האָט ער זיך פאַר מיר מתודה געווען אַז ס'ציט אים ממש מיט צוואַנגען צו זאָגן כאָטש איינמאָל אמת אין לעבן, און ער וואָלט זיך נישט אומגעקוקט, וואָס מענטשן לאַכן און וואָלט געגאַנגען אין געריכט אַריין און געשוואוירן ווי ס'איז דער אמת.

— נאָר וואָ־דען? — דאָ האָט ר' מעכל טאַקע כמעט ווי שוין געלאַכט

— שערבאַנאָוויטש האָט זיך צו מיר צוגעבויגן און מיר געזאָגט אין דער שטיל, אַז מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק איז ער באַשטראָפט געוואָרן פאַר פאַלשער שבועה און ער איז דעריבער על פי דין נישט קיין באַגלויבטער עדות.

— בין איך געווען אַ בעלן — האָט ר' מעכל ווייטער דערציילט — און האָב געבעטן מיין זון, דעם אַדוואָקאַט, ער זאָל נאָכקוקן די אַקטן ביים זאסטאַוונער געריכט, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז — שערבאַנאָוויטש האָט געזאָגט דעם אמת. נישט דעם גאַנצן, נאָר בלויז אַ האַלבן אמת, וואָרים פאַרמשפט איז ער געווען פאַר פאַלשער שבועה נישט איינמאָל, נאָר גאַנצע צוויי מאָל. אָבער אָט דער האַלבער אמת וועגן שערבאַנאָוויטשעס פאַלשער שבועה איז אויך שוין געווען גענוג אויף צו דערהרגענען דעם גאַנצן אמת וועגן מיין קאַדאַבישטשער היימרעכט.

— הערט, כ'בעט אייך — האָט אַ ייד, אַ קונה, וואָס מעכלס מעשה האָט אים פאַרהאַלטן אין געוועלב, גענומען אויסלייגן אַן ערנסטן מוסר השכל — אויף וואָס ס'הענגט דעם יידנס אמת און דעם יידנס לעבן?! עס הענגט אָפּ פון אַ גוי אַ ליגנער, וואָס וויל נעבעך זאָגן דעם אמת. נאָר וואָדען? אָדער ער שעמט זיך פאַרן אמת, אָדער ער איז על פי דין נישט באַגלויבט.

ס'איז שטיל געוואָרן אין געוועלב. די „טראַגיקע" האָט זיך איבער־געקוקט. דעם יידנס מוסר השכל האָט אונטער די הענט פאַרוואַנדלט די „פריילעכע מעשה" אין געדיכטן טרויער. די מעשה האָט איצט נישט געשמייכלט, האָט נישט געלאַכט. זי האָט יאָמערלעך געוויינט.

ג

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען זאַלבעדריט פון ר' לייבוש'ס „טראַפּיק" דער טאַטע, ר' מעכל און איך. פאַרבייגייענדיק דאָס שפּיגל־פענצטער פון אַ גרויסן געשעפט אויפן רינגפּלאַץ האָב איך נישט ווילנדיק צו מיר אַליין אַ לאַך געטאָן. איך האָב דערזען אין שפּיגל דעם שיפּוע וואָס האָט זיך געצויגן איבער אונדזערע דריי קעפּ, פונעם הויכן ר' מעכל, איבער מיר, דעם מיטלוואוקסיקן, ביז דער נידעריקער געשטאַלט פונעם טאַטן. עס האָט מיך דערמאָנט אין דעם שיף אָוועקגעשטעלטן ברעט, איבער וועלכן ס'פלעגט „בימים ההם" אַנגיין אונדזער פסחדיקער שפּיל אין ניס.

ביידע, אי דער טאַטע און אי ר' מעכל, זיינען געווען נייגעריק צו וויסן וואָס ס'מיינט מיין פלוצעמדיקער געלעכטער. אַז איך האָב עס מסביר געווען, האָט זיך ר' מעכל דערין אַנגעכאַפּט און געפונען אַ טירל' וואו אַרום זיך אומצוקערן צו זיין נעכטיקן, צו זיין שטענדיקן ויכוח מיטן טאַטן, און מיך, אַזוי צו זאָגן, אַריינצוציען פאַר אַ שליש.

— דאָס טענה איך דאָך מיט אייער טאַטן — האָט ר' מעכל אָנגעהויבן — אַז ווי אין חיצוניות פון גוף אַזוי אויך אין פנימיות פון שכל און פון מידות זיינען פאַראַן הויכע, מיטעלע און נידעריקע פון געשטאַלט. און דאָס דרויסנדיקע איז לאו דוקא גלייך מיטן אינעווייניקסטן מענטש, נאָר אַ סך מאָל דער היפוך דערפון. אָט ווי דאָסמאָל ביי אונדז דריי — האָט ר' מעכלס בלייכע פנים אַריינבאַקומען אַביסל קאַליר מחמת אויפגעפלאַמטער שעמעוודיקייט און ענוות.

— און אייער טאַטע — האָט ר' מעכל געפּרוּווט גובר זיין די „פאַרוויטלטקייט" מיט אַן איראָנישן שמייכל און איבערגיין צו דער גע־ווינטלעכער אַטאַקע — אייער טאַטע איז דאָך אַ בעל־רחמים פון שד"לס שיטה, האָט ער רחמנות אויף עם־הארצים.

— לייבוש האָט מיר דערציילט אַ שיינע מעשה וועגן אייער טאַטן — האָט ר' מעכל ווייטער גערעדט און אַלץ איראָנישער — ער האָט מיר דערציילט אַז די יידן פון דער בייער קלויז אין זאַטעוויץ, וואו אייער טאַטע האָט געדאַוונט, איז אַמאָל איינגעפאַלן צו מאַכן ר' איציע ביקל פאַר גבאי. נו, נו, איז ר' איציע באַלד געוואָרן דער אַפּוטרופּוס פון די עם־הארצים. שעיה דעם בעדער האָט ער געגעבן רק שישי און די עשרת הדברות, און אַזאַ ייד ווי דעם שוחט ר' יעקב נחום, וואָס איז

געווען אי אַ למדן אי אַ בעל־מדרגה אין מידות, האָט ער געלאָזט אויפרופן צו אַ מאָגערן רביעי און צו דער תוכחה.

— האָט טאָקע לאַנג נישט געדויערט — האָט ר׳ מעכל באַשיינ־פערלעך געסמאַקעוועט די איראָניע — און מען האָט דעם שד"לס תלמיד משלח געווען פון גבאות.

און מיט רעכט. וואָרעם אַז איר מורנו ר׳ שד"ל און איר מורנו ר׳ איציע — איז ר׳ מעכלס אַטאַקע געווען אין פולן גאַנג — האַלט אַז דער יסוד פון דער יידישער תורה איז נישט צדק, נאָר דווקא אהבה רבה וחמלה רבה ווי ביי די נוצרים — דאַרפט איר זען אַז שעיה בעדער זאָל באַקומען אַ גרעסערע פּאָרציע פון מעות חיטין, ווייל ער האָט מער מיילער צו פאַרשטאָפּן ווי אַן אַנדערער אָרעמאַן. אָבער פאַרוואָס קומט שעיהן, דעם עם־האָרץ, אַ גרעסערע פּאָרציע תורה? פאַרוואָס דאַרף מען אים אויפרופן דוקא צו די עשרת הדברות און נישט צו דער תוכחה? די עשרת הדברות נישט ער פאַרשטייט זיי, שעיה, נישט זיי אַרן אים, אָבער די תוכחה קאָן אים כאָטש ברענגען צו דער מדרגה פון „ויראת מאלוהיך".

דער טאַטע האָט זיך נערוועז געצופּט דאָס בערדל און אַלעמאָל זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט איבער מיר צו מעכל פרישער. דער טאַטע האָט זיך געריסן צו ענטפערן, אָפּצופרעגן. אָבער ער איז נישט געקומען צום וואָרט. ראשית, איז מעכל געווען ממש אַ פּאָלעמישער פלייץ און ס׳איז אים שווער געווען אָפּצושטעלן און שנית, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס וואָס איך בין דערביי האַלט ערגעצוואו אָפּ דעם טאַטן אַרויסצוקומען מיט שאַרפע רייד צו מעכלען און אפשר מער נאָך צוריק צו באַקומען שאַרפערע פון מעכלען.

מעכל האָט גערעדט גלייך ער זאָל שטיין אויפן באַלעמער. ער האָט געזען אַז דער טאַטע וויל ענטפערן, איז ער פאַרלאָפן דעם וועג מיט השערות וועגן טאַטנס פּאָלעמישע טענות:

— איר ווילט דאָך מן־הסתם זאָגן, ר׳ איציע, אַז אַ נביא איז מען מלידה, און אויב אַזוי וואָס־זשע איז שולדיק דער נישט־נביא? ווייסט איר אָבער אַליין אַז אין יענעם פרק ל"ב וואו ס׳רעדט זיך אין „מורה נבוכים" וועגן נבואה, מאכט דער רמב"ם ז"ל אַ חילוק צווישן דער „דעת המון הפתאים" (די מיינונג פון פּראָסטן פּאָלק) און דער „דעת הפילוסופים".

דער המון־עם גלויבט אַז גאָט האָט אויסגעקליבן אַ מענטשן, אַ פּלוני (אמאָל איז דער פּלוני אַ חכם און אַמאָל גאָר אַ נאַר) און האָט אים געשיקט נבואה זאָגן.

די דעה פון די פילאָזאָפן אָבער איז, אַז די נבואה איז אַ שלימות־באַגער אין דער מענטשלעכער טבע און צו דער דאָזיקער שלימות קאָן אַ מענטש דערגרייכן נאָר דורך לערנען און נאָר דורך פעסטן רצון צו השתלמות, צו גיין אַלץ העכער ממדרגה למדרגה.

אמת איז אַז דער רמב״ם רעדט אין יענעם פּרק אויך וועגן דער „דעת תורתנו״, אָבער די דעה פון דער תורה נייגט נאָר אָפּ פון די פילאָזאָפן אין איין פּרט, דהיינו, על פּי תורה קאָן מען זיין ראוי לנבואה און זיך גרייטן צו איר און פונדעסטוועגן זי נישט קאָנען דערגרייכן, ווייל אַזוי איז גאָטס ווילן.

אָבער דאָס שותפותע פון דער „דעת התורה״ און „דעת הפילוסופים״ איז, אַז יעדער מענטש דאַרף זיך גרייטן, דאַרף האָבן דעם רצון צו השתלמות, דאַרף באַגערן צו דערגרייכן.

וואָרעם ווער קאָן דען וויסן ווער ס׳איז ראוי לנבואה און ווער נישט? דאָס קאָן מען זיך ערשט דערוויסן נאָכדעם ווי מען האָט אַ לעבן לאַנג געאַרבעט איבער זיך און נישט דערגרייכט. אַלט און יונג, אָרעם און רייך — אַלע אָן אויסנאַם דאַרפן אַרבעטן איבער זיך און קלעטערן דעם שווערן וועג צו דער מדרגה פון נבואה, וואָרים אַז נישט מיינט עס דאָך אַז דער מענטש זאָל זיך פון לכתחילה איינרעדן, אַז ער איז אַ בעל־מום אויף דער נשמה און אויפן שכל.

גייענדיק אַזוי זיינען מיר פאַרבייגעגאַנגען דעם טאַטנס דירה אויף דעם הויפּטשטראָז און זיינען אַראָפּ דעם באַרג צום וואָקזאַל. צי דער טאַטע האָט דאָס באַמערקט ווייס איך נישט, אָבער אַז ר׳ מעכל האָט אין דער „ישוב־הדעתדיקער היץ״ פון זיינע רייד געשוועבט ממש מחוץ פון שטח — דאָס איז געווען באַשיינפּערלעך.

— ר׳ מעכל — האָב איך אַ זאָג געטאָן אויף צו פאַרענדיקן דעם שמועס — מיין מאַמע זאָל לעבן וואַרט אויף מיר און דעם טאַטן מיטן מיטאָג, אָבער פונדעסטוועגן דאַרף דאָך אַ „שליש״ אויך קומען צום וואָרט און דאָס וואָרט מיינס וועט זיין בקיצור.

איך פאַרשטיי נישט צוליב וואָס זאָל אַ מענטש על פּי הרמב״ם אַזוי

באַגערן שלימות און זיך יאָגן נאָך איר. דער שכר וואָס שפּינאָזע זאָגט צו „לשומרי תורתו" איז מיר קלאָר, און איך מוז מודה זיין אַז ס'איז אַ גוואַלדאָוונער שכר.

ביי שפּינאָזען איז די הכרת הבורא די דערקענטעניש אַז מיר געפינען זיך אין אַ גרויסער אומענדלעכער קאָסמישער תפיסה, וואָס ווערט רעגירט נישט פון אַ רצון אלוהי, נאָר פון אייביקע געזעצן נישט צום ענדערן.

אינאיינעם מיט דער דאָזיקער דערקענטעניש באַפרייט זיך דער שפּינאָזיסטישער מענטש פון אַלע אינעווייניקסטע תאוות, פון די אַפעקטן, און ער ווערט דערהויבן. און וואָס איז דער שכר פון אָט דער דערהויבונג? דער שכר פון דער „אינטעלעקטועלער ליבע צו גאָט" איז אין תוך פריישאַפט פון גאָט. דער מענטש הערט אויף צו זיין אָנגעוויזן אויף גאָט.

אָבער וואָס דערגרייכט דער אדם השלם על פי הרמב"ם? ער דערגרייכט אַ לויט מער השגחה פּרטית לפי דער מדרגה פון זיין שלימות און זיין העכסטער לוין איז די אומפאַרזענלעכע השארת הנפש. די פּריווי־לעגיעס זיינען באמת נישט אַזוי גרויס, אַז דער נביא זאָל זיך מעגן איבערנעמען איבער דעם „נישט־נביא" און זאָל זיך דערלויבן איינצוטיילן די מענטשן אין „גייסטיקע און דאָס פאָלק", ווי ס'טוען די שפּינאָזיסטן.

אַ בלינדער האָט געקאָנט זען, אַז ביידע, אי ר' מעכל און אי דער טאַטע, זיינען געווען אומצופרידן מיטן „שליש", דערעיקרשט איז דער פאַרדראָס, פאַרשטייט זיך, געווען אַן איינדייטיקער ביי מעכלען.

מעכלס בלייך, אַסקעטיש פּנים האָט זיך נאָך מער אויסגעצויגן און איז נאָך בלייכער געוואָרן. געוויינטלעך פלעגט ער מיך רופן שלמה און אַמאָל הער שלמה. איצט האָט ער זיך צו מיר געווענדט מיטן פאָלנעם טיטל „הער דאָקטער".

— הער דאָקטער, ווען־זשע קומט איר נאָכאַמאָל קיין טשערנאָוויץ מיר זאָלן פאַרענדיקן דעם שמועס? ס'איז דאָ אַ סך וואָס צו ענטפערן.

— איך האָף אַז אין עטלעכע חדשים אַרום, ווי באַלד איך און מיין משפחה וועלן באַקומען די אַמעריקאַנער וויזע וועלן מיר צופאָרן קיין טשערנאָוויץ זיך געזעגענען מיט טאַטע־מאַמע.

מיר האָבן גענומען אַ דראָזשקע און זיינען זאַלבעדריט צוריק אַרויפ־געפאָרן דעם באַרג פונעם וואָקזאַל צו דעם הויפּט־שטראָז.

ווען איך בין כמעט אַ יאָר שפּעטער געקומען קיין טשערנאָוויץ פאַר

מיין אָפּפאָר קיין אַמעריקע, איז ר׳ מעכל נישט געווען אין שטאָט, ער האָט געפּראַוועט אַ וויזיט ביי זיינס אַ טאָכטער אין דער דרום־בוקאָווינע.

איך האָב ר׳ מעכלען מער קיינמאָל נישט געזען.

ד

יענער נישט פאַרענדיקטער שמועס האָט געהאַט אַן עפּילאָג. און דעם עפּילאָג האָט מיר איבערדערציילט דער טאַטע ערשט מיט כמעט דרייצן יאָר שפּעטער אין איינעם פון די שבתים, וואָס איך האָב פאַרבראַכט ביים טאַטן אין צריף אין גבעת־שמואל בעת מיין באַזוך אין ישראל אין האַרבסט 1950.

צווישן די מענטשן, אויף וועלכע איך האָב זיך נאָכגעפרעגט, זיינען מעכל פרישער און לייבוש קיצמאַנער, פאַרשטייט זיך, געווען פון די ערשטע. און אַז מען האָט אָנגערופן זייערע נעמען, וואָס איז געווען נענטער ווי דאָס, אַז דער זכרון זאָל אַ בליץ טאָן מיט דער דערמאָנונג וועגן די שמועסן פון יענעם זונטיק און מאָנטיק ביים טאַטן אין שטוב, ביי ר׳ לייבושן אין דער „טראַפיק״ און דערנאָך שפּאַצירנדיק באַרג־אַראָפּ צום וואָקזאַל?

זומער 1940 זיינען מיר אין טשערנאָוויץ געוואָרן פּאָניעס — האָט דער טאַטע ווי געווויינטלעך אָנגעהויבן שפּאַסיק, אָבער דער טרויעריקער סיפּור המעשה האָט באַלד אָפּגעשטעלט די שפּאַסיקייט פון טאָן — די אַן ערך צוועלף חדשים פון סטאַלינס ממשלה האָבן זיך פאַרענדיקט דערמיט וואָס מיט אַ וואָך איידער היטלער און זיינע רומענישע שותפים האָבן צוריק אַריינמאַרשירט קיין טשערנאָוויץ, האָט די סאָוועטישע פּאָליציי פאַרשיקט אַ היפּש ביסל יונגע יידישע חברה קיין סיביר. צווישן די פאַרשיקטע איז געווען מעכלס בן־יחיד, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע אַדוואָקאַטן אין טשערנאָוויץ, לייבושס בת־יחידה מיט איר מאַן און אונדזער משולם.

קאָנסט דיר משער זיין, וואָס מיר אַלע דריי האָבן איבערגעלעבט. לייבוש אַליין אין שטוב. ס׳וויב געשטאָרבן און די טאָכטער פאַרשיקט. מעכל — דאָס זעלבע. ערגעץ האָט ער אַ טאָכטער, אָבער אין אַ דרום־בוקאָווינער שטאָט, און די דרום־בוקאָווינע איז דאָך איצט געווען אַן

אַנדערע מדינה. טשערנאָוויץ געהערט צו פּאַניען און די דרום־בוקאָווינע צו רומעניע.

אַרום שבועות זיינען מיר אַלע צוריק געוואָרן איין מדינה, מדינת רומעניע אונטער היטלערס ממשלה. אָבער ווער האָט דעמאָלט געקאָנט אָפּזוכן קרובים אין דעם פּאָגראָם, וואָס די רומענישע סאָלדאַטן האָבן געמאַכט אויף יידן ממש מיט דייטשער גרינטלעכקייט מעיר לעיר און מכפר לכפר ?

סוכות צייט זיינען מיר אַלע דריי געשטאַנען מיט די פּעקלעך, איך און די מאַמע, לייבוש און מעכל, און געוואַרט אויף די באַן־וואַגאָנען (די באַרימטע וואַגאָנען „זעקס פערד אָדער פערציק מאַן״), וואָס זאָלן אונדז פירן קיין טראַנסניסטריע.

אַפילו די פאַרשיקונג קומט נישט אָן גרינג ביי עמלקן. מען מוז וואַרטן. האָט מען געוואַרט און דערווייל געכאַפּט אַ שמועס. איך געדענק אַקוראַט אַז די מעשה מיט איובן האָט אַרויפגעבראַכט מעכל. ער האָט תמיד געהאַלטן אַז איוב איז דאָס טיפסטע ווערק אין תנ״ך און אַז די מעשה פון דעם „איש היה בארץ עוץ״ פּאַסט זיך צום בעסטן צו דעם רמב״מס בליק אויף נסיון און השתלמות.

דעמאָלט וואַרטנדיק אויף די וואַגאָנען האָט מעכל, פאַרשטייט זיך, דערמאָנט איובן נישט וועגן זיין השתלמות, נאָר וועגן זיינע יסורים. ער איז געווען פאַרביטערט, מעכל, און האָט אויסגעזען ווי אַ מינוט צום טויט. ס׳איז געדעכט געוועזן איובס ווייב — האָט מעכל אַ זאָג געטאָן — וואָס האָט אים געהייסן שעלטן גאָט און שטאַרבן.

איך ווייס נישט, וויאַזוי איך האָב פלוצעם דאָ ביים וואָקזאַל וואַרטנדיק אויף די וואַגאָנען, באַקומען לשון און גענומען ענטפערן מעכלען, אי דאָס הויך און אויף אַ קול — האָט דעם טאַטנס פּנים ממש אויפגעלויכטן פון יענער דערמאָנונג.

— דער גאָט פון איובן — האָב איך געשריגן צו מעכלען — איז נישט קיין יידישער גאָט. דער יידישער גאָט איז אַן אל רחום וחנון. דער גאָט פון איובן איז אַ גרויזאַמער גאָט. וואָס ענטפערט גאָט איובן פונעם שטורעם ? קודם באַרימט ער זיך פאַר אים מיט זיינע גרויסע אַלמעכטיקע מעשים און דערנאָך זאָגט ער צו אים אַן ערך אַזוי :

— אדרבא, זע נאָר וואָס פאַר אַ גיבור איבער גיבורים איך בין און וואָס פאַר אַ גאָרנישט דו ביזט כלפּי מיר. און פאַרענדיקן, פאַרענדיקט

איובס גאָט, להבדיל, ווי מיין קאַפּראַל ביים רעגימענט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס פלעג אָפּהאַקן יעדן זעלנערס פּרואוו צו רעדן מיט: „האַלטס מויל״!

אויב ס׳האָט אַ זינען צו בלייבן אַ ייד — האָב איך אַלץ געשריגן צו מעכלען — צו בלייבן אַ ייד טראָץ די עינויים קשים, טראָץ די רדיפות און נגישות, איז עס דערפאַר ווייל מיר האָבן אַ באַרמהאַרציקן גאָט, ווייל ס׳איז פאַראַן אַ השגחה פּרטית און שכר ועונש און מיר זיינען אַן עם סגולה.

און קאָנסטו דיר פאָרשטעלן אַז מעכל זאָל נישט ענטפערן, ער זאָל אָפּשווייגן? דו וועסט זיך חידושן און איך און לייבוש זיינען ממש געבליבן געפּלעפּט פאַר חידוש. ער האָט געשוויגן. און אַז מיר האָבן פאַר אַ ווײלע געפונען אַ שטיקל באַנק אויפן פּעראָן און זיך געקאָנט אָוועקזעצן, האָט זיך מעכל צו מיר צוגעבויגן און מיר געזאָגט: אפשר זענט איר, ר׳ איציע, און אייער שד״ל גערעכט, וואָרעם ס׳איז טאַקע אַן אימה צו טראַכטן, אַז אַלע די יידן וואָס וואַרטן דאָ אויף די וואַגאָנען קיין טראַנסניסטריע, זאָלן נישט האָבן איבער זיך קיין השגחה פּרטית.

און דערנאָך האָט זיך נאָך געדאַרפט טרעפן — האָט זיך אויפן טאַטנס פּנים באַוויזן יענער אויסדרוק פון זעלבסט־איראָנישן צער, וואָס איז מיר און מיין ברודער אליעזרן געווען אַזוי צום האַרצן, און מיר האָבן זיך איינגערעדט, אַז דער דאָזיקער אויסדרוק אין טאַטנס פּנים איז דער פּסיכאָגראַפישער תמצית פון דער ביקל־משפחה — אַז אין דער לעצטער מינוט זאָל מען אונדז אַלע דריי אַרויסנעמען פון דעם כלל וואַרטערס אויף פאַרשיקונג און אונדז הייסן גיין אַהיים. מיר האָבן זיך אַלע דריי געשעמט, פאַרוואָס די השגחה האָט מיט אונדז מטיב געווען. און, דאַכט זיך, אַז מער פון אונדז אַלע דריי האָט זיך גראָד געשעמט מעכל. און ער האָט זיך על פּי הרמב״ם צום ווינציקסטן געדאַרפט שעמען, וואָרים סיי אין פּרט פון שכל און סיי אין פּרט פון מידות איז מעכל געשטאַנען — האָט דער טאַטע זיך איבערגענומען אַ ביסל מיט זיין עניוות — אויף אַ סך אַ העכערער מדרגה פון מיר און פון לייבושן.

מעכל און לייבוש האָבן ביידע נישט לאַנג געלעבט נאָך דער פאַרשיקונג פון זייערע קינדער קיין סיביר. זיי זיינען ביידע געשטאָרבן אין 1942. און פון די פאַרשיקטע קינדער ווייסט מען נישט, וואו זייער געביין

איז אַהינגעקומען. דער איינציקער וואָס האָט זיך אומגעקערט פון סיביר איז געווען אונדזער משולם.

דעם טאַטנס קרענקלעך, גרין־געל פנים האָט געשמייכלט סאַרקאַסטיש, ווען ער האָט מיר געזאָגט: איך בין דאָס דער גיבור פון דער „טראַגיקע". מיך האָט דער אייבערשטער איבערגעלאָזט ביים לעבן לספר מעשה יה.

און ס'איז דאָ וואָס צו דערציילן — האָט דער טאַטע פאַרענדיקט דעם שמועס אין אַ טאָן פון פרומקייט און פון התלהבות — מקויים געוואָרן אַ חלום און דערלעבט אויף דער עלטער צו וואוינען אין דער יידישער מדינה, און פון די קינדער פּעלט ב"ה קיינער נישט. אַלע אַרויס פון עמלקס לאַנד אַ חוץ משולמען. און אפשר וועל איך זוכה זיין אים אויך דאָ צו זען.

(1955)

אַן אַלטער משפּחה־חוב

איך בין שוין אַזוי און אַזוי לאַנג אין אַמעריקע, אָבער ערשט דאָ אַנומלט האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט מײַנע אור־לאַנדסלײַט, איך מײן, מיט די לאַנדסלײַט פֿון דעם שטעטל, וואו איך בין טאַקע געבוירן געוואָרן. אין דעם דאָזיקן שטעטל, צווישן וועלדער און פֿעלדער, בײַם ברעג פֿונעם דניעסטער, האָב איך פֿאַרבראַכט בלויז די ערשטע פֿינף יאָר פֿון מײַן לעבן און דערנאָך בין איך דאָרט נאָך געווען צוויי מאָל, און בײדע מאָל צו עטלעכע געצײלטע שעה. און וואָס שײך די איסטיטשקער אין אַמעריקע, האָט דער שפּעטסטער אימיגראַנט צווישן זײ שוין נישט געזען דאָס שטעטל לכל הפּחות צוואַנציק יאָר. קאָן, פֿאַרשטײט זיך, פֿון אַ סך געדענקען קײן רייד נישט זײַן — נישט פֿון מײַן זײַט און נישט פֿון זײער זײַט.

מען איז זיך צונויפֿגעקומען אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג — אַ צוויי צענדליק מאַנצבילן און פֿרויען — אין אַ צימער אויף סעקאָנד עוועניו. מען האָט קײן הילף־פֿלענער נישט אַרומגערעדט און קײן געלט נישט געזאַמלט. עס האָט בכלל געפֿעלט אַ „טאָג־אָרדנונג.‟ דער אײנציקער פּונקט איז, דאַכט זיך, געווען: קוקן אויף לעבעדיקע צורות, וואָס מען קאָן קוים, הערן נעמען, וואָס מען געדענקט קוים, און זיך מיט זײער כּוח דערמאָנען אין מענטשן און פּנימער, וואָס מען וויל נישט פֿאַרגעסן.

פֿון די בענקלעך אויף דער לינקער זײַט פֿון צימער האָבן זיך אויגן פֿון עטלעכע עלטערע פֿרויען אין מיר אַרײַנגעבויערט און מען האָט געזען באַשײַנפּערלעך, אַז זײ פּרוּוון מיט זײערע בליקן אויפֿצובויערן אין זיך דערמאָנונגען און — עס איז אַ שווערע עבֿודה. ענדלעך האָט בײַ אײנער פֿון זײ אַ פּלעמל געטאָן אין זכּרון, זי האָט זיך אויפֿגעהויבן, איז צו־געקומען צו מיר און אַ פֿרעג געטאָן מיט אומזיכערקײט: „איר זענט בײלציעס זון?‟ און אַז איך האָב געענטפֿערט: „יאָ‟, האָט זיך ממש אַ

פרייד פון ליכט־געוואָרנקייט צעגאָסן איבער איר צורה. זי האָט מיט דער הילף פון דעם „ביסל קענטלעכן" אין מיין פּנים מיט איין שפּאַן אַריבערגעשפּרייזט איף עטלעכע און פערציק יאָר צוריק און האָט דערזען לעבעדיקע געשטאַלטן אויף גאַסן, וואָס זיינען שוין טויט, און האָט גע־אָטעמט פריילעכקייט פון שטיבער, וואָס שטייען איצט איינגעהילט אין חורבן און אין טרויער.

„אַ שיין מיידל געווען ביילציע", האָט זי אַ זאָג געטאָן, „און אַ פריילעכע. זי איז געווען די יינגסטע ביי ר' משולמן. זי האָט זיך געלערנט טאַנצן, האָט געלייענט פּוילישע ביכער, האָט אַליין קוטשירט די ברישקע און האָט געטראָגן אַ היטעלע ווי אַ פּאַניענקע. זי פלעגט עס קויפן זומער אויפן לאַשקעוויצער יאַריד." אַ קוואַל פון זכרונות און פון קאָנקרעטער געשטאַלטן־זעאונג האָט זיך געעפנט ביי מיין מאַמעס חברטע פונעם שטעטל.

זי האָט מיר פאַרזיכערט ווי צופרידן זי איז זיך צו טרעפן מיט ביילציעס זון — און איך האָב ניט געהאַט גענוג ווערטער איר אויסצו־דריקן מיין דאַנק. מיר האָבן איינס צו ס'אַנדערע געפּילט אָן אַ שיעור דאַנקשאַפט. זי צו מיר — ווייל איך בין געווען אַ גוטער מאָדעל; איך צו איר — פאַר דעם טייערן בילד פון מיין מאַמען, וואָס זי האָט אַזוי גיך, אַזוי קנאַפּ און שיין אָפּגעמאָלן.

אין מיר אַליין לעבט מיין אור־שטעטל נאָר אין די מעשיות, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט פון מיינע משפּחה־לייט. עס איז אייגנטלעך איין לאַנגע, פאַרצויגענע מעשה מיט אַ שלל פּרטים און וואַריאַנטן — אַ מעשה וועגן אַ שטורמישער מחלוקה, וואָס איר הויפּט־העלד איז געווען מיין מאַמעס פאָטער, ר' משולם, און די זייטיקע, אין דער דראַמע אַריינ־געצויגענע פיגורן — מיין טאַטע, אַ צוואַנציק־יאָריקער יונגערמאַן אויף קעסט ביים שווער און — איך, אַ זויג־קינד ערב זיין אַריינטריט אין בונד פון אברהמען.

די מחלוקה פלאַקערט צווישן מיין זיידן און דעם שטעטלשן ראש־הקהל, ר' חנא. ס'גייט וועגן דעם איינציק גרעסטן געשעפט אין שטעטל, וועגן דער „פּראָפּינאַציע". דאָס שטעטל איז דוקא אין פּרט פון פּרנסה — אַן אידיליע. די מייסטע יידן זיינען בעלי־עגלהס. זונטיק לאָדט מען אויף וועגענער מיט תבואה, מען פאָרט אַריבער דעם „פּאַראָם" איבערן דניעסטער און מען לאָזט זיך אין וועג אַריין צו די גרעסערע שטעט און צו די

שטעטלעך נאָענט ביי די קאַרפּאַטן. פון דאָרט קומט מען פרייטיק צוריק מיט געוועלב־סחורות, דער עיקר מיט נאַפּט און מיט זאַלץ. נישטאָ זיך וואָס צו קריגן. אַלע פאָרן און אַלע נעמען גלייכע פרייזן. אַ לייכטערן גראָשן קאָן מען בלויז פאַרדינען אַרום דעם „סקאַרב״ פונעם פירשט פינינסקי. צום פירשט באַלאַנגען אָן אַ שיעור מאַיאָנטעקס אַרום דעם שטעטל. און פון פאכטן ביים פירשט, און פון צושטעלן דעם פירשט האָט אַ ייד ברייטער פרנסה ווי געוויינלעך.

דער „יאַסניע וויעלמאָזשני״ אַליין וואוינט די מייסטע צייט פון יאָר אין פּאַריז, אויף דער ריוויערא, אָדער סתם ערגעץ אין אַן אויסטערלישן ווינקל פון גאָטס אויסטערלישער ערד. דער מושל איבער די גיטער אין דער היים איז דעם פירשטס שוואָגער סאָלאָווסקי (יידן זאָגן אַרויס „שוואָגער״ מיט אַן איראָנישן קוועטש. סע שטייט זיי נישט אָן דער שידוך מיט סאָלאָווסקיס שוועסטער, וואָס איז געווען אַ קנאַפּע מיוחסת, אַ „פּאָקאָיאָווע״ ביים פירשט). ער איז דער פאַרפאַכטער און ער איז דער איבערנעמער און ער רופט אַרויס קנאה צווישן יידן און אַרבעט אָן מחלוקתן צווישן זיי.

און די ביטערסטע יידישע מחלוקה אַרום דעם „סקאַרב״ האָט סאָ־לאָווסקי בלי ספק אָנגעצונדן דערמיט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אַ שפּיצל דעם ייד חנא און פאַרדונגען די פּראָפּינאַציע דעם ייד משולם. ביידע צדדים זיינען דאָס מאָל געווען מוראדיקע תקיפים און האָבן זיך מיט זייער תקיפות געהאַט אויף וואָס אָנצושפּאַרן. ר׳ משולם — אַ רייכער ישובניק, אַן אָנגעזעענער טשאָרטקאָווער חסיד, אַ באַקאַנטער מכניס־אורח אין דער געגנט, און דערצו אַ ייד, וואָס האָט גערעדט און געשריבן פּויליש; ר׳ חנא — דער ראש־הקהל פון שטעטל און אויך אַ פרומער ייד און אויך אַ טשאָרטקעווער חסיד.

אַז דאָס לאָדעניש אין טשאָרטקעוו האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָר־נישט, האָט ר׳ חנא גענומען ווייזן זיין שטאַרקע האַנט אין קהלשע זאַכן. אין שול און אין בית־המדרש איז פאַר ר׳ משולמען, פאַר זיין ווייב, פאַר זיינע איידעמס און טעכטער, קיין „שטאָט״ נישט געווען. און אין מרחץ, אויף די גליטשיקע, אין הייסן נעפּל איינגעהילטע בענק פון מרחץ, איז עס אַ צייט לאַנג כמעט יעדן ערב־שבת געקומען צו געשלעגן.

אוֹן אִין יֶענֶע טֶעג פוּן הִיצִיקֶער פָּאָלֶעמִיק אִיז מִיר אוֹיסגֶעקוּמֶעי

געבוירן צו ווערן. מילא, פאַרמאַכן פאַר מיר דעם טויער צו גאָטס וועלט, האָט אַפילו ר׳ חנא נישט געקאָנט, אָבער נישט אַריינלאָזן זיין שונאס אייניקל אין בונד פון אברהמען — דאָס איז געווען דעם ראש הקהלס פּעסטער באַשלוס. ר׳ פראַיקע שוחט, וואָס איז אויך געווען דער שטעטלשער מוהל, האָט באַקומען אַ שטרענגען פאַרזאָג, און נישט פאָלגן ר׳ חנאן האָט געמיינט שפּילן מיט דער פּרנסה.

אַוודאי האָט מען געקאָנט שפּאַנען פערד און וואָגן און אַראָפּברענגען אַ מוהל פון אַ נאָענטער שטאָט, אָבער דאָס האָט געמיינט פאַרשעמט ווערן פאַר די געסט און דער עיקר פאַר די קאַלאָמייער מחותנים: אין שטעטל איז פאַרשלאָסן דער וועג צו יידישקייט פאַר ר׳ משולמס אַן אייניקל.

אָפּגעראַטעוועט פון אַ בושה מיין זיידן און מיך, דעם ערב־ייד, האָט טאַקע ר׳ פראַיקע שוחט אַליין. ער איז אין דער לעצטער מינוט געקומען צו לויפן און נישט געלאָזט ביי זיך אַוועקנעמען די מצוה. שפּעטער לאַנג האָט ר׳ פראַיקע גערעדט און איבערגערעדט מיט זיין ווייב. זי האָט זיך געשראָקן אָנצואָווערן די פּרנסה און ער האָט געציטערט אָנצואָווערן די מצוה. און גובר געווען האָט ר׳ פראַיקע, דאָס הייסט, נישט די מורא פאַר פּרנסה, נאָר די להוטקייט נאָך גאָטס געבאָטן.

מיין פעטער ר׳ חיים דרעשער, וואָס האָט ליב געהאַט צו דערציילן די מעשה וועגן דער מחלוקה באריכות און מיט אַ סך זייטיקע פּרטים, פלעגט אַלע מאָל ווען ער איז צוגעקומען צום קאַפּיטל פראַיקע שוחט, צוגעבן פון זיך עטלעכע מאָראַל־פילאָזאָפישע הערות, וואָס האָבן זיך געהערט אַן ערך אַזוי: ווער ס׳איז געווען גערעכט — האָט דער פעטער געזאָגט, — דער זיידע צי חנא, ווייס איך עד היום נישט, און עס איז אויך נישט וויכטיק, וואָרים אַז ס׳איז נישט געווען קיין מחלוקה לשם שמים, איז דאָך דאָס גאַנצע נישט ווערט געווען קיין אויסגעבלאָזן איי. און וואָס שייך נצחון, האָבן ביידע צדדים פאַרלאָרן. דער שווער איז עטלעכע יאָר שפּעטער אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל שטאַרבן, און איז אַוועקגעפאָרן אַן אָרעמאַן; חנא האָט איבערגענומען די פראָפּינאַציע און איז לעבן איר ביז צום טויט קיין עושר נישט געווען.

די איינציקע צוויי, וואָס זיינען אַרויס זיגערס פון יענער שווערער מלחמה אַרום פּיניִנסקיס „סקאַרב״, זיינען געווען פראַיקע שוחט און חנאס

שוואָגער משה הערש. איך מיין צו זאָגן — האָט דער פּעטער ווייטער געטענהט — אַז זייער נצחון איז פאַרבליבן. ס׳איז אַ שבח פאַר די טאַטעס, וואָס די קינדער קאָנען הנאה האָבן נאָכצודערציילן. פּראַיקע האָט גובר געווען די מורא פאַר דער פּרנסה און האָט זיך צוליב דער מחלוקה נישט געלאָזט אַרויסשליידערן פונעם דרך המצוות, און משה הערש האָט געשטעלט העכער דעם מענטשלעכן כבוד ווי זיין קרובהשאַפט מיט חנאן און ווי זיין נאָענטשאַפט צום ראש־הקהל.

אַז אין שול און אין בית־המדרש אַריין האָט חנא דעם זיידן און זיין בני־בית נישט אַריינגעלאָזט, איז געבליבן דער איינציקער מקום קדוש: דער ווישניצער מנין פונעם רבין ר׳ פייוועלע האגער. און דאָרט איז געווען דער גבאי און דער כל ולך: משה הערש.

האָט טאַקע חנא אָנגעזאָגט זיין שוואָגער מיטן האַרבן וואָרט, אַז ער זאָל זיך ניט דערוועגן צו עפענען דעם רבינס מנין פאַר משולמען און זיינס אַ קינד. און משה הערש, וואָס איז בטבע געווען אַ שטילער און אַ קנאַפּער קעמפער, האָט מעיז געווען קעגן חנאן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אויף זיך נעמען די עבירה פון מבייש זיין אַ מענטשן און די נישט ווייניקער גראָבע עבירה פון נישט אַריינלאָזן אַ יידן אין שול אַריין דאַווענען.

קיין גוטס פאַר זיין פּרנסה איז משה הערשן דערפון נישט אַרויס־געקומען, און אי ער און אי זיין ווייב, וואָס איז געווען חנאס אַ לייבלעכע שוועסטער, האָבן פון דער רוגזה אין דער משפחה אַ סך צער געהאַט. אַלץ האָט משה הערש אויף זיך גענומען, אָבער אויף „המלבין פני חברו״ האָט ער נישט עובר געווען און אַ זשאַנדאַר ביי דער טיר פון גאָטס הויז איז ער נישט געוואָרן.

און ווען איך בין דאָ אַנומלט זונטיק געזעסן ביים צונויפקום פון די לאַנדסלייט איז פון איין זייט לעבן מיר געשטאַנען דער זון פון פּראַיקע שוחט און פון דער אַנדערער — דער בכור פון משה הערשן.

איך האָב זיך איינגעקוקט אין זייערע צורות און עס האָבן אויפ־געלעבט די געשטאַלטן פון די צוויי יידן, וואָס איך האָב בלויז קינדוויז געזען און אייגנטלעך קיינמאָל נישט געקענט. איך האָב צוגעטשעפּעט בערד צו די פּנימער פון זייערע זין און האָב מיך פאַרנויגט אויף רעכטס פאַר דעם רויטן, ברייטפּלייציקן יידן מיט מילדקייט אין די אויגן, וואָס האָט

איינגעשטעלט זיין פּרנסה כדי אַריינצושניידן אין מיר די ברכה און די קללה פון יידישקייט, און האָב זיך פאַרנויגט אויף לינקס פאַר דעם יידן, וואָס איז אויך אַ בלאָנדער, נאָר ער האָט שמאָלע אַקסלען און אַ שפּיציקע פאַרטראַכטקייט אין זיין בליק, ווייל ער האָט אויף זיך גענומען דעם צער פון משפחה־רוגז, כדי צו פאַרהיטן מיין זיידן פון פאַרדראָס און פון בושה.

איך האָב זיך געפילט ווי איינער, וואָס צאָלט אָפּ אַן אַלטן ירושה־חוב און האָב געהאַט די הנאה פון צאָלן אים גרינג און פון גאַנצן האַרצן.

פון מילניצע ביז יבנה

א

פאָלג מיך אַ גאַנג פון מילניצע ביז יבנה — פון דער פרום־יידישער חתונה אין איינעם אַ שיינעם זומער־טאָג ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה אין אַ מזרח־גאַליציש שטעטל ביים טייך דניעסטער, ביז צו דער נישט ווייניקער פרום־יידישער חתונה אין איינעם אַ נאָך שענערן האַרבסט־טאָג פון יאָר 1950 אין קיבוץ „יבנה", אויף דער היסטאָרישער ערד פון בן־זכאיס אַמאָליקער יבנה, אין דרום־יהודה.

בלויז פיר צענדליק יאָר אין צייט פון דעמאָלט ביז איצט, אָבער זיכער פיר הונדערט, אויב נישט מער, געמאָסטן מיט יידישער פּיין, מיט יידישער פאָלקס־איבערלעבעניש און מיט יידיש־היסטאָרישער איבער־געשטאַלטונג.

אין אָט דעם שטח פון „פיר הונדערט יאָר" גיט דער זכרון אַ יאָג און אַ לויף דורך ווי פון נעכטן ביז היינט און ער נעמט מיט אויף זיין בליץ־נסיעה אַ שטיק מענטשלעך געמיט, אַ שטיק פון מיין משפחהס און פון מיין אייגענעם לעבן.

„נעכטן" האָט אַ בר־מצווה בחור'ל אויף זומער־וואַקאַציע אין אַ בוקאָווינער דאָרף געלייענט אינאיינעם מיט טאַטע־מאַמע דעם חתונה־בילעט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט „ב"ה, אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים וכו'" און האָט פאַרבעטן אויף איה"ש יום ג' פרשת עקב — צו דער חתונה פון הבחור החתן התורני המושלם ישראל, וואָס וועט זיין אין הויז פון דעם אבי הכלה, הגביר ר' אברהם, אין מילניצע.

צוויי וואָכן שפּעטער האָט לייב דער אייל־פּרעסער איינגעשפּאַנט זיינע לייבישע צוויי קאַשטאַנעס און אָפּגעפירט מיין מאַמען מיט איר בר־מצווה־בחור קיין מילניצע, וואָס אויף יענער זייט דניעסטער, אין

גאַליציע, צו דער חתונה פון איר יונג־פאַרשטאָרבענעם ברודערס יתום, סרול.

פון דער חתונה געדענק איך יידן אין גרויסע שטריימלען, פאַר־רעשטע ווייבער, אַ בדחן, וואָס רופט אויס דרשה־געשאַנק; מיידלעך, וואָס טאַנצן קאַדריל, לויט דער פראַנצויזישער קאָמאַנדע פונעם שטעטלשן טאַנץ־לערער, און זיך אַליין אין מונדיר פון אַ גאַליצישן גימנאַזיסט מיט אַ פּאַפּיר און בליישטיפט אין האַנט — זאַמלען פאַר נאַציאָנאַל־פאָנד.

אָבער מער פון אַלץ און בולטער פון אַלץ זיינען מיר פאַרבליבן אין זכרון צוויי בילדער.

בילד נומער איינס: אַ דאַר־גופיקער, בלייכער חתן ביים טיש צווישן יידן ערב דער חופה. דער חתן זעט אויס אַ פאַרשמאַכטער, די נשמה שטייט אים, ווי מען זאָגט דאָס, אויף דער שפּיץ נאָז. אָבער די יידן אַרום האָבן צייט. זיי סמאַקעווען — ווער תורה־רייד און ווער אַ מסחר־שמועס, און דער עיקר האָט צייט דער רב דמתא, דער מסדר־קידושין. ער האָט שוין געהאַט פאַרטיק די כתובה, אָבער ער שרייבט זי איצט איבער, ווייל ער איז נישט זיכער, צי ביז מען וועט גיין צו דער חופה, וועט נאָך גילטן די צייט פון יום ג׳. מעגלעך, אַז דער בין־השמשות וועט שוין דעמאָלט האָבן אַריבערגעשפּילט אין מיטוואָך אַריין, און דערפאַר — כדי נישט אַריינצופאַלן אין אַ טעות — איז ליבערשט איבערצוּוואַרטן און צו שטעלן די חופה אין דער נאַכט פון יום ד׳. דער רב האָט מסביר געווען דעם ענין. די יידן ביים טיש, מיטן מחותן בראש, האָבן מסכים געווען, און דער חתן האָט, אַ פאַרחלשטער, געשמייכלט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

בילד נומער צוויי: דער כלהס באָבע, אַ קליינינקע זקנה מיט אַ שטיל־פריילעך פּנים, וואָס זעט אויס ווי איינגעראָמט אין אַ שטערנטיכל, טאַנצט פון דרויסן אין שטוב אַריין מקבל פּנים זיין דעם חתן און אים פירן צו דער חופה. און דערנאָך — עס שפּאַנט דער חתן אינדערמיט פון פיל פאָלק איבער דער ווייכער טונקלקייט פון אָנהויב נאַכט, איבער די וועגן לינקס און איבער די וועגן רעכטס, צום מאַרק־פּלאַץ, וואָס מאַכט מיט דעם ביסל פאַרטראָטענעם גראָז צווישן זיינע קיילעכיקע שטיינער דעם אָנשטעל פון אַ לאָנקע. אויף דער „לאָנקע" שטייט אַ חופה, וואָס זעט זיך נישט אַרויס פון דעם מענטשן־געזעמל, נאָר הערט זיך בלויז

אַרויס פון צווישן קעפּ מיט דער פרום־ערנסטער שטים, וואָס לויבט און אָכפּערט דעם, וואָס „האָט באַשאַפן דעם מענטש" און „דערפרייט חתן־כלה", און מיט דעם געפילדער פון „אָמנס" און „מזל־טובס".

ב

אַזוי איז געווען „נעכטן", מיט פערציק יאָר צוריק, ביי דער חתונה פון מיין פעטערס יתום, סרול.

און היינט? היינט זיץ איך אין אַ תל־אביבער האָטעל, און עס קומט מיר אָן אַ חתונה־בילעט, וואָס הויבט זיך אָן ענלעך ווי יענער פון מילניצע, מיט „ב"ה" און „אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי" (אויב איך וועל נישט דערהויבן ירושלים צו שטיין אין סאַמע שפּיץ פון מיין שמחה), און פאַרבעט מיך צו קומען צו דער חתונה פון יתומס יתום, דוד הישראלי, וואָס וועט פאַרקומען איה"ש יום ג', דרייצן טעג אין חודש מרחשון, אין דעם קיבוץ „יבנה".

דאָס לעבן, וואָס האָט געהייסן מילניצע, איישישאָק און קאָלאָמיי, האָט אַ רוצחישער שונא אָפּגעמעקט. עס איז נישטאָ מער. דער חתן פון מילניצע, מיין פעטערס יתום, דער איידעלער וואויל־לערנער ישראל, איז אויפגעגאַנגען מיט כל עדת ישראל אין רויך פון קידוש השם ערגעץ אין די גאַז־אויוונס אַרום דער שטאָט לעמבערג.

פאַרבליבן איז בלויז אַ פלאַטערנדיקער סימבאָל פון ניי יידיש לעבן, דער חתונה־בילעט מיט זיין אַלטן גלויבן אין גאָט און אין ירושלים. איך לייען דעם בילעט און ווער דורכגענומען מיט דעם פּאַטאָס פון די ווערטער, וואָס זאָגן אָן, אַז נישט אַלץ איז פאַרלענדט געוואָרן אין טרויער. וואָרים עס גייט אויף אַ נייע פרייד פון משפחה־קיום, די חתונה־פרייד פון דעם מילניצער יתומס איינציק געראַטעוועטן יתום אין דעם קיבוץ „יבנה".

מיר זיינען אַרויסגעפאָרן קיין יבנה אין דרייען: איך און מיין פרוי און מיין גוטער פריינד, דער דיכטער יעקב פרידמאַן, וואָס האָט אַמאָל געוואוינט אין מילניצע, אין טשערנאָוויץ און אין בוקאַרעסט, און היינט וואוינט ער אויף אַן אייגן שטיקל באַלעבאַטישקייט מיט גרינצייג און מיט הינער אין בית־דגון, אויפן וועג קיין ראשון לציון און קיין „יבנה".

ס'איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ צופאַל, וואָס יעקב פרידמאַן איז מיט

אונדז מיטגעפאָרן. עפּעס אַ צייכן אויפן שאָסיי קיין ראשון לציון האָט דערמאָנט, אַז דאָ נישט ווייט איז בית־דגון, און אַז מיט אַ טאָג אָדער צוויי צוריק האָבן מיר דאָרט פאַרבראַכט אַ מחיהדיקן נאָכמיטאָג מיטן דיכטער, מיט זיין פרוי און מיט דער אויסטערליש־שיינער, צווייפלעריש־פאַרטיפטער פּאָעמע, וואָס פרידמאַן האָט פאַר אונדז געלייענט. מיר זיינען אַראָפּ אַ שטיקל וועגס פונעם כביש, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף יענער זייט בית־דגון, פאַר אַ הויז אויף אַ בערגל מחוץ פונעם דאָרף, און — אַזוי ווי פרידמאַן איז גראָד געווען פריי, האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ און איז מיטגעפאָרן.

אויפן וועג האָב איך פון צווישן מיינע איבערטראַכטענישן וועגן יידישן גורל, וועגן משפּחה־גורל, וועגן „מילניצע און יבנה" — אַלעמאָל געכאַפּט אַ קוק אויפן דורכגייסטיקט־נערוועזן פּנים פון יעקב פרידמאַן, דעם מילניצער רבינס זון, וואָס איז מיט גאָטס חסד געוואָרן אַ פּרינץ פון יידיש־פּאָעזיע, „נישט מער ווי אַ יידישער פּרינץ, וואָס האָט די פאַרפלוכטע שיינקייט פאַרטייוולט האָלד", און איך האָב זיין מיטפאָרן מיט אונדז פון מילניצע קיין „יבנה" דערפילט ווי אַ זכיה.

אין קאָפּ האָבן זיך געוויקלט שורות פון פרידמאַנס פּערטן בריוו, פון זיינע „פיר בריוו צו דער קאַנטעס פון לינץ" וואָס דער דיכטער האָט געשריבן „אויף אַלטן פאַרמעט, אין זיין הייליקן יידישן לשון" —

„...ביי דער וואַנט
האָב איך דערזען מיין זיידנס ווייס געוואַנט,
זיין ווייסן קיטל, מיט וועלכן זיבן דורות זיידעס פלעגן
יום הקדוש צו כל נדרי זיך באַקליידן...
כיהאָב אויפגעציטערט און אויסגעשטרעקט מיין האַנט
און אָנגעטאָן אויף זיך דאָס הייליקע געוואַנט.
און דעמאָלט האָב איך זיך אַליין דערזען
צווישן ווייס־פאַרשנייטע בערגער שטיין —
אַ גרויסער שטאָלצער ייד...
יאָרטויזנטער אַזוי..."

און איך האָב געטראַכט, אַז דער דיכטער יעקב פרידמאַן האָט אין אָט די שורות פון זיין בריוו „צו דער קאַנטעס פון לינץ" ערגעצוואו אויפ־

געכאַפּט דעם היסטאָרישן זין, דעם זין פון יאָר־טויזנטער אַזוי: די חרובע ירושלים אין מילניצע און די חרובע מילניצע אין דער צוריק־אויפגעבויטער הייליקער שטאָט.

פרידמאַנס פּאָעטישע זעאונג און דער פּאָעט־זעער אַליין ביי מיין זייט האָבן באַלויכטן מיט עפּעס אַ באַזונדערן ליכט פון היסטאָרישער זינפולקייט דעם וועג פון מילניצע קיין יבנה. עס איז אין מיר אויפגעגאַנגען אַ האָפערדיקע זיכערקייט, אַז גאָרנישט איז אונטערגעגאַנגען, אַז אַלץ וואָס דאַרף לעבן איז לעבן געבליבן, אַז די אייביקע יידישע שיינקייט פון מילניצע און פון קאַלאָמיי און פון אַלע חרובע שטעט זייערס גלייכן וועט בליען און נישט אויפהערן „בליען ווי דער טייטל" און „וואַקסן ווי דער צעדער" אין די צוריק אויפגעבויטע ירושלימס און יבנהס.

לייב אַליניקס לייבישע פערד פון מיט פערציק יאָר צוריק האָבן מיט מיר איצט אין דמיון גאַלאָפּירט, זיי האָבן מיך געפירט צו דער ק"ק מילניצע דמעלה אין קיבוץ יבנה, אין „יבנה" דמטה.

ג

די צוויי הונדערט חברים פונעם קיבוץ „יבנה" זיינען צום גרעסטן טייל דייטשע יידן. איך ווייס נישט ווי ס'איז געווען אין דער אַמאָליקער יבנה פון בן־זכאי. אָבער דאָ אין דער „יבנה" פון די דייטשע יידן איז דאָ אָרדנונג, איז דאָ ריינקייט און עס איז דאָ סאָלידע באַלעבאַטישקייט. וואו אַ ווענד און וואו אַ קער איז צו זען, אַז מען האָט זיך דאָ מיט גאָר־נישט פאַרלאָזט אויף דער נאַטור. איבעראַל האָבן „יבנה"־חברים צוגעלייגט אַ האַנט. אין יעדן שטיקל געשאָטערטן וועג און אין יעדן שטיקל מיט גראָז־באַוואָקסענעם שטח איז קענטיק מענטשלעכע מי, מענטשלעכע אַרבעט מיט אַ טאַלק.

ווען איך שרייב דאָס קומט מיר אויס מאָדנע, וואָס איך שטרייך דאָס אונטער ביי יבנה. ביי אַנדערע קיבוצים ביי „גבעת חיים", ביי „נגבה", ביי „עין־חרוד", ביי „עין הכרמל" און ביי אַזוי פיל אַנדערע, איז עס דען אַנדערש? אין תוך — מן הסתם נישט, אָבער דאָ זיינען די אָרדענונג און די ריינלעכקייט עפּעס מער אונטערגעשטראָכן, בולטער. דאָ פאַלן זיי אויף. ס'איז ביי מיר נישט זיכער, צי דאָס איז אַ מעלה. גיכער נישט.

וואָרום אַפּילו די העכסטע מידה, וואָס אַ מענטש קאָן דערגרייכן: הייליקייט — וויבאַלד זי פאַלט אויף, באַקומט זי אַ פּגם און הערט אויף צו ווירקן אין איר פולער מאָס.

ביים אַריינפאָר צום קיבוץ קיבוץ האָט אונדז אויפגענומען דעם חתנס אַ חבר, אַ פאַרעשטעטער אָבער פריינטלעכער יונגערמאַן. דער חבר איז אַן אונדזעריקער, אַ פּוילישער אָדער גאַליצישער ייד און ער איז אויך פאַרבונדן מיט דער קולטור־ און דערציאונגס־אַרבעט אין קיבוץ. דערפון זיין נאָענטשאַפט מיטן חתן, וואָס איז איינער פון די לערער אין יבנה.

דער פריינד פירט אונדז אַ שטיק וועגס, איבערן „איזור־מגורים״ (וואוין־קוואַרטאַל), גלייך צום חתן אין צימערל. נישטאָ דאָ די רחבות־דיקע חדרים, ווי ביי ר׳ אברהם בעזנער אין גאַליציע, וואו יידן זיצן און טרינקען לחיים צו אַ פאַרשמאַכטן, בלייכן חתן און כאַפּן אַ הויכן און געשמאַקן שמועס וועגן תורה און וועגן מסחר. אָבער פאַראַן איז אַ מילניצער חתן, ס׳זאַל פעלן אַ האָר. ער איז קליינגעוואוקסיקער ווי זיין פאָטער, און די זעלבע פאַרטראַכטע, וואויל־לערנערישקייט אין פנים און דער זעלבער שעמעוודיקער בליק אין די טונקעלע, גלאַנציקע אויגן.

און פאַראַן איז אַ רב דמתא, אַ מסדר קידושין. דער רב ר׳ שמשון איז דאָס מאָל נישט קיין זקן מיט אַ יאַדישלעוון אונטערהוסט, נאָר אַ הויכער, שיינער יונגערמאַן, מיט אַ קיילעכיק שוואַרץ בערדל און מיט אַ סימפּאַטיש־וואַרעמער און קלאָרער שטים. לויט די יאָרן איז ר׳ שמשון נישט מער ווי עפּעס אַן עלטערער חבר פונעם חתן. און דער לומדישער שמועס, וואָס גייט אָן צווישן דעם רב, דעם חתן און דעם שול־פאַרוואַלטער, טראָגט טאַקע אַ חברישן, אַ מין גלייך־אויף־גלייך כאַראַקטער פון אַ לערנערישן ויכוח צווישן ישיבה־בחורים פון איין און דער זעלבער כיתה. מען הויבט אָן פון דער גמרא, מען דערמאָנט דעם רמב״ם און מען אַנקערט אין זיכערן האָפן פונעם „שולחן ערוך״.

איך הער זיך צו און — אויף וואָס פאַר אַ חתונה בין איך: ביים יתום אין מילניצע, צי ביים יתומס יתום אין יבנה? — דער רב ר׳ שמשון האָט באַשלאָסן, ווי דער מרא דאתרא דעמאָלט מיט פערציק יאָר צוריק, אַז מען דאַרף אָפּלייגן די חופה כאָטש אויף אַ האַלבער שעה און איבערשרייבן די כתובה, ווייל עס איז אַ ספק, צי דער טאָג איז נאָך גילטיק, צי ס׳איז נאָך אויף אַן אמת יום ג׳.

מען האָט אָפּגעלייגט, ווי דעמאָלט, די חופּה פון דינסטיק אויף מיט־וואָך. דאָ אין „יבנה" האָט דאָס „אָפּלייגן" נישט געוועקט אַזאַ אויפריר ביים עולם און נישט צעברויזט די משפּחה־געמיטער מיט אָנונגען און מיט כוונות, ווי אין מילניצע. דאָ איז דאָס „אָפּלייגן" געווען נישט מער ווי אַ האַרב־זאַכלעכע געזעצלעכקייט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן ערגעץ אין דער פאַרהוילנקייט פון אַ בית־דין־שטיבל, ווייט פונעם עולם און אַן אָנקערעניץ מיט זיין געמיט.

בלויז איך, דער בר־מצוה־בחור פון דער מילניצער חתונה און דער מאַן אין „לעצה"־דיקן עלטער דאָ אין יבנה, האָט איבערגעלעבט די מאָדנע איבערחזרונג פון פאַקטן, און מיין געמיט האָט געזוכט זין אין דעם פּלאָנ־טער און אין דער טיפקייט פון צופעליקייט.

(1950)

צוויי באַגעגענישן

א

געזעגן האָב איך מיין געשוועסטערקינד מרדכילען בלויז צוויי מאָל אין משך פון זיין קורצן לעבן פון דרייסיק יאָר.

ס׳ערשטע מאָל מיט צוואַנציק יאָר צוריק ביי מיין טאַטן אין שטוב, אין טשערנאָוויץ און דאָס צווייטע מאָל פאַר דריי יאָר סוכות אין דעם ווינט־פאַרווייטן קיבוץ מנרה, אין די בערג פון נפתלי, ביי דער גרענעץ פון לבנון.

דעמאָלט מיט צוואַנציק יאָר צוריק, זומער 1934, איז ביים טיש אין מיין טאַטנס שטוב געזעסן אַ קליין דאַר בחורל פון אַ יאָר עלף. דער אויבערקערפער האָט זיך פון אונטער דעם הויכן טיש קוים אַרויסגעזען. אויפגעפאַלן זיינען בלויז דעם ייִנגלס גרויסע בלישטשענדיקע, טונקעלע אויגן, וואָס האָבן זיך איינגעבויערט אין די דערוואַקסענע און אין זייערע רייד און האָבן פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן אַ שטומע באַמערקונג אין שמועס — דעם פינקל פון אַ טרער.

מרדכילעס מאַמע, מיין מומע ריווציע, וואָס די משפחה האָט זיך איבערגענומען מיט איר איבערמענטשלעכער געטריישאַפט און מיט איר „מאַנצבילישן קאָפּ", איז יונג געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזט מרדכילען אַ יתום פון אַ יאָר ניין. צוויי יאָר שפּעטער איז אויך דער פאָטער נאָכגעגאַנגען, און מיין טאַטע, דער מומע ריווציעס עלטערער ברודער, האָט אַראָפּגעבראַכט דעם קיילעכדיקן יתום צו זיך קיין טשערנאָוויץ.

צווישן קאָלאָמיי און טשערנאָוויץ איז זיבעט אַן ערך פופצן יאָר שוין געהאַט געשטאַנען אַ מלוכה־גרענעץ און דער עלף־יאָריקער מרדכילע (דער ערשטער נאָמען נאָך מיין זיידן ר׳ מרדכי, יענעם זיידן, וואָס די יידן פונעם קאָלאָמייער ר׳ איציקל־שולעכן האָבן אים געצערטלט מיטן צונאָמען

מרדכי מענטש) איז געקומען פון פּוילן צו זײַן פעטער קיין רומעניע אויף אַ צײַטװײַליקער װיזע.

האָבן דען ייִדן נישט אַלעמאָל געלעבט אויף דער צײַטװײַליקייט פון גויאישע חסדים און געפּרוּװט אַרויסצושלאָגן פון זיי װאָס מער געדויער און, װיפיל עס לאָזט זיך, מער שטענדיקייט?

אַז די צײַטװײַליקע װיזע פאַרן עלף־יאָריקן פּוילישן בירגער איז אויסגעגאַנגען, האָט מען, װי דער שטייגער, אויסגעפּועלט אַ פאַרלענגערונג אויף נאָך צװיי און נאָך צװיי חדשים און דערװײַל אַנגעדונגען דעם „פּרעמדן בירגער" אין חדר און אין שול. אָבער צו מער געדויער װי אַ יאָר האָט זיך די צײַטװײַליקייט פון דעם יתומס װיזע נישט דערשלאָגן. האַרטער װי האַרט איז דאָס מאָל געװען די טשערנאָװיצער פּאָליציי. די אַנטיסעמיטישע שטימונג אין די בוקאַרעסטער רעגירונגס־קרייזן איז געװאָרן אַלץ געדיכטער. די אינסטרוקציעס צו די פּראָװינץ־פּאָרװאַלטער צו היטן די גרענעצן קעגן פרעמדע — אַלץ שאַרפער און קאַטעגאָרישער. און טשערנאָװיץ, װאו ס'האָט נאָך געטליעט אַ רעשטל פון אַמאָליקן עסטרײַכישן לעגאַליזם, האָט די בוקאַרעסטער אינסטרוקציעס גענומען ערנסטער װי יאַס און װי קעשענעװ.

דער צװעלף־יאָריקער „פרעמדער" האָט געמוזט צוריקפאָרן אין „זײַן לאַנד" אַרײַן צו אַ מומע, װאָס האָט געהאַט אַן ענגע דירה און אַ סך אייגענע קינדער און ס'האָט איר געפעלט אי אַביסל צײַט און אי אַ שטיקל פּלאַץ אין שטוב פאַר דער שװעסטערס יתום.

פון יענעם מעת לעת אָדער צװיי, װאָס איך האָב פאַרבראַכט מיט מרדכילען אין טשערנאָװיץ, איז מיר פאַרבליבן דער אײַנדרוק פון זײַן דורכנעמענדיקער שװײַגעניש. איך בין מיט אים געגאַנגען אײַנקויפן עטלעכע קלייניקייטן און דערנאָך פאַרנאַכט־צו אים געפירט קדיש זאָגן אין ר' חיים טשערנאָװיצערס שולעכל אין אַ הויף נישט װײַט אויף דער הויפּט־גאַס. מיר האָבן געשפּאַנט, צװיי לײַבלעכע שװעסטער־קינדער, איינס לעבן ס'אַנדערע, איינער שוין אַליין אַ טאַטע און דער אַנדערער אַ ייִנגל נאָך פאַר בר־מצוה, און האָבן כמעט װי נישט גערעדט.

איך האָב געהאַט אַ באַדערפעניש צו דערציילן מרדכילען װעגן זײַן מוטער, מײַן מומע ריװוציע, װאָס איז אין מײַנע גימנאַזיע־יאָרן אין זיידע מרדכיס הויז געװען אַ צװייטע מאַמע צו מיר. איך האָב אים געװאָלט איבערגעבן די מעשה װעגן זײַן מוטערס געטרײַשאַפט צו מיר, די מעשה

ווי אַזוי איך, אַ קינד פון אַ יאָר אַכט, בין געלעגן קראַנק אויף שאַרלאַך מיט אַ נירן־אַנטצינדונג, און די איינציקע, וואָס האָט געגלויבט, אַז איך וועל געזונט ווערן, איז געווען די מומע ריווקיע. זי איז געזעסן ביי מיין בעט ממש טאָג און נאַכט און האָט אַפילו נישט געלאָזט מודיע זיין מיינע טאַטע־מאַמע. וואָרעם צו וואָס? ס'איז איבעריק. ס'קינד וועט איה״ש געזונט ווערן, וועט מען זיי שרייבן.

און דאָס איז נישט געווען דער העכסטער פונקט פון דער מעשה וועגן דער מומע ריווקיעס אמונה אין מיין געזונט ווערן. ס'איז נאָך פאַראַן אַ העכערער פונקט, וואָס פון אים זיינען די איבער־דערציילער פון דער דאָזיקער מעשה פון מיין יוגנט אַריינגעפאַלן אין אמתער התפעלות.

אַ שכנה, און דווקא אַ היינטוועלטיקע, (איר מאַן איז געווען אַ שרייבער ביים נאָטאַר) איז אַמאָל אַריינגעקומען, האָט דערזען די מומע ריווקיע ביי מיין בעט און זי האָט צו איר אַ זאָג געטאָן מיט ברוגזלעכער פאַרזאָרגטקייט: וואָס האָט איר נישט רחמנות אויף זיך אַליין? וואָס זיצט איר ביי אַ טויטן? האָט בעסער אינזינען די לעבעדיקע.

די מומע ריווקיע איז אויפגעשפרונגען אַ פאַרציטערטע און האָט אָפּגעענטפערט מיט כעס —

„שעמט אייך אַזוי צו ריידן. שלמה איז אַזוי לעבעדיק ווי מיר און נאָך לעבעדיקער ווי מיר. איך ווייס, אַז ער וועט איה״ש געזונט ווערן און וועט זיך אויסלעבן זיינע יאָרן".

דער מומע ריווקיעס גלויבן אין מיין געזונט ווערן און איר וויסיקייט וועגן די יאָרן, וואָס איך וועל מיר אויסלעבן, זיינען עד היום שטעקן געבליבן אין מיין געמיט. איך האָב זיך אויף אָט דער „וויסיקייט" אָנ־געשפאַרט יינגלוויז, ווען כ'האָב זיך געשראָקן פאַר דער שווינדזוכט, וואָס האָט אומגעבראַכט אַן ערך אַ מנין פון מיינע גימנאַזיע־חברים און עטלעכע בחורים אין די שכנישע גאַסן. דערנאָך איז די „נביאות" פאַר מיר געווען אַן אָנשפאַר אויפן פראָנט ביים איסאָנצאָ, ווען כ'האָב געזען אַזויפיל אומקום אַרום מיר. און דער מומע ריווקיעס וויסיקייט איז נאָך היינט אויך ערגעצוואו אַ שטילער אָנהאַלט פאַר מיין האָפענונג זיך „אויסצולעבן די יאָרן".

איך האָב דאָס אַלץ געוואָלט דערציילן מרדכילען, געוואָלט אַרויס־ווייזן פאַר אים מיין דאַנקשאַפט צום אָנדענק פון דער מומע ריווקיע און

איך דאַנק און ליבשאַפט צו אים, דער מומעס פאַריתומטן בן־יחיד. איך האָב געוואָלט און נישט געקאָנט אַרויסברענגען אַ וואָרט פון מויל.

וואָס איז געווען די סיבה? ווען איך טראַכט היינט קריק צו יענעם מאָמענט אויף אַ שטח פון צוואַנציק יאָר קומט מיר אויס, אַז אפשר דער פינקל פון אַ טרער, וואָס איך האָב מיט שעהן צוריק געהאַט געזען אין מרדכילעס אויגן, ווען מע האָט ביים טיש גערעדט וועגן זיין ענלעכקייט צו דער מומע ריווציע. און אפשר איז גאָר די מניעה געווען די גאווה פון אַ דערוואַקסענעם נישט צו קאָנען אַנפאַרטרויען זיינע איבערלעבענישן צו אַ שוועסטער־קינד, וואָס איז מיט אַ פערטל יאָרהונדערט יינגער פון אים.

וואָס דער תירוץ זאָל דעמאָלט נישט געווען זיין, קאָן איך היינט בלויז זאָגן, אַז אַ שאָד, וואָס איך האָב מיך געלאָזט פאַרפירן פון די תירוצים. וואָרעם אַ צווייטע געלעגנהייט צו דערציילן מרדכילען דאָס וואָס כ'האָב אים אַזוי גערן געוואָלט דערציילן, האָב איך נישט מער געהאַט.

ב

ביי דער צווייטער באַגעגעניש אונדזערער, זעכצן יאָר שפּעטער, איז אַוודאי נישט געווען דער מאָמענט און די געלעגנהייט זיך אַריינצולאָזן אין אַ שמועס וועגן דער מומע ריווציעס מקוים געוואָרענער אמונה אין מיין געזונט ווערן.

איך בין געשטאַנען מיט מרדכילען אויפן הויפּטוועג פונעם קיבוץ מנרה פאַרן בנין פון דער „מזכירות" און האָב געזען פאַר מיר אַ שלאַנקן יונגענמאַן מיט אַן עלעגאַנטיש געבויגענער פּלייצע. די שטריכן פון פּנים, דאַכט זיך, די זעלביקע ווי מיט זעכצן יאָר צוריק, אָבער די מראה — די מראה פון אַ חולה מסוכן. די באַקן גרין ווי גראָז און די גרויסע טונקעלע אויגן פון אַמאָל איצט פאַרגאָסן מיט געלקייט.

איך האָב ווידער ווי פאַרלוירן ס'לשון. איך האָב רק געזוכט אין מיר אַ שמץ פון יענעם טיפן גלויבן, וואָס זיין מאַמע, די מומע ריווציע, האָט אַמאָל געהאַט אין מיר און אין מיין כוח געזונט צו ווערן — געזוכט אַ ניצוץ פון יענער אמונה אויף צו קאָנען אָנצינדן אין מיר דעם קלענסטן פלאַם פון האָפענונג, אַז אָט דער זיבן־און־צוואַנציק יאָריקער יונגערמאַן

מיט זיין ווילן צום לעבן וועט האָבן די קראַפט גובר צו זיין די קראַנקהייט.
איך האָב געזוכט אַ פונק גלויבן אין מיר און נישט געקאָנט געפינען. דער מלאך המות האָט פאַרגרימירט דאָס יונגע פנים פונעם חולה מיט אַזעלכע גראָטעסקע טויט־פאַרבן, וואָס האָבן זיך שפּאָטיש אויסגעלאַכט פון גלויבן און פון האָפענונג, אַז אין מרדכילעס גוף קאָן דאָס לעבן נאָך לאַנג אָנהאַלטן.

איך האָב געלייענט און איבערגעלייענט אין קאָפּ די בריוו פון מרדכילען און פון זיין פרוי יהודית, וואָס האָבן מיר דערציילט וועגן אָנקום און וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער קראַנקהייט און האָב דערזען פאַר מיר דאָס גרויסע אומגליק אויף דער וואָר.

קודם מרדכילעס אייגענע בריוו. דער ערשטער פון האַרבסט 1947:
„אין בריאות הגוף איז אויך לעצטנס נישט אין דער בעסטער אָרדנונג. כ׳האָב געמוזט צוליב דעם ענדערן מיין אַרבעט־פּלאַץ. ווייזט אויס, אַז אַלץ וואָס כ׳האָב דורכגעמאַכט אין מיין לעבן איז זיך איצט נוקם אין מיין געזונטהייט.״

דערנאָך, אין אַ בריוו צוויי וואָכן נאָכן אויפקום פון דער מדינה, אין בית חולים אין טבריה: צוריק מיט צוויי יאָר אָנגעהויבן צו ליידן אויף ציין־ווייטיק. מע האָט אַרויסגענומען אַכט ציין. ס׳האָבן זיך געיאָוועט ווייטיקן אין מאָגן. געלעגן צוויי חדשים. נישט געקאָנט אַרויספאָרן פון מנרה. אויפן כביש האָבן געלויערט אַראַבער און מע האָט נישט געקאָנט דורכפאָרן. מע האָט שוין באַוויזן צו באַפרייען דעם כביש און פאַריקע וואָך זיינען אָנגעקומען אויטאָמאָבילן מיט עסנוואַרג און מיט בענזין. איצט אין שפּיטאָל און ער פילט זיך בעסער.

ערשט אַ האַלב יאָר שפּעטער, ווען מע האָט די מאַמע מיט די קינדער עוואַקואירט פון מנרה אין קיבוץ יגור לעבן חיפה, בין איך פון דאָרט, פון יהודיתס בריוו דערגאַנגען ווער און וואָס די קראַנקהייט איז. יהודית שרייבט: „וועגן דער לאַגע אין מנרה אַ פּאָר ווערטער. מיר זיינען אַדורך אַ שווערע צייט, אָבער אַדורכגעקומען. עס איז אַ סך חורבן אין מנרה און אויך היפּשע קרבנות. איצט איז שוין שטיל און זיכער דאָרט, אָבער די קינדער האָט מען נישט אַהיימגענומען. מען וואַרט נאָך. דערוויילע געפינען מיר זיך מיט די קינדער דאָ אין יגור. איך פאָר דריי מאָל אַ וואָך צו מרדכין אין בית־חולים אין חיפה. די דאָקטוירים זאָגן, אַז ער האָט אַ קראַנקע לעבער און אַז געקומען איז דאָס פון זיין אַרבעט אין פּרוכט־

גאָרטן, ווען ער האָט באַשפּריצט דיביימער מיט די גיפטן. זיין לאַגע איז גאַנץ ערנסט. פאַראַן דאָקטוירים, וואָס זאָגן, אַז ער וועט אַרויס דערפון און אַנדערע, וואָס גלויבן נישט אַז דאָס איז מעגלעך — מרדכי האַלט זיך זייער גוט. ער פאַרלירט נישט דעם מוט און האָפט געזונט צו ווערן.״

איך האָב איבערגערעדט מרדכילעס לעבער־קרענק מיט באַפריינדעטע דאָקטוירים אין ניו־יאָרק און — דער אורטייל איז פאַר מיר געווען קלאָר, הגם נישט אַזוי קלאָר ווי שפּעטער, אין יענעם שפּעט־זומערדיקן טאָג אין מנרה, ווען איך האָב דערזען די טויט־קאָלירן אויף מרדכילעס פּנים.

מיר זיינען זאַלבעפערט צוריקגעפאָרן פון אַ טור איבערן עמק. שוין ביים אַרויספאָר פון תל־אביב האָט איך געהאַלטן אין איין טענהן מיט אונדזער נהג, דעם רויט־האָריקן סאַברע און פלמ״חניק, אַז צוליב צייט־מאַנגל וועט מען קאָנען אויסלאָזן וועלכן ס׳איז קיבוץ, נאָר נישט מנרה. דער קפּדניש־פּריינטלעכער סאַברע האָט זיך געדונגען: ווער פאָרט קיין מנרה? ס׳איז ניין הונדערט מעטער הויך. דער וועג איז אַ שלעכטער און די נסיעה אַהין איז אַן אָנשטרענגונג אי פאַר די פּאַסאַזשירן און אי פאַר דעם אויטאָ.

— כ׳האָב אַ שוועסטערקינדל דאָרט, דזשינדזשי — האָב איך באַ־שטאַנען.

— זאָל ער קומען צו אייך קיין תל־אביב — האָט דער שאָפער מיך פאַרזאָרגט מיט אַן עצה.

— ער איז קראַנק — האָב איך געענטפערט.

— ווער גלויבט אַ יונגן קיבוצניק, אַז ער איז קראַנק? — האָט דער נהג זיך געחכמהט, און אין דער חכמה איז געווען אַ שפּאָר ביסל ערנסטער מיין — אָדער ער וויל זיך אויסרוען אָדער ער איז ברוגז מיטן מזכיר.

דער נהג אַליין איז דערנאָך ווייכער געוואָרן. אָבער דערעיקרשט איז געווען גוט, וואָס אונדזערע מיטפאָרער האָבן אונדז צוליב דוקא אויך געוואָלט פאָרן קיין מנרה. און קעגן הסכם כולם האָט דער שאָפער אודאי נישט געקאָנט באַשטיין.

דער נהג האָט מיט גאָרנישט מגזם געווען. דער סערפּענטינען־וועג

קיין מנרה איז געווען אָן אָנשטרענג אי פּאַר די פּאַסאַזשירן און אי פֿאַרן אויטאָ. מיר האָבן אַלע היפּשלעך אונטערגעקרעכצט.

לאַנג האָבן מיר אין מנרה נישט געקאָנט בלייבן. וואו איבערצו־נעכטיקן איז נישט געווען און דער אָוונט האָט געהאַלטן אין צופֿאַלן.

מרדכילע איז געווען גליקלעך וואָס מיר זיינען געקומען. און דער קורצער שמועס מיט אים האָט זיך געדרייט אַרום איין ענין. ער האָט זיך געקלאָגט וואָס מיין טאַטע, דער דוד (פֿעטער) איציע, איז שוין דאָ אַ צוויי, דריי יאָר אין לאַנד און ער, מרדכילע, האָט אים נאָך נישט געזען.

— אין גלות — האָט מרדכילע אַ שטילן שמייכל געטאָן, און דער שמייכל האָט מיך אויפֿגעשווידערט מיט זיינע אומהיימלעכע פֿאַרבן — האָט די רומעניש „סיגוראַנצע" זיך אָוועקגעשטעלט צווישן מיר און פֿעטער איציע, און דאָ, אין יידישן לאַנד, טוט מיין קרענק די פּאָליציייסקע אַרבעט.

— און דער פֿעטער איציע האָט אויך זיין אייגנס אַ פּאָליסמאַן: די עלטער, וואָס לאָזט אים נישט אַרויספֿאָרן פֿון גבעת־שמואל — האָב איך געפּרואווט אָנהאַלטן דעם חכמהדיקן טאָן פֿונעם שמועס.

ג

צווישן דער ערשטער באַגעגעניש אין טשערנאָוויץ און דער צווייטער אין מנרה, איז געלעגן די גרעסערע העלפֿט פֿון מרדכילעס לעבן און דער סאַמע גרעסטער טייל פֿון זיין באַוואוסטזיניקן לעבן.

אַ היפּש ביסל פֿון די שווערע איבערלעבענישן, וואָס דער גורל האָט אַזוי שפּעדיק אַריינגעשפּאַרט אין די זעכצן יאָר, האָט מרדכילע געפּרואווט איבערגעבן אין זיינע בריוו צו מיר.

לייענענדיק מרדכילעס בריוו און דערנאָך די בריוו פֿון זיין חברטע יהודית, האָב איך געטראַכט: רבש"ע, וואו איז אַהינגעקומען די יידישע עקספּאַנזיוויקייט פֿון געפֿיל און וואָרט? איך מיין יענע נטיה ביים יידישן בחור פֿון מיין צייט און פֿון מיינע גאַליציש מקומות צו געבן דעם וואָרט (רעדנדיק אין שאַד־ברעט־לשון) אַ טורעם־פֿאָרויס ביים שפּיל מיט די מעשים.

ווען איינער פֿון אונדזער דור, וואָס האָט פֿאַרלעבט אַ יוגנט פֿון אַזוי

פיל ציוניסטישע רייד און חלומות, באַגעגנט זיך מיט דעם חלוצישן געמיט און וואָרט פון אַ מרדכילע און פון אַ יהודית, גייט אין אים אויף אַ שאַרף געפיל פון זינדיקייט, פון „על חטא שחטאנו בגוזמא״. אַ העלפט פון די רייד (געוויינטלעך שלאָגט מען דאָך זיך אַליין מיט איינזעעניש), וואָס מע האָט גערעדט און געשריבן וועגן אידעאַל און וועגן אידעאַליזם, זיינען געווען איבערגעטריבן און איבעריק.

אָנהויבן, הויבט זיך אָן מרדכי׳לעס וועג קיין מנרה אין איינעם אַ ווינטער־טאָג פון 1939 אין דער סאָוועטיש־אָקופּירטער קאָלאָמיי, ווען ער גנבעט זיך פאַרטאָג אַרויס פון דער מומעס שטוב אָן אַ „זיי געזונט״ און לאָזט זיך אינאיינעם מיט עטלעכע אַנדערע חלוצים „צו־פוס״ קיין ארץ ישראל. דער „צו־פוס״ האָט זיך געשלעפּט אַמאָל מיט אַקס און אַמאָל מיט דער באַן, אָבער מייסטנס טאַקע ממש צו־פוס און האָט זיך דער־שלעפּט צו די חלוצים־צענטערן אין צפון־פוילן. אין קאָוועל טרעפט ער זיך מיט יהודיתן. פון דאָרט דערגייט מען קיין ווילנע און פון ווילנע מיט נסימדיקע דרכים קיין ארץ ישראל.

אין ארץ ישראל אַ קורצע צייט אויף הכשרה און דערנאָך איז ער אין אַ חברותא פון עטלעכע צענדלינג בחורים און מיידלעך עולה אין 1943 אויף התישבות אויף איינעם פון די באַרג־שפּיצן פון די הרי נפתלי — קיין מנרה.

פאַרוואָס אַהין? דעם פאַרוואָס איז מסביר דאָס ספר „מנרה בימי קרב ומצור״ (מנרה אין צייט פון קריג און באַלאַגערונג), וואָס איז אַרויס אין תש״י.

„מנרה איז געווען איינער פון די ערשטע באַרג־ישובים אין לאַנד און איז אויך דערמיט געווען ווי אַ בשורה פון אַ נייעם וועג אין התישבות. ביז דעמאָלט זיינען מיר דער עיקר געזעסן אין די טאָלן און ביים ברעג פונעם ים. אָבער דער באַרג איז געווען פרעמד. פון די בערג פלעגן אַראָפּגיין אין די נעכט באַנדיטן צו באַפאַלן די ישובים אין טאָל און אַהין, אין די בערג, האָבן זיי זיך ביי זון־אויפגאַנג צוריקגעצויגן. און פון טאָל האָבן זיך אויגן מיט שרעק אָנגעהאַנגען אין באַרג און מתפלל געווען: הלוואי וואָלטן מיר געזעסן אויפן שפּיץ פונעם באַרג, וואָרום נאָר דעמאָלט וועלן מיר קאָנען זיצן רואיק אין בליענדיקן טאָל. און מנרה איז געווען דער אָנהייב. מיט איר האָבן מיר גענומען שאַפן דעם גאָרטל פון

זיכערקייט אין די בערג פון נפתלי, די היטער פון אונדזער לאַנד פון צפון־זייט.״

און ווי אַזוי האָט אויסגעזען מנרה ביי בראשית און פיר יאָר נאָך בראשית? וועגן דעם שרייבט מיר מרדכילע אין אַ בריוו פון אָנהויב 1947 אַזוי:

„אין משך פון די פיר יאָר, וואָס מיר געפינען זיך דאָ האָבן מיר נאָך פיל נישט דערגרייכט. ס׳איז נישט פאַראַן קיין וואַסער־קוואַל נאָענט און ס׳איז נישט פאַראַן קיין אויסזיכטן צו געפינען וואַסער. ווינטער־צייט זאַמלען מיר רעגן־וואַסער אין גרויסע גריבער. אויב ס׳טרעפט זיך אַ ווינטער מיט ווייניק רעגן, מוזן מיר מיט אונדזער אויטאָ פירן וואַסער פון 15 ביז 20 קילאָמעטער די ווייט. פון די 2,500 דונאַם קומען אין באַטראַכט צו באַאַרבעטן אינטענסיוו 1,500 דונאַם, אי דאָס נאָך פיל הכשרת הקרקע (הכשרת הקרקע הייסט בעיקר אָפּרייניקן די ערד פון די שטיינער) און אויף די איבעריקע טויזנט דונאַם פלאַנצן מיר אַ וואַלד. די מערסטע חברים אונדזערע שטאַמען פון פוילן און פון דייטשלאַנד. ס׳זיינען אויך דאָ ארץ־ישראלדיקע צווישן אונדז. דער דורכשניטלעכער עלטער איז צווישן צוויי־און־צוואַנציק און פיר־און־צוואַנציק יאָר. אונדזער קיבוץ ציילט העכער הונדערט מיטגלידער און פופצן קינדער ועוד ידינו נטויה. בכלל קאָן איך אייך זאָגן, אַז דאָס לעבן אין ארץ ישראל איז נישט לייכט און בפרט אין מנרה. אָבער מיר מוזן זיך באַגנוגענען מיט ווייניק. מיר האָבן דאָ אָנגעהויבן פון בראשית. מיר בויען דאָ אַ נייע היים פאַר אונדז און פאַר די וואָס וועלן נאָך קומען.

דער לעצטער זאַץ איז דעם חלוץ פון מנרה אויסגעקומען צו פּאַטעטיש. באַוואָרנט ער זיך קעגן דער גוזמא: „כ׳מיין אַז איך בין געוואָרן באַרעדעוודיק איבער דער מאָס. ווי קלערט איר?״

איך קלער, אַז עס איז איבער דער מאָס פון אכזריות אַפילו פאַרן יידישן גורל, וואָס ער האָט זיך אַזוי ביטער אַ שפּיל געטאָן מיט מיין געשוועסטערקינד, דעם יתום מרדכי בן שמואל, האָט אים דעם איינציקן אָפּגעראַטעוועט פון אַ גרויסן משפּחה־אומקום, אים געמאַכט פאַר אַ שותף צו אַ גרויסער נאַציאָנאַלער בויאונג, און אים דערנאָך ווי אַ לוין אָפּגעמוטשעט פינף יאָר אין אַ שווערן טויט־געראַנגל און פאַריתומט זיין זיבן־יעריק טעכטערל.

און איך קלער, אַז לעבן מרדכילעס פּריצייטיקן טויט אין עלטער פון דרייסיק יאָר איז אפשר דאָס טרויעריקסטע דער אגב אורחאדיקער זאַך, וואָס איך האָב איצט געפונען אין די צניעותדיקע, פון גוזמא אַזוי אויסגעהיטענע, בריוו פונעם חלוץ פון מנרה.

עס שרייבט מרדכילע אין איינעם אַ בריוו פון סוף 1951:

„אויב מיר איז באַשערט צו שטאַרבן וואָלט איך וועלן אָנזאָגן, אַז נעמילע זאָל בויען איר היים נישט אין מנרה. איך וואָלט וועלן, אַז זי זאָל פילן אַביסל מער וואַרעמקייט ווי איך האָב געפילט אין מיין לעבן.״

(1954)

מיטן אַנדערע

די באַלאַדע פון מיין חבר שמאי

א

געדענקט איר די סצענע אין אַנסקיס „דיבוק", ווען אַ יידענע אין גרויס פאַרצווייפלונג לויפט אַריין אין בית־המדרש, רייסט אויף דעם אָרון קודש און נעמט יאָמערן און בעטן אַ רפואה פאַר אירס אַ נאָענטן מענטש, אַ חולה מסוכן?

עס איז אַ רעאַליסטישע סצענע, אַ בילד אויסגעשניטן פון וואָרן לעבן אין אַלע „ארבע ארצות" פון דער אַמאָליקער יידישער מזרח־אייראָפּע.

איך אַליין האָב אין דער שטאָט פון מיין יוגנט נישט איינמאָל ביי־געוואוינט אַזעלכע „אויפרייסענישן פון ארון־קודש" אין דער קאַמינקער שול, וואו ס'איז געווען מיין ערשטער גמרא־חדר, און אין דער אַטיניער קלויז, וואָס איז געלעגן וואַנט ביי וואַנט מיט מיין צווייטן גמרא־חדר און אין ר' איציקל־שולעכן, וואו ס'האָט געדאַוונט מיין זיידע ר' מרדכי.

אַ טייל פון די „אויפרייסער"־געשטאַלטן גייען נאָך מיין געמיט עד היום. איך זע, די פאַרצערטע און צעווייטיקטע יידישע ווייבער און מאַמעס, אַריינפליען אין קלויז אַריין ווי צעשראָקענע פייגל אויף די פאָלעס פון זייערע שאַלן און זיך אַראָפּלאָזן ביים ארון קודש אויף די פלאַטער־פליגל פון זייערע קאָפּטיכלעך.

די פנימער פאַרשפּיצט, די ליפּן בלייך און ציטערדיק, און די אויגן — רוישנדיקע בוכן טרערן. אָבער פון די „בוכן" שטייגט אויף ווי עפּעס אַ מיסטעריעזער גיבור, אַ חלפדיק־שאַרפער בליק, וואָס רופט אַרויס, שרייט, מאָנט און פאָדערט — גערעכטיקייט.

אַרויסגיין, גייען דערנאָך אַרויס, די „ארון־קודש־רייסער", פון קלויז מיט פאַמעלעכע, סטאַטעטשנע טריט און כמעט תמיד מיט אַ באַרואיקט געמיט. עס איז גלייך ווי דאָס האַרץ מיט זיין דינעם חוש השמיעה זאָל

דאָרט, אין דער טיפעניש פון ארון קודש, האָבן דערהערט אַ פאַרבאָרגענע שטים מיט אַ גוטן, אָדער כאָטש מיט אַ האַלבוועגס גוטן צוזאָג.

אויף דער וואָר פון לעבן ענדיקט זיך די סצענע מיט אָפּטימיסטישער אילוזיע סיי פאַר די ראַנגלער און סיי פאַר די צוקוקער, אָבער אויף די ברעטער פון אילוזיע־שפּיל, פון אַנסקיס „דיבוק״, ווערט באַלד קלאָר דער טראַגישער אמת פונעם גזר, וואָס איז נישט אָפּצואווענדן.

ווען די פאַרצווייפלטע מאַמע אין „דיבוק״ האָט פאַרענדיקט איר יללהדיקע מאָנונג ביים ארון־קודש און פאַרלאָזט אַ באַרואיקטע דעם בית־המדרש, שטעלט זיך אויף דער משולח, דעם גורלס אומהיימלעכער העראָלד, און איז מוסר מודעה, אַז דער פסק איז אויך דאָסמאָל נישט אַנדערש ווי טויט. וואָרום אייביק, אומברחמנותדיק און נישט אָפּצובעטן איז דער גזר, אַז קיין נשמה קאָן נישט אַראָפּנידערן אויף דער וועלט, איידער אַ צווייטע האָט די וועלט נישט פאַרלאָזן.

לויט אָט דעם גלויבן, וואָס דאָס יידישע פאָלקס־געמיט האָט אים איבערגענומען פון קבלה־מקורות, הערשט אין אונדזער וועלט אַזאַ מין טראַגישע רוים־ענגשאַפט, וואָס מאַכט אוממעגלעך דעם אויפקום פון אַ ניי לעבן איידער אַן אַנדער לעבן האָט דורך זיין אויסלעש פאַר אים פריי געמאַכט דאָס פּלאַץ.

נאָך מער ווי אין דער גאָרער וועלט פון פיזישער עקזיסטענץ איז די ענגשאַפט אין שטח, ווייזט אויס, צוגעשפּיצט און טראַגיש־שאַרף אין דער קליינער וועלט פון דעם מענטשנס גייסטיקער שעפערישקייט.

און נישט אַנדערש, נאָר מיט אַ באַזונדערער אכזריות איז דער גזר פון פריי־מאַכן אַ פּלאַץ פאַר אַ נייער נשמה שולט אין יידיש־פּאָעטישן גאָרטן.

צוויי יידיש־פּאָעטן פון איין און דערזעלבער משפחה אין איין דור?! האַרט און אומברחמנותדיק האָט זיך דער גזר אַראָפּגעלאָזט אויף דעם עלטערן און אים פּאָעטיש אויסגעלאָשן כמעט צום טאָג און צו דער שעה ווען זיין קרוב מיט דעמזעלבן משפחה־נאָמען האָט דיכטעריש גענומען אויפגיין.

ב

מיין גימנאַזיע־חבר שמאי מאַנגער איז געווען מיט זיבן יאָר עלטער פון איציק מאַנגערן און געשריבן האָט ער לידער ביז צום סאַמע לעצטן יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, דאָס הייסט, ביז צו יענער צייט ווען דער זיבעצן־יאָריקער איציק האָט גענומען אַרומוויזן אין יאָס זיינע ערשטע, שוין פון סאַמע אָנהייב אָן כישופדיקע, לידער און באַלאַדן.

דאָס לעצטע ליד זיינס האָט מיין חבר שמאי מאַנגער פאַר מיר געלייענט ביי איינער פון אונדזערע באַגעגענישן אויפן עסטרייכיש־אי־טאַליענישן פראָנט, ערגעצוואו אויפן מאָנטע לעמערלע אין דרום־טיראָל, אָדער אין די בערג ביי די ברעגעס פון איסאָנצאָ, אין דער געגנט פון טריעסט. איך געדענק וועגן דעם ליד בלויז אַזויפיל, אַז עס איז געווען אַ באַלאַדע, און ווי מיר דוכט זיך היינט, היפש אין נוסח פון איציק מאַנגער. די באַלאַדע האָט דערציילט וועגן אַ זעלנער, וואָס דאָס ליכט פון דער לבנה האָט אים ביינאַכט אַרויסגעפירט פון די טראַנשייען און ער בלאָנדזשעט זינט דעמאָלט אַרום צווישן די פראָנטן אין אַ געמיט, וואָס פאַרשטייט נישט און פרעגט און טענהט זיך אויס מיט ליכט און פינצ־טערניש וועגן דעם אומזין פון קריג און טראַנשייען. און נאָך געדענק איך, אַז די מוזיק פון וואָרט און פערז אין דער באַלאַדע האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויף מיר און די אַנדערע צוויי, דריי צוהערער, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען אַלעקסאַנדער גראַנאַך, וואָס האָט אונדז, די קליינע קאָלאָמייער סטודענטן־חברותא אין יענע איסאָנצאָ־קאַווערנעס, מיט היפש איראָנישן ביטול און מיט אַ סך עלטער־ברודער־ליבשאַפט גערופן „די גאַליצישע פילאָזאָפן".

און געבליבן איז מיר, פאַרשטייט זיך, פון דער לייען־סצענע אויך אין זכרון אַלעקסאַנדער גראַנאַכס דראַמאַטיש־שוישפילערישער זשעסט, וואָס האָט אונדז „פילאָזאָפן" פאַרשאַפט דעם נחת פון אַ שפּאָטישן שמייכל. אַז שמאי מאַנגער האָט פאַרענדיקט לייענען די באַלאַדע האָט אים גראַנאַך אַרומגעכאַפּט און געפּרואווט געבן אַ קוש אין שטערן, אָבער זיין קלוגער שוישפּילערישער אינסטינקט האָט אים, מיט דער פאַרשפּעטיקונג פון בלויז איין קליינער רגע, אונטערגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך באַנוגענען מיט

דעם אונטערשטן טייל פון מאַנגערס באַק, ווייל ביז צום שטערן האָט דער קליינגעוואוקסיקער גראַנאַך נישט געקאָנט גרייכן.

דאָס איז, ווי געזאָגט, געווען די לעצטע באַגעגעניש מיינע מיט דעם דיכטער שמאי מאַנגער.

ווען איך האָב זיך מיט אים צווייט, דריי יאָר שפּעטער נאָך דער מלחמה געטראָפן צום ערשטן מאָל אין ווין, האָב איך פון טשערנאָוויץ מיט־געבראַכט מיט זיך די בשורה פונעם אויפגייענדיקן פּאָעט איציק מאַנגער, אָבער שמאי מאַנגער איז געווען אויס דיכטער. ער האָט מיר קורץ און מיט נערוועזער זאַכלעכקייט דערציילט, אַז ער שרייבט מער נישט קיין לידער, אַז ער אַרבעט אין אַ באַנק און פאַרדינט גאַנץ שיין און אַז ער פאַרפעלט נישט קיין זונטיק (ס'איז געווען ווינטערצייט) צו „לויפן סקי" אויף די בערג אַרום ווין, און ער האָט מיר דערביי מיט שטאָלץ געוויזן די שווערע שיך פון אַ באַרג־קלעטערער און די סקי־נאַרטעס, וואָס ער האָט אַנומלט געהאַט איינגעהאַנדלט.

איך קוק זיך איין אין מיין חבר שמאי מאַנגער, דעם איבער נאַכט געוואָרענעם ליידנשאַפטלעכן באַרג־קלעטערער און סקי־לויפער, און איך ווער פאַרכאַפּט פון דער ענלעכקייט און אויסזען צווישן אים און איציק מאַנגערן. שמאי איז פּונקט אַזוי הויך ווי איציק און אפשר עפּעס העכער; דיזעלביקע קוטשעראַווע האָר, הגם פון אַ העלער פאַרב. און מער ווי אַלץ זיינען זיי זיך ביידע ענלעך מיט די לאַנגע, אַביסל אומבאַהאָלפענע הענט, מיט די נערוועזע באַוועגונגען פון קאָפּ און גוף און, איך וואָלט געזאָגט, מיט דעם אומגעדולדיק־גראַציעזן טראָט פון אַ קאַדריל־טענצער, וואָס איילט זיך פון זיין ריי אַרויס צום אַקעגנאיבער. און שמאיס קול איז טאַקע הייזעריקלעך און עס פעלט אים די מעלאָדישע האַרמאָנישקייט פון איציקס שטים, אָבער ביידע האָבן זיי ביים רעדן דעמזעלבן אָנגע־שטרענגט־קאָנצענטרירטן אויסדרוק אין פּנים. עס איז די אומגעמיטלעכע מינע, נישט פון איינעם, וואָס וויל זיך גוט צוהערן צום מיטשמועסער, נאָר די אָנגעשפּיצטקייט אויסצוהאָרכן זיך אַליין, די אייגענע געדאַנק־און וואָרט־אינספּיראַציע.

איך האָב שמאין געפּרוווט דערציילן וועגן דעם יונגן דיכטער איציק מאַנגער און וועגן דעם אומגעווייטלעכן דערפאָלג און וועגן דער אויס־נעמלעך־גיכער אָנערקענונג, וואָס ער האָט דערגרייכט ביי זיך אינדערהיים אין יאַס און אין טשערנאָוויץ. אויך אין דעם זענט איר איך ענלעך — האָב

איך געזאָגט צו שמאי מאַנגער — איציק האָט געוואונען אַזאַ גיכע אָנער־קענונג ווי דו ביי דיין פּאָעטישן אָנהייב, ערב דער וועלט־מלחמה, אין קאָלאָמיי און אין לעמבערג.

איך האָב געפּרואווט דערציילן, אָבער דער פּרואוו איז געווען אַ נישט־געלונגענער. שמאי האָט עס געהאַלטן פאַר גוזמא און האָט ביטולדיק געשמייכלט. אָבער נאָך מער ווי דאָס: ער האָט זיך אין תוך נישט צוגעהערט, נישט ווען איך האָב גערעדט וועגן איציקן און נישט ווען איך האָב ציטירט שורות פון זיינע באַלאַדן.

אָבער טאָקע ווייל מיך האָט געאַרט שמאיס פּלוצעמדיקע איבער־געביטנקייט און דערעיקרשט זיין אומווילן צו מיינע רייד וועגן איציקן, האָב איך אים, גלייך איך זאָל געווען זיין איבערצייגט אַז ער מוז עס וויסן, מיט היפּש פאַרדראָסיקער דירעקטקייט געפרעגט: און וואָס קער ער זיך אָן מיט דיר, איציק מאַנגער?

— אויב ער איז אַ סטאָפּטשעטער — האָט שמאי וואויליונגעריש אַ הויב געטאָן די אַקסלען און פון זיין מויל האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט אַ שפּיציק און עפּעס ווי אַן אָנגעווייטיקט געלעכטערל (אויך דעם הויב מיט די אַקסלען און דאָס שפּיציקע געלעכטערל האָבןביידע מאַנגער־פּאָעטן געהאַט בשותפות) — און שטאַמט פון בעל־עגלהס איז ער מיינער אַ קרוב.

— מיר שטאַמען אויך — האָט שמאי ווייטער גערעדט — פון די סטאָפּטשעטער בעל־עגלהס. אָבער איינער פון מיינע זיידעס איז געווען אַ הויף־ייִד ביים רודניקער פּריץ באַראָן מאָיסי, וואָס פלעגט דעם זיידן אויפנעמען יעדן אינדערפרי אין בית־הכסא, און מיינע טאַטע־מאַמע זיינען געוואָרן אָרעמע קרעמערס און שענקערס אין זאַבעלטאָוו, און — דאָ האָט זיך שמאיס פּנים ממש פאַרקרומט צערדיק — קרעמערס זינגען נישט. און טאָמער זינגען זיי יאָ — האָט שמאי סאַרקאַסטיש געצישעט — האָב איך פיינט זינגנדיקע קרעמערס. געזאַנג איז פאַר בעל־עגלהס, פאַר בעל־מלאכהס, אָבער נישט פאַר קרעמערס, נישט פאַר שענקערס און אַוודאי נישט פאַר הויף ייִדן, וואָס דער פּריץ נעמט זיי אויף אין בית־הכסא.

ג

איציק און שמאי האָבן זיך נישט געקענט און האָבן זיך קיינמאָל נישט באַגעגנט. אָבער איציק, דער זון פֿונעם בעל־עגלהשן און בעל־מלאכהשן צווייג פֿון דער מאַנגער־משפּחה, וואָס צו אים איז איבערגעגאַנגען דער רוח־הקודש פֿון שירה, האָט שוין, וויזט אויס, ערגעצוואו אין איינעם פֿון זיינע פֿריִע לידער געהאַט די זעאונג סיי פֿון דער דרויסנדיקער און סיי פֿון דער אינעווייניק־איבערגעביטענער געשטאַלט פֿון זיין אין וועג פֿאַרבליבענעם פֿאָעטישן משפּחה־פֿאַרגייער.

אין דער „האַרבסט־באַלאַדע", וואָס איז אַריין אין זיין צווייטער לידער־זאַמלונג „לאַמטערן אין ווינט" (וואַרשע, 1933), האָט איציק מאַנגער זיך שפּאַסיק צוגעטראַכט אַ זיידע, אַן ערצבישאָף יאָהאַן מאַנגער, וואָס —

הויך און מאָגער איז זיין געשטאַלט
און שמעקט מיט נאָוועמבער אין וואַלד.

אַזוי האָט אויסגעזען שמאי מאַנגער. ער איז געווען הויך און מאָגער, און נישט נאָר האָבן די האָר פֿון זיין קאָפּ געהאַט אַ רויטלעך־געלע פֿאַרב פֿון פֿאַרוויאַנעטע בלעטער, נאָר עס האָט פֿון אים נשמהדיק געשמעקט מיט נאָוועמבער אין וואַלד. עס האָט פֿון שמאי מאַנגערס געמיט געוויִעט מיט האַרבסטיקן טרויער און פּריציייטיקער קוהלת־שטימונג ווען ער איז געווען אַ יידיש־פּאָעט אין קאַלאָמיי, און עס האָט פֿון אים געבלאָזן ערשט רעכט מיט דעם טרויער און מיט דער טרייסטלאָזיקייט פֿון וואַלדיקן נאָוועמבער ווען ער האָט מער נישט געשריבן קיין יידיש־לידער און האָט שוין געהייסן נישט שמאי, נאָר יאָהאַן אין ווין, זשאַן אין פּאַריז און דזשאָן אין ניו יאָרק און האָט זיך אונטער די אַלע נעמען איינגערעדט אַ ליידנשאַפֿט צו ספּאָרט און צו פֿיזישער קולטור.

יאָ, אויך דעם נאָמען פֿון זיין אומבאַקאַנטן, פּלוצעם אַנדערש גע־וואָרענעם, פּאָעטישן משפּחה־פֿאַרגייער האָט דער רוח הקודש נישט אַנ־דערש ווי אונטערגעזאָגט איציק מאַנגערן.

מיין יוגנט־פֿריינט שמאי מאַנגער איז, חלילה, נישט געוואָרן אויס ייד און האָט במילא נישט געקאָנט ווערן קיין ערצבישאָף. אָבער פֿונ־דעסטוועגן האָבן די פֿערזן פֿון זיין קרוב, דעם דיכטער איציק, געטראָפֿן נישט בלויז אין פּינטל אַריין פֿון שמאיס דרויסנדיקן אויסזען און פֿון

זיין נייעם נאָמען, נאָר אויך ערגעצוואו אין זיין „ערצבישאָפלעך" געוואָרענעם געמיט —

און ער שטרעקט אויס זיין מאָגערע האַנט צו מיר
און וויל מיך שלעפן אין אַ מאָנאַסטיר.

פאַר די אַלע עטלעכע און דרייסיק יאָר זינט ער איז געוואָרן אויס יידיש־פּאָעט, ד. ה. פון סוף 1918, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פונעם מלחמה־פראָנט און האָט זיך באַזעצט אין ווין און ביז זומער־צייט 1953, ווען ער איז איינזאַם און עלנט אויסגעגאַנגען אויף אַ שפּיטאָל־בעטל אין דער ווייטער מערב־אַמעריקאַנישער שטאָט ספּאָקיין, האָט שמאי מיט זיין „מאָגערער האַנט" געשלעפּט זיך אַליין און געפּרואווט מיט זיין וואָרט אויך שטויסן אַנדערע אין „מאָנאַסטיר", כ'מיין צו אָפּגעפרעמדקייט און צו דערווייטערונג פון יידיש לעבן און פון יידישן שטייגער.

און איך וויל זיך בפירוש אויסהיטן פון צו זאָגן אַז שמאי מאַנגער האָט אין די לעצטע עטלעכע און דרייסיק יאָר פון זיין לעבן פיינט געהאַט יידן און יידישקייט, אָבער דער פּיינפולער אמת איז, אַז זיי זיינען אים נישט ניחא געווען. די ווערטער פון אַנטי־יידישער שאָדן־פרייד וועגן דעם, אַז „די זשידלאַקעס ווייסן נישט אַפילו", וואָס איציק מאַנגער לאָזט ביים סוף פון דער „האַרבסט־באַלאַדע" זאָגן זיין „זיידן, דעם ערצבישאָף יאָהאַן מאַנגער" — אַזעלכע ווערטער האָב איך פון שמועסן מיט שמאין און פון זיינע עטלעכע געציילטע בריוו צו מיר אַרויסגעהערט, אמת, זעלטן אות באות, אָבער זייער אָפט טאָן בטאָן.

ביי מיינע באַגעגענישן מיט שמאין אין ווין און אין ניו־יאָרק האָט ער מיט פאַרדראָסיקער ביטערקייט גערעדט וועגן יידן און וועגן, מייסט אויסגעטראַכטער, שלעכטער באַציאונג צו אים מצד יידן, און מיט נישט ווייניקער פאַרדראָסיקן ביטול וועגן יידיש־ליטעראַטור און וועגן יידישער שעפערישקייט בכלל.

אָבער טאָמער האָט ער זיך אַמאָל פאַרגעסן און דער שמועס האָט זיך קעגן זיין כוונה אַוועקגעדרייט פון די אַלע טובות, וואָס גויאישע פריינט האָבן אים געטאָן און פון די מעשות וועגן דער וואַרעמער צונויפגעלעבטקייט מיט זיי ביי בשותפותע ספּאָרט־אונטערנעמונגען, און זיך דערעיקרשט אַוועקגעבויגן פון די אַלע בייזע שפּיצלעך, וואָס זיינע יידישע פריינט, קרובים, באַקאַנטע און סתם יידן האָבן אים, להיפוך צו די גויים, רק

געהאַלטן אין איין אָפּטאָן — דעמאָלט האָט זיך שמאי מאַנגער צערעדט וועגן יידישע שרייבער און זייערע ווערק, וואָס ער האָט אין פאַרבאָרגעניש פאַר זיך און פאַר זיין בייזן ביטול צו יידישער שאַפונג, געלייענט, ווייזט אויס, מיט הנאה.

צוויי זיינען געווען זיינע ליבלינגס־שרייבער: דער פּראָזאַאיקער דוד בערגלסאָן און דער דיכטער משה לייב האַלפּערן. וועגן אַ דריטן, וועגן איציק מאַנגערן, האָט ער פּלייסיק אויסגעמיטן צו רעדן. און אַז שמאי האָט גערעדט וועגן ליטעראַטור איז זיין אורטייל געווען בליציק און שאַרף און — מ׳האָט זיך מיט בענקשאַפט דערמאָנט אין יענעם שמאי מאַנגער, דעם יונגן דיכטער פון ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה אין קאָלאָמיי, וואָס האָט געשריבן שיינע לידער און האָט געפינקלט מיט איבעראַשנדיקע פאָרמולירונגען וועגן שרייבער און ביכער.

איך ווייס נישט צי עס איז געווען אַ צופאַל אָדער אַ כיוון וואָס ביי איינעם פון די לעצטע שמועסן אין ניו־יאָרק, ווען שמאי האָט זיך פאַר אַ ווײַלע פאַרגעסן און גערעדט וועגן ליטעראַטור, האָט ער ציטירט אויף אויסנווייניק אָט די עטלעכע שורות פון משה לייבס ליד, „פאַרדאַמט זאָל זיין דער פראַזן־דרעשער״ —

דער וויסטער שאַנד־נאָמען אינטעליגענט
וועט דעמאָלט בלויז ווערן אָנגעווענדט
אויף דעם, וואָס וועט פאַרדינען דעם טויט,
דעם טויט, — ווייל ער האָרעוועט נישט אויף זיין ברויט.

און ער, שמאי, האָט עס אי געהאַלטן פאַר אַ לעבנס־פּרינציפּ צו האָרעווען אויפן ברויט און אי אַז די האָרעוואַניע זאָל זיין נישט פון אַן אינטעליגענט, נאָר פיזישע אַרבעט. ער האָט דאָ, אין ניו־יאָרק, הגם ער האָט געקענט גוט ענגליש, אַחוץ אַנדערע שפּראַכן, בשום אופן נישט געוואָלט זוכן קיין „אינטעליגענטע אַרבעט״. די היפּשע עטלעכע חדשים, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ניו־יאָרק, נאָך זיין אָנקום אַהער אין 1947, איז ער געווען אַ געשיר־וואַשער און אַ קעלנער.

ער איז געווען, שמאי, אַ מאַן פון אינטעלעקט און פון בילדונג, ער איז געווען אַ חריפותדיקער ליטעראַטור־מבין און — אַ ייד פון זאַבעלטאָוו און פון קאָלאָמיי.

און ער האָט זיך באַצויגן מיט ביטול צו אינטעלעקט און צו בילדונג,

האָט גערעדט מיט ביטערקייט וועגן ליטעראַטור און דערעיקרשט — ער האָט נישט געהאַט קיין גוט וואָרט פאַר יידן.

אין די עטלעכע חדשים אין ניו־יאָרק האָט ער „ווידער געהאַט אַזויפיל שלעכטע דערפאַרונגען מיט יידן, אַזויפיל בייזע שפיצלעך האָבן אים אָפּגעטאָן די ברויט־און קעז־און מילך פאַרקויפערס און די בעלי־בתים פון די רעסטאָראַנען, וואו ער האָט זיך פאַרדונגען צו אַרבעט", אַז ער האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די יידישע ניו־יאָרק און צו אַנטלויפן אַזש קיין ספּאָקיין, וואו ער האָט געהאַט אַ נאָענטן פריינט, אַ נישט־ייד, וואָס מיט אים האָט ער אינאיינעם געוואָגלט אין די היטלער־יאָרן איבער דרום־פראַנקרייך און איבער צפון־אפריקע.

איך האָב געהאַט ס'געפיל אַז אינטעלעקט און ליטעראַטור זיינען ביי שמאין פסול געוואָרן, ווייל ער האָט זיי געהאַלטן פאַר יידישע ענינים.

און אויף יידן האָט שמאי געהאַט אַ הארץ, ווייל דער יידישער גאָט האָט אים געטאָן אַן עוולה, וואָס קיין גרעסערע איז נישט געמאָלט: ער האָט אים געשענקט די פּריווילעגיע פון שעפערישקייט און האָט זי ביי אים צוגענומען און זי אַוועקגעגעבן אַן אַנדערן פון זיין משפחה, איידער שמאי האָט געהאַט צייט זיך אַנצואוואַרעמען מיט דער געטלעכער מתנה און צו געניסן די פרייד פון זיין געזאַלבטקייט.

וואָס קאָן זיין אַ גרעסערער פאַרדראָס, און — לאָמיר זיין גערעכט — אַ מער באַרעכטיקטער פאַרדראָס קעגן גאָט און קעגן זיין אויסדערוויילט פאָלק, ווי שמאי'ס מאַנגערס פאַרדראָס?

ד

ביי אונדז, דער יידישער גימנאַזיע־יוגנט פון קאָלאָמיי ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז שמאי מאַנגער געווען אַ געזאַלבטער. מיר האָבן אים געגעבן פולע אָנערקענונג און מיר האָבן געגלייבט אין זיין פּאָעטישער צוקונפט.

מיר האָבן זיך דערביי נישט סומך געווען בלויז אויף זיך אַליין, בלויז אויף אונדזער אייגענער מבינות. ווען איך זאָג מיר, מיין איך, אין ערשטער ריי די דריי, וואָס האָבן אינאיינעם מיט שמאין אָנגעפירט דעם סטודענטישן זעלבסט־בילדונג־קרייז „פּאַלעסטינע" און האָבן זיך באַגלייך

מיט אים געשניטן אויף שרייבער. איך בין דער לעצטער פון די פיר, פאַרבליבן, ווייזט אויס, אויף צו דערציילן וועגן זיי.

(דער בריט־ביינערדיקער, אַביסל אָפּגעלאָזענער בנימין פריז, וואָס איז געווען דער דראַמאַטורג און טעאַטראַל צווישן אונדז, איז געפאַלן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער עלעגאַנטער און געפּוצטער מעזונעק פון רייכע טאַטע־מאַמע, הענריק זיסקינד, האָט געהאַט השגות מער פון אַ ליטעראַטור־אָרגאַניזאַטאָר ווי פון אַ ליטעראַרישן שעפער. זיסקינד האָט נאָך דער מלחמה געלערנט און זיך באַזעצט אין דייטשלאַנד. ער איז געוואָרן אַ קאָמוניסט און האָט אָנהויב די דרייסיקער יאָרן פאַרנומען דעם הויכן פּאָסטן פון שעף־רעדאַקטאָר פון דער טאָג־צייטונג „די ראָטע פאַנע“, וואָס איז געווען דער קאָמוניסטישער צענטראַל־אָרגאַן אין דייטשלאַנד. וועגן זיסקינדס סוף דערציילט יאַן וואַלטין אין זיין באַוואוסטן בוך „אויט אָף דהי נאַיט“, אַז ס'איז געווען אַ קאָמוניסטישער סוף. מ'האָט אים אין 1933 אַרויסגערופן קיין מאָסקווע און — ליקווידירט).

מיר, די דריי פון דער „פּאַלעסטינע“, האָבן גענומען פאַר שמאי מאַנגערן סמיכה ביים גרשום באַדער פון אונדזער דור, ביי מרדכי הערש טאַקערס זון, אַנטשעל, וואָס האָט שוין דעמאָלט געהייסן ד״ר אַנזעלם קליינמאַן, איז געווען אַן אַדוואָקאַט אין קאָלאָמיי און אַ שטענדיקער מיט־אַרבעטער פונעם „לעמבערגער טאָגבלאַט“.

און ד״ר אַנזעלם קליינמאַן האָט אונדז נישט נאָר פאַרזיכערט, אַז שמאי איז אַ גרויסער דיכטער און מיט אונדז געמאַכט פּלענער אַרויסצו־געבן זיינס אַ ביכל לידער תיכף נאָך דער „מאַטורע“, נאָר ער האָט אויך דערציילט ד״ר נתן בירנבוימען וועגן דעם קאָלאָמייער דיכטער־נס און — אויך ד״ר בירנבוים האָט געגעבן סמיכה.

ד״ר נתן בירנבוים איז געקומען קיין קאָלאָמיי אין די אָנהויב־טעג פון 1914 לויט דער פאַרבעטונג פון אַ פאַראייניקטן געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, וואָס האָט צוגעגרייט פאַר אים אַ יום־טוב לכבוד זיינע פופ־ציק יאָר.

האָט ד״ר בירנבוים אויפגענומען דעמאָלט ביי זיך אין האָטעל שמאי מאַנגערן און מיך אין דער באַגלייטונג פון ד״ר אַנזעלם קליינמאַן, און שמאי האָט פאַר אים געלייענט לידער. איך געדענק די סצענע ווי היינט: ד״ר בירנבוים אין אַ לעדער־פאָטעל מיט דער האַנט אָנגעשפּאַרט אויפן טיש. פון זיין פּנים ווייעט אויף אונדז מיט פּאַטאָס, מיט גרויסקייט. ער

הערט זיך צו, גלעט מיט דער אַנדערער האַנט די שיינע, לאַנגע באָרד און פּאָרציט נאָך העכער, זיין הויכן, מעכטיקן שטערן און — ער זאָגט אין זיין דעמאָלט נאָך שטאַרק דייטשמערישן יידיש: זייער גוט, נאָר אַביסל ווייניקער נאָכטאָן די גוים, אַביסל מער יידיש־תוכיקער, מער יידיש־אתה־בחרתנודיק (בירנבוים איז דעמאָלט געווען אין די סאַמע איבערבראָך־טעג פון ראַדיקאַליזם צו פרומקייט).

שמאי איז געוואָרן בירנבוימס אַ הייסער חסיד און האָט די לידער, וואָס ער האָט נאָך דעמאָלט אין ערב־מלחמה־יאָר באַוויזן צו דרוקן אין „לעמבערגער טאָגבלאַט״, געחתמעט מיטן פסעוודאָנים הלל אַכעראָוויטש. דאָס האָט געזאָלט זאָגן, אַז דער דיכטער האַלט זיך פאַר אַ תלמיד פון מתתיהו אחר.

איך בין, פאַרשטייט זיך, אויך געווען באַגייסטערט, אי פון בירנבוימען און אי פון שמאיס לידער. אָבער וואָס שייך די באַגייסטערונג פון מיין דעמאָלטיקער זיבעצניאָריקייט פאַר די לידער, מאַכט מיך היינט אויף דער דיסטאַנץ פון פולע פערציק יאָר צוריק אומזיכער דער פאַקט, וואָס קיין איין סטראָפע און אַפילו קיין איין שורה איז מיר פון יענע לידער ניט פאַרבליבן אין זכרון.

ה

ווען איך האָב מיט צוויי יאָר צוריק ס׳לעצטע מאָל געזען שמאין דאָ, אין ניו־יאָרק, האָבן מיר געווינטעוועט יענע קאָלאָמייער זכרונות, און זכרונות זיינען כמעט אַלעמאָל אַ סגולה ווייכער צו מאַכן ס׳געמיט.

שמאי האָט געסמאַקעוועט די דערמאָנונג וועגן ד״ר קליינמאַנס און דערעיקרשט וועגן ד״ר בירנבוימס אָנערקענונג פון זיין געוועזענער פּאָעטיש־קייט און — ער האָט גערעדט, אָדער געוואָלט רעדן מיט אַ בעסער האַרץ וועגן יידן.

און דווקא די גוטע רייד זיינע וועגן יידן האָבן איבערגעריסן דעם לעצטן פאָדעם פון חברשאַפט צווישן אונדז.

ס׳איז געווען אַזוי: שמאי האָט געפּראַווט פאַרטיידיקן דעם פאַקט, וואָס יידן זיינען אַזוי ווי זיי זיינען אין זיינע אויגן, און האָט מיר גענומען איבערדערציילן די מעשה וועגן פילאָזאָף קראַטעס און דעם מוזיקער ניקאָדראָמאָס, וואָס אונדזער קלוגער היסטאָריע־לערער סטאַניסלאַוו ווערבער

פלעגט ליב האָבן אַזוי אָפּט צו דערציילן. דער מוזיקער ניקאָדראָמאָס האָט אַמאָל ביי אַן איבערשמועס אַזוי ביטער צעשלאָגן דעם פילאָזאָף קראַטעס, אַז זיין פּנים איז פאַרלאָפן געוואָרן מיט געשווילעכץ און מיט בלוט.

קראַטעס האָט באַשטראָפט דעם שלעגער דערמיט, וואָס ער האָט זיך באַפעסטיקט אויפן שטערן אַ שילדל מיט דער אויפשריפט: „ניקאָדראָמאָס עפּאָיעי" (ניקאָדראָמאָס האָט דאָס געטאָן).

שמאַיס נמשל איז געווען, אַז אויך די יידן וואָלטן געדאַרפט טראָגן אַזאַ שילדל אויפן שטערן מיט אַן אויפשריפט, אַז נישט זיי אַליין נאָר די פעלקער פון דער וועלט זיינען שולדיק, וואָס די יידישע נשמות זיינען צעקרומט און צעבראָכן.

און פּלוצעם אַ ביטער שמייכעלע אויף שמאַיס פּנים און ער איז מוסיף: אָבער וויכטיק איז נישט דאָס שילדל וועגן ווער ס'האָט געשלאָגן, נאָר דער רעזולטאַט, דער „וואָס".

מיך האָט דער נמשל מיטן צוגאָב אונטערגעצונדן. אפשר בין איך געווען אומגערעכט און צו שאַרף ווען איך האָב שמאַין אַזוי רואיק ווי כ'האָב נאָר געקאָנט געזאָגט, אַז ווי איך זע אים איצט, האָט ער אין די קנאַפּע פערציק יאָר זינט זיין לעצטער באַלאַדע אויפן איטאַליענישן פראָנט, באַוויזן צו זיין צו זיך אַליין אי ניקאָדראָמאָס און אי קראַטעס, דאָס הייסט, דער שלעגער און דער צעשלאָגענער, און אַז די אַלע ביי־טערע רייד זיינע זיינען אַ שילדל פון פיינלעכער אויטאָ־באַשולדיקונג און פון נאָך מער פיינלעכער זעלבסט־באַרעכטיקונג.

שמאַי האָט נאָך יענעם שמועס פאַרבראַכט נאָך וואָכן און, דאַכט זיך, אַפילו חדשים אין ניו־יאָרק, אָבער ער האָט מיר מער נישט טעלע־פאָנירט און איך האָב אים קיינמאָל מער נישט געזען.

אין ספּאָקיין איז ער, ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, געווען אַ לערער פון שוועדישער גימנאַסטיק און דאָרט, אין דער ספּאָרט־שול, האָט ער אין איינעם אַ טאָג פון פאַרגאַנגענעם זומער געקראָגן זיין פאַטאַלע האַרץ־אַטאַקע.

(1953)

הוגאָ גראָציוס און דער ווישניצער רבי

א. נאַטור־רעכט און חסידות

מיין פריינט מעם אַלעף איז זינט איך געדענק אים „געפאָרן" צו צוויי רביים — צו הוגאָ גראָציוס און צו ר׳ ישראלציע ווישניצער.

דער האָלענדישער געלערנטער און הומאַניסט גראָציוס, וואָס איז געווען אַן עלטערער בן־דור פון שפינאָזען, האָט סטימולירט און געשאַרפט מיין חברס יורידישן מוח; דער ווישניצער צדיק ר׳ ישראלעניו, וואָס איז געווען אַ בן־עיר און אַ פריינט פון מעם אַלעף׳ס פאָטער, האָט געוועקט און געוואָרעמט מיין חברס יידיש געמיט.

די „שבחי גראָציוס", האָט מעם אלף איבערגעגעבן אין אַ ריי אינטערעסאַנטע יורידישע אַרבעטן, אין וועלכע ער האָט מיטן כוח פון זיין רבינס תורה געפּרוווט באַגרינדן די גילטיקייט אָוועקצושטעלן אויך געוויסע ריין פּריוואַט־רעכטלעכע אינסטיטוציעס אויף אַ בשותפותן צווישן־מלוכהשן, אינטערנאַציאָנאַלן יסוד. און דער טעאָרעטישער פונדאַמענט פון יעדן אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ, אויך אויפן געביט פון פּריוואַט־רעכט — האָט זיך מעם אלף געמיט צו באַווייזן אין זיינע חריפותדיקע מאמרים — קאָן זיין אַ געזיכערטער בלויז דעמאָלט, ווען מ׳גייט אַרויס פון אַן איינגעבוירענעם געזעלשאַפטלעך־מאָראַלישן פּרינציפּ פון דער מענטשלעכע טבע, ווי עס האָט דאָס געלערנט הוגאָ גראַציוס, דער גרויסער לערער פון נאַטור־רעכט מיט דריי הונדערט יאָר צוריק.

די שבחים פונעם ווישניצער רבי האָט מיין חבר מעם אַלף ניט באַשריבן אין קיין ספרים. ער האָט זיי בלויז איבערדערציילט פאַר אייגענע און פאַר נאָענטע אין דער היים ביי זיך, און ביי פריינט, און אַמאָל אויך ביי אַ מסיבה אין אַ היימלעכן ווינער קאַפע־הויז.

ס׳האָט אויך אין ווין ניט געמאַנגלט מיין חבר אין חסידישן ברען, ווען ער האָט גענומען איבערגעבן דעם רבינס אַ תורה, אָדער איבערזינגען דעם רבינס אַ ניגון.

אָבער דאָ אין ניו יאָרק נאָך אַלע חורבנות, פון וועלכע מ׳האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט, און נאָך אַלע טויטן, מיט וועלכע מ׳איז אַרומגערינגלט, איז פון דעם חסידישן ברען ביי מיין חבר געוואָרן ממש אַ פייער. עס איז אַ שטיל און אַן אומעטיק פייער. אַמאָל פלעגט מעם אלף ריידן העכער און זינגען מיט „מער קול״. היינט דערציילט ער איבער דעם רבינס ווערטער און זינגט איבער זיינע ניגונים, אַזוי צו זאָגן, בלחש. מיין חברס שטים איז געוואָרן די שטים פון אַן אָבל צו אבלים.

און אָט די בלחשדיקע שטים גליט מיט הויכער טעמפּעראַטור. עס איז די טעמפּעראַטור פון אמונה, פון דער טיף־ערנסטער אמונה, מיט וועלכער מעם אלף זאָגט נאָך דעם רבינס רייד און תפילות.

מעם אלף איז קיינמאָל קיין אפּיקורס ניט געווען. ער האָט, ווי איך געדענק, אויך אין ווין אָפּגעהיט שבת און אַ היפּש ביסל אַנדערע מצוות מעשיות. אָבער פונדעסטוועגן, ווען איך פלעג אים דאָרט הערן דערציילן דעם רבינס אַ תורה און נאָכזינגען דעם רבינס אַ תפילה, האָב איך ניט געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָ זאָגט און זינגט אַ גלויביקער ייד. איך האָב אין מעם אלף׳ן געזען איינעם פון די „נעאָ־חסידים״ פון אונדזער דור, וואָס סמאַקעוועט מער די ליטעראַרישע שיינקייט פון דער חסידישער מעשה ווי איר פרומע טעאָלאָגיע.

דאָ אין ניו יאָרק הער איך זיך צו מיין חברס חסידישע מעשות און צו זיינע חסידישע זמרלעך און — אַן אַנדערע געשטאַלט, אַן אַנדערער קלאַנג.

עס דערציילט אַ בנעימותדיקער, אָבער הייס־גלייביקער חסיד אָן דער מינדסטער מחיצה צווישן זיך און דעם טעאָלאָגישן תוכן פון די ווערטער.

אָבער דוקא דער גלייביקער חסיד פונעם וויזשניצער רבין פאַרגעסט אויך נישט אין דער אַנדערער פרומער ליבשאַפט זיינער, אין דער ליב־שאַפט צום רבין הוגאָ גראַציוס. מעם אלף׳ס פּראָפעסיע אין אַמעריקע קער זיך נישט אָן מיט יוריספּרודענץ. בלויז פון צייט צו צייט כאַפּט מיין חבר אויף אַ וויכטיקע אַנטשיידונג פון אַ הויכן געריכט אין לאַנד און באַלויכט זי קריטיש על פּי גראַציוסעס נאַטור־רעכטלעכער שיטה.

און דערעיקרשט געדענקט מיין חבר אין גראַציוסן גראַד דעמאָלט ווען ער דערציילט אַ מעשה פונעם וויזשניצער רבי. עפּעס אַ דין ניואַנסירט געפיל פון געטריישאַפט זאָגט אים אונטער נישט צו פאַרגעסן אין איין ליבע, ווען ער איז אַריינגעטאָן אין דער אַנדערער.

אין די ווינער יאָרן האָט גראַציוס מיט זיין נאַטור־רעכט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין מעם אַלפס גייסטיקן לעבן, און דעם וויזשניצער רבינס תורה האָט געמוזט וואַרטן אויף אַ מסיבה מיט היימישע מענטשן, כדי צו קומען צום וואָרט.

דאָ איז פונקט פאַרקערט. דער וויזשניצער מיט זיינע רייד און ניגונים האָט פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע געמיט און גראַציוס איז געוואָרן אַ באַשיי־דענער ווינקל־זיצער אין מיין חברס טראַכטענישן. האָט מעם אלף דאָס אינזינען און וואו עס לאָזט זיך נאָר פאַרבעט ער גראַציוסן וואָס נענטער צום טיש.

אַ צו לאַנג־אָטעמדיקער להבדיל איז ניט נייטיק. וואָרים גראַציוס איז דאָך, כידוע, געווען אַ גרויסער יידישקייט־קענער און איינער פון די חסידי אומות העולם פון זיין צייט און — אַחוץ אַלעמען זעט מיין חבר אַ בפירושע נאָענטקייט צווישן גראַציוסעס שיטה פון נאַטור־רעכט און דער חסידישער תורת הלב.

די נאָענטקייט, האַלט מעם אלף אין איין טענהן מיט מיר, באַשטייט קודם כל אין דעם וואָס נאַטור־רעכט און חסידות האָבן אָפּגעשאַפט די מחיצה צווישן דעם מענטש און דעם גרויסן אייביקן אמת.

על פי חסידות איז גאָט אַזאַ נאָענטער און לעבעדיקער יש פאַרן מענטש, אַז יעדע האַרץ־עכטקייט קאָן צו אים דערגיין און אים רופן אָן איבעריקע קאָמפּליקאַציעס און עטיקעטעס. עס איז געגוג, אַז דער פרום־געמיטיקער דאָרפס־בחור, וואָס קען ניט קיין עברי, אָבער זיין האַרץ איז ריין און עכט, זאָל אַריינלייגן צוויי פינגער אין מויל און אַ פייף טאָן, און — ער איז דערגאַנגען, ער האָט גערופן און מ׳האָט אים געענטפערט.

און על פי דער תורה פון נאַטור־רעכט ? ווי אין דער חסידישער לעגענדע דאָס האַרץ, אַזוי קאָן לויט דער נאַטור־רעכט־טעאָריע דעם מענטשנס שכל מיט איין פייף פון די טיפענישן דערגיין צום אמת פונעם וועלט־סדר.

עס זיינען איבעריק אַלע פאַרדרייטע וועגן און אומוועגן פון אויס־

געקליגלטע סברות און השערות מכוח דעם תוך פון די באַציאונגען צווישן יחיד און כלל און צווישן יחיד און יחיד אין דער וועלט.

דעם מענטשנס פשוטער שכל דאַרף בלויז „אַריינלייגן צוויי פינגער אין מויל" און אָנפּניה׳דיק און עכט און ממעמקים אַ רוף טאָן צום אמת און ער וועט אים ענטפערן, אַז —

אַלע מענטשן זיינען גלייך און פריי על פּי באַשאַף.

די פּראָקלאַמירונג פון די מענטשן־רעכט אין פראַנקרייך און אין אַמעריקע איז אין תוך געווען ניט עפּעס אַנדערש ווי אַ „פייף מיט צוויי פינגער אין מויל", וואָס דער „דאָרפס־בחורשער מענטש", אַ מידער און אַ פאַרצווייפלטער פון דער האַרבער עברי און פון אַלע ביזאַיצטיקע תפילות, האָט אַרויסגעלאָזט ווי אַ רוף און ווי אַ געבעט צום געזעלשאַפטלעכן אמת פון דער וועלט.

אונטערן בעש"ט און זיין חסידות איז דאָס האַרץ פונעם יידישן דאָרפס־בחור אַריבערגעפלויגן איבער אַלע בערג מיט שווערער עברי און איבער אַלע ווענט מיט צערעמאָניאַלן און האָט דערגרייכט צו גאָט.

אונטער גראַציוסן און זיין נאַטור־רעכט האָט זיך דער שכל פונעם פראַנצייזישן „דאָרפס־בחור" דורכגעריסן דורך אַלע דזשאַנגלען פון פּאַראַגראַפן און טעאָריעס און איז אָנגעקומען גלייך אין געצעלט אַריין פון דער וועלטס געזעלשאַפטלעכן אור־אמת.

אַזוי האָט מיין חבר מעם אלף צונויפגעפלאָכטן און צונויפבאַהעפט אין זיין געמיט און אין זיין מחשבה חסידות און נאַטור־רעכט ממש ווי אַ פסוק מקרא מיט תרגום.

פאַר יעדן זאַג פונעם וויזשניצער רבין, וואָס מעם אַלף האָט נאָכ־געזאָגט האָט ער אין גראַציוסעס נאַטור־רעכט געפונען אַ „יאָ" און אַ „טאָקע" און אַמאָל אויך פאַרקערט. אַמאָל האָט ר׳ ישראַלציע וויזשניצער מיט זיינע תורהס מחזק געווען דעם געדאַנק פון מעם אַלפס יורידישן רבי.

ב. די מצווה פון דער טיפעניש

ס׳איז געווען נאָך היפּשע עטלעכע וואָכן פאַר די ראש־השנהדיקע תקיעות, ווען מעם אלף האָט מיך ביי אַ גלעזל טיי מהנה געווען מיטן וויזשניצער רבינס נוסח פון „למנצח לבני קרח, מזמור" און פון „מן המצר

קראתי יה״, ווי ער געדענקט אים פון יענע אומפאַרגעסלעכע ראש־השנהס און גרויסן שאַלאַש פון רבינס קלויז, וואו טויזנטער אָנגעפּאַרענע חסידים האָבן געלעכצט, האָבן מיט ציטערניש דערוואַרט און זיך צוגעהערט צו ר׳ ישראלציעס קול, וואָס איז געווען זיס און ווייך און — האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד.

און דערנאָך — נייך, ס׳איז דאַכט זיך געווען אין מיטן פונעם נאָכ־געזאַנג, האָט זיך מיין חבר דערמאָנט, ווי דער ווישניצער רבי פלעגט ניט אויפהערן צו שמועסן מיט זיין טאַטן וועגן דער באַוואוסטער מימרא פון ר׳ אליעזר אין מסכתא פסחים, אַז „שליחי מצוה אינם ניזוקים״ (אין שליחות פון אַ מצוה ווערט מען ניט געשעדיקט).

אָן שום לכאורהדיקער סמיכות הפרשה, סיידן אין שייכות מיט דער פסיכישער שטימונג פון דער „מן המצר״־תפילה און אין שייכות מיט פאַרבאָרגענע לעבנס־דערפאַרונגען, וואָס די שטימונג האָט ביי אים אַרויס־געבראַכט, האָט מעם אלף פלוצעם געגומען דערציילן ווי ר׳ ישראלציע ז״ל האָט נישט געליטן די הלצות, וואָס מ׳האָט ליב צו מאַכן אַרום דער דערמאָנטער מימרא פון ר׳ אליעזר.

דער ווישניצער רבי האָט אַלעמאָל פונדאַסניי געגעבן צו פאַרשטיין מעם אלפס פאָטער, אַז וויבאַלד אַ יחיד אָדער אַ כלל גייט אין שליחות פון גאָטס געבאָט קאָן ער ניט ליידן קיין שאָדן. דער באַדינג איז בלויז, אַז די מצוה דאַרף ניט זיין קיין דרויסנדיקע און קיין איבערגענומענע, עלעהיי דאָס געבאָט, וואָס אַ זעלנער נעמט ביי זיין קאָמאַנדיר, נייערט די מצוה מוז זיין אַ לעבעדיקע, אַן אינעווייניקסטע, אַן אויסגעהאַרכטע פון דער אייגענער נשמה־טיפעניש, אַ מן המצר׳דיקע, און דעמאָלט — דעמאָלט קאָן די מצוה איר שליח קיין שאָדן נישט ברענגען. די מצוה איז אַ גאַראַנטיע פון דער שליחות.

און אָט די תורה וועגן דער עכטער ממעמקים־מצוה, וואָס באַהיט איר שליח פון ניזוק ווערן — האָט דאָס שטיל־אומעטיקע, אייביק פאַרזאָרגטע פנים ביי מיין חבר אַ שיין געטאָן — קומט זיך אין תוך צונויף מיט גראָציוסעס נאַטור־רעכט.

ס׳איז פשוט, וואָס פשוטער קאָן נישט זיין. אַזאַ אויסטייטש פון „שליחי מצוה אינם ניזוקים״ איז בפירוש על פי נאַטור־רעכט. וואָרים, וואָס האָט דען גראָציוס געלערנט אויב ניט דאָס, אַז נאָר דעמאָלט קאָן אַ פרינציפ פון יוריספרודענץ, פון געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, זיין אמתדיק

און זיין אַ גאַראַנטיע פאַר דער זיכערקייט פון כלל און יחיד, ווען זיין מקור איז נישט עפּעס אַ דרויסנדיקער צוואַנג און עפּעס אַ „היסטאָרישע אַנטוויקלונג״, נאָר די מענטשלעכע נאַטור גופא, דאָס הייסט ווען די מצוה, דער געבאָט פון דעם געזעץ קומט פון אַזאַ לעבעדיקער און עכטער טי־פעניש ווי די מענטשלעכע טבע, ווי דער מנטשלעכער שכל הישר.

די יוריספּרודענץ וואָס קוואַלט אַרויס פון יענעם אינעווייניקסטן, פון צייט און היסטאָריע אומאָפּהענגיקן שכל הישר (ווי, למשל, די גלייכהייט און פרייהייט פון דעם מענטש, די פרייהייט פון די ימים וכו׳) — זי פאַרמאָגט הונדערט־פּראָצענטיקע געזעלשאַפטלעכע און יחידישע זיכער־הייט, און אירע שליחים, די שליחים פון אַזעלכע מצוות קאָנען נישט ניזוק ווערן.

אין מיינע אויגן האָט מעם אלף מן הסתם דערזען פּרעגצייכנס — פּרעגצייכנס פון חידוש און פון ספק און ער האָט אַלץ פעסטער און פעסטער געגומען אונטערבויען זיין געדאַנק. זיי וויסן, האָט ער צו מיר געזאָגט, אַז איך מיין דעם ענין פשוטו כמשמעו: מיט אַזאַ מצוה פון האָרץ און פון שכל הישר האָט נאָך קיין שום כלל און קיין שום יחיד קיין שאָדן נישט געליטן. און נישט בלויז קאָן מען מיט אַזאַ געבאָט פון האָרץ נישט ליידן קיין שאָדן, נאָר מע דערגרייכט אויך ביודעים ובלא יודעים דעם שכר פון דער מצוה.

איך וואָלט דיר געקאָנט וועגן דעם נישט איין מעשה דערציילן, נאָר אַ סך מעשות פון געהערט און פון געזען.

אין יענעם אָריפּדערנאָכט איז ניט אויסגעקומען צו דערציילן, אָבער מיט עטלעכע טעג שפּעטער —

מיט עטלעכע טעג שפּעטער אין אַ דושנעם פאַרנאָכט אויף אַ באַנק ביים האָדסאָן האָט נישט מעם אלף נאָר אַן אַנדערער, אַ בשותפותער באַ־קאַנטער אונדזערער, וואָס האָט זיך פאַר אונדז ביידע פּלוצעם און אומ־געריכט געיאָוועט, דערציילט אַ מעשה.

דער אומגעריכטער איז געווען אַ פּליט פון אונדזערע בוקאָווינער מקומות, וואָס וואוינט שוין באַלד צווי יאָר אין דער געגנט און מיר האָבן נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז ער איז דאָ אין ניו יאָרק און איז אונדזערער אַ שכן.

מיר האָבן דעם שכן געגומען, פאַרשטייט זיך, אויף אַ פאַרהער,

געפּרעגט אויף דעם און אויף יענעם און — מ׳האָט זיך פאַרהאַלטן ביי דר. ט. פון דעם קליינעם שטעטל לונג.

— דר. ט. פון לונג?

— ער האָט די צרות נישט דערלעבט. ער איז געשטאָרבן אויפן ים און איז געקומען צו קבורה אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

— אויפן ים? באַגראָבן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל? וואָס מיינט עס?

— ס׳איז אַ מעשה, וואָס איר מעגט זי הערן. עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה בין איך מיט דר. ט. געפאָרן אינאיינעם קיין ארץ ישראל. די פּאָליטישע לופט אין רומעניע איז געוואָרן אַלץ געדיכטער. מ׳האָט שוין געוואָרפן יידן פון די באַנען און אין בוקאַרעסט האָט מען שוין אַפילו געשלאָגן יידישע אַדוואָקאַטן אין געריכט. האָבן דעמאָלט אַ סך יידן אַ טראַכט געטאָן וועגן איינקויפן און צוגרייטן אַ נחלה אין ארץ ישראל. איך און דר. ט. זיינען געווען צווישן יענע טראַכטערס.

דר. ט. האָט געהאַט אַביסל געלט אין אויסלאַנד און האָט אינזינען געהאַט צו קויפן אַ הויז אין תל־אביב פאַר זיין בת־יחידה. אַליין איז דר. ט. שוין געווען אַ מענטש, וואָס האָט אַחוץ אַביסל ווייִן און אַ גוטן סיגאַרעט פאַר זיך גאָר נישט געדאַרפט. איין זאָרג האָט ער געהאַט — די בת־יחידה און אַ שידוך פאַר איר. און אַזוי ווי אַ שידוך האָט זיך עפּעס נישט געמאַכט, האָט ער פאַר דער טאָכטער געוואָלט אָנגרייטן אַ הויז אין ארץ ישראל. טאָמער דאַרף מען אַוועק פון רומעניע און זי בלייבט אַליין זאָל זי האָבן אַ געזיכערטע הכנסה.

איך וועל ניט מאריך זיין. דר. ט. איז אָפּגעווען כמעט צוויי חדשים אין ארץ ישראל און האָט גאָרנישט געקאָנט קויפן. וואָס ס׳האָט געטויגט, איז געווען צו־טייער, און וואָס ס׳איז לויטן פּרייז געווען ביים וועג, האָט נישט געטויגט.

מיר זיינען ערגעץ נאָך שבועות מיט דער זעלבער באַן צוריקגעפאָרן פון לוד איבערן מדבר קיין קאַנטאַראַ, פון דאָרט מיט אַ שיפל איבערן סועץ־קאַנאַל און ווייטער מיט דער באַן קיין אַלעקסאַנדריע. מיר זיינען געזעסן אין דעם דריטן קלאַס, האָבן זיך צוגעקוקט ווי די אַראַבער שפּרינגען אַראָפּ ביי די סטאַנציעס, רייסן אַרויס זשמעניעס מיט גראָז און פאַסמאַקעווען זיך דערמיט במקום ברויט. מיר האָבן זיך צוגעקוקט און גערעדט פון זייער נחת און פון אונדזערע צרות.

פון אַלעקסאַנדריע האָבן מיר גענומען די „ראָמאַניאַ" קיין קאָנסטאַנצע.

די גאַנצע צייט אויף דער שיף האָט זיך דר. ט. געפילט שלעכט. אָבער אַ טאָג פאַר קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז ער געבליבן ליגן אין בעט. מ׳האָט גערופן דעם דאָקטאָר, אָבער ס׳איז שוין סיי ווי געווען צו שפּעט.

מיר האָבן זיך קוים איינגעבעטן ביים קאַפּיטאַן, אַז ער זאָל דר. ט. נישט מקבר זיין אין ים, נאָר זאָל דאָס מת מיטפירן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דאָרט איבערגעבן צו דער יידישער קהילה.

פונעם קאָנסטאַנטינאָפּעלער האַפן האָבן מיר טעלעפאָנירט צו דער קהילה, און ס׳האָט ניט געדויערט קיין צוויי שעה זיינען שוין ביי דער שיף געווען מענטשן פון דער סטאַמבולער חברה קדישא אינאיינעם מיטן ראש הקהל אַליין. דער ראש הקהל האָט אויף אונדז אַלעמען געמאַכט אַן אומ־געוויינלעך גוטן איינדרוק. ער האָט געמוזט זיין אַ יונגערמאַן אין די אָנהייב דרייסיקער, אַ הויכער מיט אַ לענגלעך פּנים, מיט אַ דין שוואַרץ וואָנסעלע און מיט אַ מחיהדיק וואַרעמער יידישער שטים.

ער האָט איינגעאָרדנט די לויה און ער האָט אויך צו וויסן געטאָן דער אלמנה און דער טאָכטער אין לונג וועגן דעם אומגליק.

צו דער לויה האָבן די פרוי מיט דער טאָכטער, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט קומען, אָבער אין אַ צוויי חדשים אַרום, אלול־צייט, זיינען זיי דורכגעפאָרן בוקאַרעסט אויפן וועג קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

ס׳האָט נישט געדויערט קיין חודש, איז אָנגעקומען אַ מאָדנע ידיעה פון די קבר־אבות־פאָרערס: זיי בלייבן שוין אין סטאַמבול.

וואָסי? דער ראש־הקהל האָט דר. ט.׳ס אלמנה מיט דער טאָכטער זייער גוט אויפגענומען, זיי געפירט מיט זיין אויטאָ אויפן בית־עולם, מיט זיי געגאַנגען באַשטעלן אַ מצבה און דערנאָך — דערנאָך האָט ער זיך פאַרליבט אין דער טאָכטער און באַשלאָסן מיט איר חתונה צו האָבן.

און אַזוי ווי דער פרעזידענט פון דער קהלה איז ניט בלויז געווען אַ שיינער יונגערמאַן, נאָר אויך פון אַ שיינער ספרדישער משפחה און אַ רייכער אַדוואָקאַט, האָט פריילין ט. אָן איבעריקע קווענקלענישן איינ־געוויליקט מיט אים חתונה צו האָבן.

ווי איר זעט האָט דר. ט. טאַקע פאַרזאָרגט זיין טאָכטער, נאָר ער האָט דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן.

דער דערציילער האָט קוים געענדיקט צו דערציילן, און מיינע בליקן האָבן זיך אין דער האַלב־טונקלקייט דערמאָנענדיק און פרעגנדיק באַגע־

גענט מיט מיין חבר מעם אלפס אויגן. מיינע בליקן האָבן דערמאָנט אין יענעם שמועס וועגן „שליחי מצוה אינם ניזוקים״, און האָבן געפרעגט: איז דען פאַראַן אַ טיפערער „ממעמקים״ און אַ מער מן־המצר׳דיקער רוף פון דער נשמה ווי די זאָרג פאַר אַן אייגענער בת־יחידה? און איז דען געמאָלט אַ גרעסערע און שענערע מצוה ווי „הכנסת כלה״ און דערצו פון אַן אייגענער טאָכטער? פאַרוואָס איז דער שליח פון אַזאַ מצוה ניזוק געוואָרן?

אויפן גאַס־וועג, באַרג־אַרויף האָט מיין חבר געשוויגן. בלויז פון זיינע פעסטע, ווי עקשנותדיקע טריט האָב איך געפילט, אַז די מעשה איז פאַרבייגעלאָפן זיין טעאָריע און האָט זי ניט אָנגערירט.

ביים געזעגענען האָב איך אַ זאָג געטאָן: ווייזט אויס אַז ביידע רביים דיינע, אי דער ווישניצער און אי דער האָלענדישער מאַכן אַ טעות.

ווייט דערפון — האָט ער געענטפערט שטיל און מיט שמייכלענדיקן ערנסט. שטאַרבן מיט אַ מיתה בנשיקה און קומען צו קבר ישראל הייסט ביי דיר ניזוק ווערן? און האָט דער דר. ט. נישט דערגרייכט דעם שכר פון דער מצוה? האָט ער נישט פאַרזאָרגט זיין בת־יחידה?

ג. דער מקור פון רחמנות

נישט יעדער רבישער הויף האָט זיינס אַ ניגון, און אַוודאי נישט אַזאַ ניגון, וואָס זאָל האָבן דעם כוח אַריבערצושפּאַנען דעם גדר פון די אייגענע חסידים און ווערן אַ רשות הרבים, כ׳מיין אַ רשות פון סתם יידן, וואָס פאָרן נישט צום רבין, דאַווענען נישט אין זיינע קלויזן, אָבער דאָך איז ביי זיי אין שול, אין דער נגידיש־סוחרישער, אין דער בעל־מלאכהשער און ביים איינזאַמען דאָרפס־מנין, דעם רבינס ניגון — דער נוסח פון זייערע תפילות.

אַזעלכע חסידישע ניגונים, וואָס האָבן דערגרייכט צום מעמד פון אַלגעמיינע תפילות־נוסחאות, זיינען, אין מיינע דרום־מזרח־גאַליצישע און בוקאָווינער מקומות, געווען בלויז צוויי: דער זשידעטשויווער און דער ווישניצער.

דער ניגון, וואָס איז געקומען פון קליינעם גאַליציש־קאַרפּאַטישן שטעטל זשידעטשויוו, פון דעם הויף פון ר׳ הירש און ר׳ אייזיקל זשידע־

טשויוועך, האָט זיך אַרויסגעריסן פון די געציילטע אייגענע חסידישע קלויזן און איז אַריינגעדרונגען אין כמעט וואו סתם א שול אין די שטעט פון דרום־מזרח־גאַליציע.

וואו, אַ חוץ אין די, אַזוי צו זאָגן, סעקטאַנטיש־חסידישע קלויזן, האָט אַ בעל־תפילה נישט געזאָגט, נישט געפּרואווט זאָגן, זשידעטשויוועריש דעם „ממעמקים", דעם „נעילה־קדיש" און שטיקער פון דער יום־כיפור־דיקער „עבודה"?

אין זשידעטשויווער ניגון האָט „געברענט אַ פייער", דער זשידע־טשויווער ניגון איז געווען גרויס־פּאַטעטיש, ממש עוקר־הרימדיק און ער האָט דערצו געהאַט גרויסע און באַרימטע בעל־תפילהס. פלעגט מען טאַקע אין אַלע שולן פון קאָלאָמיי, פון סטאַניסלאַוו און פון די קלענערע קהילות אַרום זיי, פּרואוון זשידעטשויועריש, און צום טייל זיך נישט באַנוגענען מיט די אייגענע פּרואוון, נאָר גיין הערן, דערעיקרשט אין די ימים־נוראים, ווי אַזוי עס זאָגט מאיר פראַנצויז אין דער זשידע־טשויווער קלויז.

דער וויזשניצער ניגון, דער ניגון פונעם הויף, וועלכן עס האָט אויפגעשטעלט מיט אַן ערך הונדערט יאָר צוריק אין דעם בוקאָווינער־גאַליצישן גרענעץ־שטעטל וויזשניץ, ר׳ חיים קאָסאָווערס יינגסטער זון און דעם רוזשינערס איידעם ר׳ מענדעלע, פאַרמאָגט נישט די זשידע־טשויווער טעמפּעראַטור. דער ניגון רייסט נישט אויס קיין בערג און רייסט נישט מיט קיין מענטשן.

אָבער וואָס שייך פאַרשפּרייטקייט האָט דער וויזשניצער ניגון ווייט אַריבערגעיאָגט דעם זשידעטשויווער. אין אַ גרויסן טייל פון בוקאָווינע איז דער וויזשניצער ניגון פאַקטיש געווען דער נוסח התפילות אין אַלע שולן מחוץ פון די ספּעציעלע חסידישע קלויזן פון די רוזשינער קינדער. אין די דאָרפס־שולן, וואו איך פלעג דאַוונען אין די חדשים פון זומער־וואַקאַציע, האָט מען פון קיין אַנדערן ניגון ווי דער וויזשניצער נישט געוואוסט.

די וויזשניצער נגינה, אַזוי ווי איך האָב זי געהערט אין די שולן פון בוקאָווינער שטאָט און דאָרף, איז געווען אַ לייכט־געמיטיקע, אַ טענצלדיקע און האָט אין מיינע אויערן געהאַט ערגעצוואו דעם קלאַנג פון ווינער אָפּערעטן־מוזיק.

עס קומט מיר נאָך איצט אויס מאָדנע, ווען איך דערמאָן זיך אין

דעם לייכטן „שלאָגער־מעסיקן" ניגון פונעם וויזשניצער שלוש־רגלימדיקן קדיש.

קיין גרויסע וויזשניצער בעל־תפילהס האָב איך נישט געקענט, און אפשר האָט טאַקע קיין וויזשניצער מאיר פּראַנצויז, וואָס זאָל געווען האָבן דעם כוח אָנצוצינדן אַ פייער אין דער וויזשניצער נגינה, נישט עקזיסטירט.

ערשט דאָ אין ניו־יאָרק האָב איך דערהערט דעם אָפּקלאַנג פון אַ גרויסן וויזשניצער בעל־תפילה און האָב דערפילט „ממעמקים"־פייער אין דער וויזשניצער נגינה.

און ביי וועמען? ביי מיין אַלטן חבר מעם אלף. ער פלעגט אַריינ־קומען צו מיר איינמאָל אין עטלעכע וואָכן, און אַלעמאָל איז דער באַדינג געווען אַז קיין אַנדערע געסט זאָלן נישט זיין.

אריינגעקומען, זיך אָוועקגעזעצט און נאָך איידער ער האָט אויס־געררויכערט אַ ציגאַרעטל און אויסגעטרונקען אַ טעפּל קאַווע האָט ער שוין גענומען ציען אַ וויזשניצער ניגון.

איך זיץ און הער און ווער נישט מיד צו הערן ווי מיין חבר מעם אַלף, אַ ייד אין די זעכציקער, אַן אלמן און אַן אָבל, וואָס איז נאָך נישט אויפגעשטאַנען שבעה נאָך זיין אומגעקומענער משפחה אין ווין און נאָך זיין חרוב געוואָרענעם פאָלק אין איראָפּע, זינגט אויס מיט זיין וואַרעמער, קליינער שטים די לעצטע פסוקים פון „מזמור שיר ליום השבת", וואָס מיט זייער אָנזאָג, אַז, —

דער צדיק וועט בליען ווי אַ טייטלבוים,
ווי אַ צעדער־בוים אין לבנון וועט ער וואַקסן.
זיי וועלן נאָך שפּראָצן אין גראָען עלטער
פעט און זאַפטיק וועלן זיי זיין:
צו דערציילן אַז גאָט איז רעכטפאַרטיק,
מיין פעלדז וואָס קיין אומרעכט אין אים ניטאָ.

קלינגען זיי אויס ווי אַ שאַרפע וואָרענונג צו די יאָגער, פייניקער און רשעות־טוער.

אַזוי ווי מיין חבר מעם אלף האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהערט זאָגן אַ וויזשניצער בעל־תפילה. ביי אים, ביי מעם אַלפן פאַנגען די לייכטע וויזשניצער טענער פייער. די לייכטגעמיטיקע וויזשניצער טענער

נידערן אין מיין חברס שטים אַראָפּ אין די תהומות און רופן פון דאָרט אַ „ממעמקים"־געשריי, וואָס האָט צו מיר פון דער וויזשניצער נגינה קיינמאָל נישט דערגרייכט.

— מעם — זאָג איך צו אים — דו ביסט דער וויזשניצער מאיר פּראַנצויז, דו ביסט דער בעל־תפילה, וואָס האָט דעם כוח אַרויסצוזינגען הייסן טרויער פון די קיל־פרייליכע וויזשניצער ניגונים.

— נאַין, נאַין — פּראָטעסטירט מעם (דער זינגער פון די וויזשניצער ניגונים רעדט צו מיר אַלעמאָל דייטש, יידיש קומט אים אָן שווער. ער האָט עס פאַרגעסן) — דער סאַמע גרעסטער בעל־תפילה, דער מאיר פּראַנצויז, ווי דו זאָגסט, פון וויזשניץ, איז געווען דער וויזשניצער רבי אַליין, ר' ישראלעניו. דו האָסט אים געדאַרפט הערן מקבל שבת זיין ביי זיך אין קלויז און דערנאָך זינגען זמירות ביים טיש, אָדער גאָר דאַווענען פאַרן עמוד ימים־נוראים אין דער אימפּראָוויזירטער שול אין שאַלאַש פאַר איבער צוויי טויזנט חסידים פון אַלע עקן פונעם לאַנד. איך קען עס נישט פאַרגעסן און וועל עס שוין קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

— דו ווייסט דאָך — רעדט ווייטער מעם אַלף און ער ציט זיך צונויף אין פאָטעל, פּרואווט נאָך קלענער צו מאַכן דעם קליינעם גוף ווי אַלעמאָל, ווען אים דאַכט זיך אויס, אַז ער גייט זאָגן אַ נישט גענוג עניוותדיק וואָרט — אַז איך בין אַ שטיקל שומר שבת און היט דעם שבתדיקן טאָג אַפילו אין ניו יאָרק ווי ווייט איך קאָן. קוק איך אין מיר אַריין, זע איך גאָרנישט, אַז איך בין אַזאַ פרומער, נאָר וואָדען? עס קלינגט מיר אין די אויערן דעם וויזשניצער רבינס געזאַנג: „יום קדוש הוא מבואו ועד צאתו, כל זרע יעקב יכבדוהו כדבר המלך ודתו", און מיר איז שווער, איך קאָן נישט עובר זיין אויף דעם רבינס געזאַנג, וואָס ליגט מיר אין געמיט, אין דער נשמה, אין אַלע אברים. ס'איז אין דעם רבינס שטים געווען אַזאַ וואונדערלעכע קאָמבינאַציע פון זיפץ, קרעכץ און תענוג, אַז זי האָט דערמיט געקאָנט איבערצייגן אַפילו אַ טשערנאָוויצער סטודענט פאַרן לעבן לאַנג, אַז דער טאָג איז הייליק און מען מוז אים „אָפּגעבן כבוד לויט גאָטס געבאָט".

— מעם — רוף איך זיך אָפּ — ס'איז טאַקע נישט ווייניקער ווי אַ לעבן לאַנג. ס'איז דאָך שוין באַלד אַ האַלבער יאָרהונדערט זינט דו ביסט אַוועק פון וויזשניץ און פונעם רבינס בית־המדרש. יידיש האָסטו היפּש־

לעך פאַרגעסן, אָבער געדענקען געדענקסטו אַמאָל אַ גמרא און תמיד דעם רבינס ניגון.

ענטפערט מעם: יידיש האָב איך אין דער גאַנצער לאַנגער צייט זינט דער טשערנאָוויצער גימנאַזיע, זינט דעם אוניווערסיטעט אין טשער־נאָוויץ און אין ווין, זינט דער אַדוואָקאַטן־פּראַקטיק אין קראָקע, און דערנאָך אין דער לאַנגער צייט פון מיין דירעקטאָרשאַפט ביים ווינער קרעדיטאַרן־פאַראיין און פון מיין וויסנשאַפטלעך־יורידישער אַרבעט כמעט ווי נישט גענוצט, נישט אין דער היים און נישט אין דער גאַס. אַ גמרא פלעגט אַרויפשווימען אין אַ שמועס מיטן טאַטן ז״ל, וואָס האָט די לעצטע יאָרן געוואוינט אין ווין. די גמרא האָט אַלעמאָל געבראַכט דער טאַטע. איך פלעג זיך דערמאָנען און אויך האָבן וואָס צו זאָגן. מיין צוגאַנג איז געווען אַ מער מאָדערן־יוריסטישער, אָבער דער טאַטע, ע״ה, פלעגט גראָד דערפון נתפעל ווערן. דאָס וואָס איך האָב געזאָגט, איז פאַר אים געווען ווי עפּעס אַן אומגעוויינטלעך פשטל. און אַ פשטל האָט ער ליב געהאַט אַפילו אויף דעם דריי פערטל דייטש און איין פערטל יידיש, וואָס מיר האָבן גערעדט.

דער טאַטע ע״ה האָט געוואוינט כל ימיו אין ווזשניץ, אָבער קיין אַפיציעלער ווזשניצער חסיד איז ער קיינמאָל נישט געווען און נישט געוואָרן. ער האָט נישט געדאַוונט אין רבינס קלויז, ווי זיין שווער, מיין זיידע ר׳ יאָסיע. פון צייט צו צייט פלעגט דער טאַטע פרייטיק־צו־נאַכטס פריער פאַרענדיקן ס׳עסן און צוגיין צום רבינס טיש — בענטשן בציבור. דאָס איז געווען דער אויסרייד. אָבער אין דער אמתן איז דער טאַטע געגאַנגען צום רבינס טיש (און אפשר אויך בשתיקה צום רבין אַליין), ווען די פרנסה איז געווען באַזונדערס געשלאָגן, אָדער עס האָט אים געדריקט עפּעס אַ ספּעציעלער עגמת נפש. אַז איך בין געווען איבערהיים אין ווזשניץ, האָב איך שוין פון לכתחילה דערקענט, אַז היינטיקן פרייטיק־צו־נאַכטס וועט דער טאַטע גיין צום רבין — בענטשן בציבור. אין אַזעלכע פרייטיק־צו־נאַכטסן און טעג פאַר דעם, פלעגט דער טאַטע, צי ער האָט אַריינגעקוקט אין ספר, צי ער האָט געזונגען זמירות, אָדער גאָר געהאַלטן אין מיטן דאַווענען, מאַכן אַ הפסקה און פּלוצעם אַ זאָג טאָן אַזוי זיך, און פאַר זיך: „קולי שמעת, אל תעלם אזנך לרוחתי, לשועתי״ (האָסט געהערט מיין קול, פאַרהויל נישט דיין אויער פאַר מיין געשריי). און קיינמאָל האָט דער טאַטע נישט געטראָפן דעם קנייטש פונעם רבינס ווזשניצער

ניגון, דעם רבינס דורכנעמענדיקן זיפץ, ווי דעמאָלט, ווען ער האָט פּלוצעם פאַר זיך געזאָגט אָט דעם פּסוק פונעם „מן המצר״ פון פאַר תקיעת שופר.

און אָט דער פּסוק פון „מן המצר״ מיטן טאַטנס צעבראָכענעם האַרץ און מיטן סאַמע עכטסטן וויזשניצער ניגון — האָט מיין חבר מעם אַלף אַראָפּגענידערט זיין שטים צוליב דער מורא פאַר גדלות — האָט מער אויפגעטאָן צו באַפעסטיקן אין מיר דאָס ביסל רחמנות צו מענטשן, ווי אַלץ וואָס כ׳האָב געלערנט אין די ביכער און זיך פון דאָרט אויסגעלערנט.

ד. דער טרויעריקסטער וויזשניצער ניגון

דאָ אַנומלט, מיט וואָכן צוריק, האָט מען מיר, אין נאָמען פון מעם אלפס בן־יחיד, אָנגעזאָגט אַז מיין חבר האָט אין אַ פּרייטיק אינדערפרי, ביי דער אַרבעט, באַקומען אַ בלוט־אויסגוס אין מח, האָט זיך אָפּגעמוטשעט עטלעכע טעג אין שפּיטאָל אין אַ שווערער גסיסה און — מאָרגן איז די לויה.

איך האָב אין די שעהן ערב דער לויה, דורכגעוויקלט אין זיכרון מעם אלפס ביאָגראַפיע — אַ וויזשניצער יידיש יינגל, וואָס האָט מיט זיין יוריסטישער באַגאַבונג זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צו אַ הויכער פּאָזיציע אין אַ ווינער יורידיש־עקאָנאָמישער קערפּערשאַפט, האָט געשריבן אַ סך און גרינטלעך אויפן געביט פון אינטערנאַציאָנאַלער קרעדיט־געזעצגעבונג און געזאָלט ווערן דאָצענט אין יורידישן פאַקולטעט פון אַלטן פּראָגער אוניווערסיטעט.

היטלער האָט אים פאַרטריבן פון ווין קיין לאָנדאָן. פון לאָנדאָן איז ער געקומען אַהער, און דאָ, אין ניו יאָרק, אונטער אַ באַרג פון שטענדי־קער אבלות, האָלט ער אָן ערגעץ אַ קליינעם פּאָסטן פון געהילפס־ביבליאָטעקאַר, און — טוליעט זיך צום בן־יחיד און צום תמצית פון זיין יידישן לעבן, פון זיין יידישן גאַנג איבער דער וועלט, צום וויזשניצער ניגון.

איך האָב זיך געגרייט צומאָרגנס ביי דער לויה צו דערציילן וועגן מעם אלפס געמיט־תמצית, און אויב נישט איבערצווזיגעגן, איז איבערצו־לייענען אַ טייל פון די תפילות, אַ טייל פון די איינצלנע פּסוקים, וואָס

ער האָט אַזוי פול מיט האַרץ און פול מיט טרויער אויסגעזונגען מיטן כח פונעם וויזשניצער ניגון אין מיין שטוב, אין משך פון די לעצטע צען יאָר אין ניו יאָרק.

איבעריק צו זאָגן, אַז ס׳איז דערצו נישט געקומען. אַלץ איז צוגע־גאַנגען, ווי געוויינטלעך, אין ניו־יאָרק. אַ ראַבאַי האָט גלאַט און געשליפן דערציילט עטלעכע שבחים און געזאָגט תפילות, וואָס האָבן נישט דערמאָנט נישט אין מעם אַלפן און נישט אין וויזשניצער ניגון.

איך האָב געקוקט אויף מעמס אָרון און האָב געוואוסט: ס׳האָט זיך אויסגעלאָשן אַ יידיש לעבן און מיט אים דער שענסטער, דער טרויע־ריקסטער וויזשניצער ניגון, וואָס איך האָב ווען עס איז געהערט.

„אתה הראת" אין מאַריופּאָל

א

אײן יום־טוב איז געווען איבערן יאָר ווען בעל־הבית'שע באַזעצטקײט אין „אַ שטאָט מיט ייִדן" האָט נישט געגאָלטן.

שמחת־תורה האָבן בעלי־בתים ניט געהיט די אײגענע שטוב און אויך ניט דעם שטענדער אין דער אײגענער שול. שמחת־תורה זײנען גרויס און קלײן געוואָרן וואַנדריוּוניקעס.

שמיני־עצרת נאָכן עסן האָט מען זיך משמח געווען נישט בײ אײן „זיץ", נאָר כאָטש בײ צווײ „זיצן", און שמחת־תורה אין דער פֿרי האָט איבער אַלעמען געבאַלעבאַטעוועט נײַגעריקײט: מען האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין די שכנותדיקע שולן צו זען, וואו מען האַלט מיט די הקפֿות, ווי ווײט מען איז מיטן לײענען און ווער עס האָט דעם כּבֿוד צו זײן חתן־תורה.

וואָס שײך אונדז, יונגוואַרג, איז ממש נישט געווען קײן אײן קלויז, וואו מיר זאָלן שמחת־תורה נישט געווען זײן. די תאווה נישט בלויז צו פֿרײען זיך מיט דער תורה, נאָר צו זען, ווי אַזוי די אַנדערע ייִדן פֿרײען זיך מיט איר, אָט די תאווה צו זײן אין יענעם טאָג נישט בלויז שפּילערס, נאָר אויך דער עולם, האָט אין אונדז, יונגוואַרג, געברענט נאָך העלער און מיט נאָך מער אימפּעט ווי בײ די עלטערע.

די גלוסטעניש צו וואַנדערן איבער שולן און בײצוזײן בײ וואָס מער שמחות מיט דער תורה איז מיר פֿאַרבליבן עד היום. וואַנדער איך טאָקע אַז ס'קומט דער טאָג פֿון פֿרײד מיט דער תורה איבער וויפֿיל ספּעקטאַקל־פּלעצער איך קאָן נאָר. איך וואַנדער מיט מײן זכּרון, וואָרים ער איז דאָך דער אמתער כּישוף־טוער מיט קפֿיצת הדרך. מיט אים, מיט מײן זכּרון, קאָן איך אין אײן שמחת־תורה שפּאַנען נישט בלויז פֿון שול צו שול, נאָר

אויך פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד איבער אַ משך פון עטלעכע צענדליק יאָר און בייזיין ביי אַזויפיל ספּעקטאַקלען פון פרייד מיט דער תורה.

קאַיאָר שמחת־תורה האָב איך אָוועקגעוואַנדערט אַזוי ווייט ווי ערגעץ אין אַ בעל־מלאכהשער שול אין אַ שטאָט ביים אַזאָווישן ים. ווי אין מיין גאַליצישער „שטאָט מיט יידן" ביים פּרוט, בין איך אויך דאָ אין דער פרעמדער דרום־אוקראַינישער שטאָט ביים ים נישט געגאַנגען אַליין, נאָר אין חברותא.

שפּאַנען מיר, אַ בינטל יידישע אָפיצירן פון קירהס אָקופּאַציע־אַרמיי, און צווישן אונדז, אַ לייטענאַנט באַגלייך מיט אונדז, מיין גימנאַזיע־חבר פון קאָלאָמיי, יאָסעלע „אתה הראת".

געהייסן האָט דער לאַנגער דאַרער חבר אונדזערער יאָסל טאָקער, אָבער מיר האָבן אים פאַרצויגן יאָסעלע, ווייל מיר האָבן אים ליב געהאַט, און „אתה הראת" האָבן מיר אים אַ נאָמען געגעבן מחמת זיינע פאַרבענקטע שמועסן וועגן שמחת־תורה.

אַלעמאָל ווען יאָסעלע האָט גערעדט וועגן זיין קאַרפּאַטישן היימ־שטעטל סטאָפּטשעט האָט זיך זיין בענקשאַפט פאַרטשעפּעט אין די הייסע שמחת־תורה אויפדערנאַכטן.

ווען איך דערמאָן זיך אין יאָסעלעס מעשות וועגן שמחת־תורה און סטאָפּטשעט הער איך און זע —

אַ טייך פון ברענענדיקע שטורקאַצן ציט זיך איבער דער לאַנגער גאַס פונעם שטעטל צו דער קאָסאָווער קלויז.

צענדליקער שטריימלעך און זשופּיצעס ביי ביידע זייטן פונעם גאַנג, און אין דער סאַמע שפּיץ — יינגלעך מיט ברענענדיקע שמאַטע־קנוילן אויף לאַנגע שטעקנס; אין דער מיט צווישן די פלאַמענדיקע פאַקלען — די זינגערס און די טענצערס.

און דער ראש וראשון פון די זינגערס און טענצערס איז יאָסעלעס טאַטע, דער שניט־קרעמער, דער בעל־תפילה פון דער קאָסאָווער קלויז. און זיין אַרויסהעלפער איז זיין זון, דער סטודענט פון דער קאָלאָמייער גימנאַזיע.

יאָסעלעס טאַטע — פאַנטאַפל מיט ווייסע זאָקן הייבן זיך פון דער ערד. די פּאָלעס פונעם זיידענעם קאַפּטן פאַרמעסטן זיך צו פליען. ר'

גרשון שניט־קרעמער האָלט אונטער מיט דער רעכטער האַנט די באַק און מיט דער לינקער האַנט פירט ער דאָס געזאַנג.

„אנו צאנך ואתה רועֵנו" (מיר זיינען דיינע שאָף און דו ביסט אונדזער פּאַסטעך). אַ ים מיט פייער שפּרייט זיך איבער די קעפּ. אַ ים מיט געזאַנג שטראָמט פון די הערצער.

וואָס איז דאָ מורא צו האָבן? „מיר זיינען דיינע שאָף און דו ביסט אונדזער פּאַסטעך".

קיינמאָל זיינען די שטעט און שטעטלעך נישט געווען אַזוי יידיש ווי אין שמחת תורה. קיינמאָל איז דאָרט די יידישע אומזיכערקייט נישט געווען אַזוי פּאַטעטיש, אַזוי טראַגיש זיכער ביי זיך, ווי אין יענעם טאָג פון פרייד מיט דער תורה, ווען ר' גרשון דער שניט־קרעמער האָט די יידישע אומזיכערקייט געפירט אונטער דער חופּה פון פּאַקל־פייער און פון פלאַמיקן געזאַנג מיט אַן אייזן־פעסטן קאָנטראַקט אין דער האַנט, אַז „מיר זיינען דיינע שאָף און דו ביסט אונדזער פּאַסטעך".

ב

דערעיקרשט האָט יאָסעלע איבערגעלעבט זיין פּאַטערס „אתה הראת" שמיני עצרת אויפדערנאַכט.

סטאָפּטשעטער יידן האָבן געזאָגט — איז זיך יאָסעלע פאַרגאַנגען אין התפעלות — אַז זיין פּאַטערס „אתה הראת" איז ניט געווען בלויז דער פאָרשפּיל צו דער חתונה, נאָר טאַקע די חתונה אַליין. די ווערטער אין דעם פּאַטערס „אתה הראת" האָבן געטאַנצט און זיך משמח געווען מיט דער תורה. יידן האָבן זיך צוגעהערט צו די פסוקים פון ר' גרשונס „אתה הראת" און האָבן געקרעכצט, ממש געוויינט פאַר פרייד און פאַר תענוג.

און אַז מיר האָבן זיך געפּרוּווט מיט ערנסט אָנגעשטרענגטע פּנימער צו לצעווען איבער יאָסעלעס „גוזמאות", און האָבן אים געפרעגט צי ער וואָלט געווען בכוח איבערצוזאָגן דעם פּאַטערס „אתה הראת" און צו פאַרשאַפן יידן אַזאַ תענוג ווי זיין פּאַטער, האָט יאָסעלע פרום און פאַר־שעמט געענטפערט, אַז אַ יאָר פאַר דער מלחמה, ווען ס'איז געווען דער ערשטער סוכות נאָך זיין „מאַטורע", האָבן אים סטאָפּטשעטער יידן אַרויפגעלייגט אַ טלית אויף די פּלייצעס און אים אָוועקגעשטעלט שמחת

תורה אינדערפרי זאָגן „אַתּה הראת“ און — אַלע האָבן געזאָגט, אַז ס'איז געווען כּמעט ווי דעם טאַטנס.

ס'האָט נישט לאַנג גענומען און מיר האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען, אַז וועגן זיך האָט יאָסעלע גאָר נישט מגזם געווען. און וואָס שייך זיין פאָטערס „אַתּה הראת“ האָט דער סטאַפּטשעטער בעל־תּפילה זיכער געקאָנט אונטערצינדן אַ שטאָט מיט יידן, אויב יאָסעלעס פלאַם איז בלויז געווען דער כּמעט פון זיין טאַטנס פייער.

ג

אונדזער רעגימענט איז געשטאַנען אין דער שטאָט מאַריופּאָל ביים אַזאָווישן ים. ימים נוראים האָבן מיר, עטלעכע יידישע אָפיצירן, זיך נאָכגעפרעגט און מען האָט אונדז אָנגעוויזן אויף דער גרויסער שול, וואו ס'האָבן געדאַוונט די פּני פון שטאָט, מייסטנס רייכע נאַפט־און קוילן־סוחרים. מיר האָבן אין דער שול פאַרבראַכט בלויז אַ קורצע שעה דעם ערשטן טאָג ראש־השנה. מען האָט אונדז טאַקע אַרויפגערופן און אָוועקגעזעצט אויבנאָן אין מזרח, אָבער אונדז, גאַליצישע בחורים פון קאָלאָמייער ר' איציקל־שולעכן און פון די סטאַפּטשעטער און זאַבעלטאָווער חסידישע קלויזן, האָט פאַרפעלט וואַרעמקייט, התלהבות אין דער שול פון די מאַריופּאָלער גבירים.

דער חזן האָט זיך געראַנגלט און האָט געזונגען מיט טרעלדלעך. און די גבירים אין די צילינדערס האָבן נאָכגעזאָגט די ווערטער שטייף און מיט קאַלטער ווערדע און דערצו נאָך פון יעדן גאַליצישן חולם געמאַכט אַ ליטווישן צירה.

מיר האָבן ביי זיי מער נישט געדאַוונט. מיר האָבן בכלל יענעם ימים נוראים מער נישט געדאַוונט. ערשט שמיני עצרת אויפדערנאַכט האָט אונדז עמעצער אַריינגעפירט אין אַ בעל־מלאכהשער קלויז אין איינער פון די יידישע גאַסן. אַן עולם אין טוכענע רעק, אין שטיוול און אין היטעלעך. מען איז געזעסן און מען האָט געשמועסט. מען האָט זיך ניט געאיילט מיטן מעריב. די מאַריופּאָלער בעל־מלאכהס האָבן, מן־הסתם, פּונקט ווי די קאָלאָמייער יידן געוואָלט לאָזן צייט זייערע ווייבער צוצוגרייטן דעם יום־טובדיקן מאָלצייט.

דער אַריינקום פון די עטלעכע עסטרייכישע אָפיצירן האָט די יידן

אין שול אַביסל צערודערט. טאַקע יידן, אָבער פאַרט זעלבנער, מען האָט זיך אָנגעהויבן צוצואיילן. דער מעריב (אויך מיט אַ צירה) אַ נוסחדיקער, אַ היימישער, און דערעיקרשט אַ גיכער.

אַז מען האָט זיך דערנענטערט צו די הקפות איז איינעם פון אונדזער אַפיצירן־חברותא איינגעפאַלן צוצוגיין צום גבאי און אים צו עצהן, אַז ער זאָל מכבד זיין אונדזער חבר יאָסעלע מיט זאָגן „אתה הראת״, און — דער גבאי האָט געפאָלגט.

פאַרוואָס האָט ער געפאָלגט פאַרשטיי איך נישט עד היום. אפשר, טראַכט איך, דערפאַר ווייל ס׳איז אים געווען טשיקאַווע אַן אָפיציר פאַרן עמוד, און מעגלעך אויך פאַר מורא. סאָלדאַטן מיט באַיאָנעטן ביי די זייטן און מיט רעוואָלווערן אין די קעשענעס. אַ קשיה אויף אַ מעשה? ס׳איז בעסער נישט צו האָבן קיין שקלא וטריא מיט זיי.

און פאַרוואָס האָט יאָסעלע, אונדזער שטילער און בטבע זייער שעמעוודיקער חבר יאָסעלע, נישט לאַנג געטראַכט און געענטפערט דעם גבאי אַזאַ גיכן יאָ? ס׳איז אונדז אַלעמען געווען אַ חידוש, אַ גרויסער חידוש. נישט אַנדערש, נאָר די דערמאָנונג פון יענעם „אתה הראת״ אין סטאָפּטשעט האָט אין אים אויפגעפלאַקערט אַזאַ גלוסט נאָכאַמאָל צו הערן די ווערטער, ווי ער האָט זיי געהערט פון פאָטערס מויל און אויך פון זיין אייגן מויל, אַז ער האָט דעם פאַרלאַנג אין זיך נישט געקאָנט גובר זיין.

און אָט שטייט דער קירהשער אָפיציר מיטן באַיאָנעט ביי דער זייט, מיטן רעוואָלווער אין קעשענע און מיטן טלית אויף די פלייצעס — ער שטייט פאַרן עמוד אין אַ בעל־מלאכהשער שול פון דער ווייטער פאַרגויאישטער שטאָט מאַריופאָל און זאָגט „אתה הראת״ כמעט אַזוי ווי ס׳פלעגט זאָגן זיין פאָטער אין דער חסידישער קלויז אין סטאָפּטשעט.

שוין נאָכן ערשטן פסוק, ווען יאָסעלע לאָזט אויס מיט אַ קוועטש די ווערטער „ואין עוד מלבדו״, האָט זיך דערפילט עפּעס אַ גיכער, הייסער אָטעם, פון יום־טוב און פון דערהויבנקייט אין שול. מיט יעדן פסוק האָבן די בעל־מלאכהס גענומען נאָכזאָגן העכער און פריילעכער און רחבותדיקער די ווערטער. אין יעדן פסוק, וואָס דער אָפיציר ביים עמוד האָט אַרויסגעבראַכט פון זיין מויל, איז געווען אַזויפיל שטילע, צענעמענדיקע זיסקייט און דערביי אַזאַ וואונדערלעך גבורהדיקער ריטם פון שטאָלצער פייערלעכקייט, אַז נישט נאָר איז מען געצוואונגען געווען הנאהדיק נאָכצוהאַלטן און נאָכצוזאָגן, נאָר מען האָט ממש געפילט ווי די גופים פון די יידן אין

שול נעמען זיך מיטוויגן מיטן ריטם פונעם בעל־תפילה. אָט און זיי רוקן זיך אַרויס פון די בענק, נעמען זיך אָן ביי די הענט און לאָזן זיך אַוועק אין אַ טאַנץ אונטער די קלאַנגען פון די „אַתה הראת״־ווערטער.

נישט קיין טאַנץ־נגינה הערט זיך פונעם עמוד, נאָר נוסחדיקער געזאַנג. אָבער יאָסעלעס „ווי אַזוי״ פון דעם נוסח ציטערט אויף די נשמות פון די צוהערער מיט אַ גלוסט צו ריקוד, צו אַ טאַנץ, וואָס זאָל אַנטפּלעקן דעם אמת און דעם זין פון יעדן פּסוק.

אַז ס'איז געקומען צו „כוהניך ילבשו צדק וחסידיך ירננו״ האָט זיך דערהערט פונעם עמוד מיין נאָמען „שלמה ב״ר יצחק הכהן״. דאָס האָט יאָסעלע מיך מכבד געווען מיט זאָגן דעם פּסוק און מיר האָט זיך געדאַכט, און מיר דאַכט זיך נאָך היינט, אַז איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געזאָגט יענעם פּסוק, און בכלל קיין שום אַנדערן פּסוק, און קיין שום אַנדער וואָרט, מיט מער ציטערניש און מיט מער דערהויבנקייט ווי דעמאָלט אין דער בעל־מלאכהשער שול אין מאַריופּאָל, ווען ס'האָט מיך אַ רוף געטאָן מיין חבר יאָסעלע. מיט מער ציטערניש אַפילו ווי אין יענע קאָלאָמייער שמחת־תורהס, ווען איך בין געווען אַ בר־מצווה־ייִנגל און מיין זיידע מרדכי ע״ה פלעגט מיר אָפּטרעטן דעם כבוד פון אָט דעם פּסוק, וואָס יונה שמש האָט אים, דעם עלטסטן כהן אין קלויז, צוגעטיילט אין נאָמען פון דער גרויסער ר' איציקל־עדה.

און יאָסעלע איז געווען גערעכט. ווי זיין טאַטנס „אתה הראת״ אין סטאַפּטשעט, איז אויך זיינער דאָ אין מאַריופּאָל נישט געווען דער פּאָר־שפּיל צו דער חתונה פון הקפות, נאָר טאַקע די חתונה אַליין.

עפּעס אַן אַ שום איבערגאַנג זיינען די דריי מנינים בעל־מלאכהס און די עטלעכע קירהשע אַפּיצירן און דאָס צענדליק קינדער אין שול אַריינגעפאַלן אין אַן אומאויפהערלעכן טאַנץ. די צוויי ספר־תורהס זיינען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, אָבער אַלע האָבן געשפּאַנט און געטאַנצט און געזונגען און געפּראַוועט נאָכזאָגן יאָסעלעס „אתה הראת״ ביי אַלע זיבן הקפות און אויך ביי די איבעריקע הקפות, וואָס מען האָט נאָך מחמת פאַרלוירענעם חשבון געמאַכט.

ביים געזעגענען זיך — עס איז שוין געווען אַ שעה פאַר חצות — האָט דער גבאי אונדז געדאַנקט פאַר דעם נחת רוח און דערעיקרשט פאַר דעם פלאַם פון ייִדישקייט, וואָס מיר, קירהשע אַפּיצירן, האָבן, ווי ער

האָט געזאָגט, אָנגעצונדן דעם שמחת תורה אין דער בעל־מלאכהשער שול.

דער גבאי האָט זיך דערביי נאָכגעפרעגט אויף יאָסעלעס טאַטע־מאַמע. ער איז געווען זיכער, אַז דער טאַטע פון אַזאַ בעל „אתה הראת" קאָן נישט זיין עמעצער אַנדערש ווי נאָר אַ באַרימטער רבי אין גאַליציע.

מיר האָבן געענטפערט — און מיר האָבן זיך איבערגענומען, וואָס מיר האָבן אַזוי געקאָנט ענטפערן — חלילה! לייטענאַנט טאָקערס פאָטער איז אַ פשוטער קרעמער אין גאַליצישן באַרג־שטעטל סטאָפּטשעט. און דעם סטאָפּטשעטער קרעמערס „אתה הראת" איז בלויז איין פלעמל פון צווישן די גרויסע פלאַמען פון יידישקייט, וואָס האָבן געוואַרעמט די יאָרן פון אונדזער יוגנט אין דעם יידישן לאַנד גאַליציע.

אַלץ שטייט אין דער תורה

א

פאָלג מיך אַ גאַנג פון דער קאָלאָמייער ר׳ איציקל־קלויז ביז צו אַ רעסטאָראַן אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סאַיד.

ס׳איז אַ גאַנג נישט בלויז פון שבת־קודש צו אַ פּראָסטן מיטוואָך און פון אַ שטילער שקלאַ־וטריא אין דער מזרח־וואַנט צו אַ טומלדיקן שמועס פון יענער זייט פּאַליש, נאָר אויך אַ מהלך פון יאָרן. עס זיינען פון דעמאָלט אין קאָלאָמיי ביז היינט אין ניו־יאָרק דורכגעלאָפן פולע פערציק יאָר.

און נאָך די פולע פערציק יאָר, אין וועלכע ס׳איז אַזויפיל אַנדערש געוואָרן אין יידישן לעבן, זיצט מעכעלע חיות פון דער מזרח־וואַנט אין קאָלאָמייער ר׳ איציקל־שולעכל ביי אַ טישל אין אַ מילכיקן רעסטאָראַן אויף עסעקס סטריט און באַווייזט היינט, ווי ער האָט באַוויזן דעמאָלט, אַז אַלץ שטייט אין דער תורה — אַלץ פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן — ווי אַזוי יידן דאַרפן זיך נוהג זיין.

און דער עיקר חידוש איז דווקא דער אָנווייז, וואָס די תורה ווייזט אָן אויף די קליינע און די סאַמע קלענסטע זאַכן.

האָט דעמאָלט מעכעלע אין דער מזרח־וואַנט אויסגערעכנט על־פּי גימטריא, ווען מען זאָל אַוועקשטעלן דאַוועגען פאַרן עמוד. און איצט איז מעכעלעס גילגול אויף עסעקס־סטריט מסביר מיט די ראשי־תיבות פון אַ פּסוק חומש, ווען מע זאָל אַוועקזעצן אין „ווייסן הויז״ אין וואַשינגטאָן.

מעכעלע חיות פון מיט פערציק יאָר צוריק אין קאָלאָמיי איז געווען אַן עלטערער ייד — אַ יורד, אין אַן אָפּגעטראָגענער זיידענער זשופּיצע און אין אַ סויבלענעם ירושה־שטריימל. ער האָט געהאַט אַ גיכן און

האָסטיקן גאַנג און גערעדט האָט ער נאָך גיכער און האַסטיקער, אָבער — שטיל און אָן רעש. ער איז אַריינגעלאָפן שבת אינדערפרי אין קלויז אַריין און אַז ס'איז שוין עמעצער געזעסן ביי אַ נאָענטן שטענדער אין מזרח, האָט זיך מעכעלע צוג'אים צוגערוקט און אויף זיין בנעימותדיקן, שטילן אופן מודיע געווען, אַז ס'איז אין דער הייניקער סדרה בפירוש אָנגעזאָגט געוואָרן, ווער ס'זאָל צוגיין דאַווענען פאַרן עמוד.

די גמטריאות זיינען אַלעמאָל געווען וואוילגעניגט צו ר' מעכלען. זיי האָבן אים ממש אַראָפגעלייענט פון האַרץ ווען ער וואָלט געוואָלט האָבן פאַר אַ בעל־תפילה. איז דער שבת געווען אַ פשוטער, אַ סתם שבת, האָט די גימטריא נישט מקפיד געווען. זי האָט געקאָנט אַזוי צונויפשטעלן אירע ציפערן, אַז עס זאָל אַרויסקומען נישט מער ווי אַ זלמן לאַראַ, אַן עוזר דער רויטער און אין בעסטן פאַל — פייוויש האַלאַפיעטניק. זיי האָב געדאַוונט צו פשוט בעל־תפילה'ש, און ר' מעכלע איז געווען פאַר־קאָכט אין חזנות.

דערפאַר אַז ס'איז געקומען אַ שבת־דפגרא, אַ שבת מיט עפּעס אַ יום־טובדיקן טרילער, האָט שוין די גימטריא געוואוסט, אַז ר' מעכלע וויל, אַז פאַרן עמוד זאָל דאַווענען נישט קיין אַנדערער, ווי נאָר שמעון ראַט, וואָס האָט אַליין שיין און זיס געזונגען און דערצו האָבן אים נאָך צוגעהאָלפן צוויי יינגלעך זיינע מיט טייערע מתיקותדיקע שטימעלעך.

אָט איז שבת־שירה. ר' מעכלע לויפט אַריין אין קלויז מיט זיינע גיכע, דריבנע און שטילע טריטלעך, וואַרפט פון זיך אַראָפ דעם טולעפּ, און זעצט זיך אַוועק ביים שטענדער און — שוין דעם קאָפּ אויסגעבויגן אויף רעכטס, לייגט ער אויס פאַר צוויי חשובע שכנים פון מזרח די גימטריא פון די ווערטער „אָז ישיר משה". די דריי ווערטער באַטרעפן אינאיינעם 873 (אָז — 8; ישיר — 520 און משה — 345) און פונקט אַזויפיל, פאַר־זיכערט מעכלע, באַטרעפט אויך דער נאָמען שמעון ראַט.

כדי אויסצוגלייכן די גימטריאות, מוז מעכלע צושטעלן צו שמעון ראַט אַ „ר" (אמת, אַ כשר־פאַרדינטן ר', וואָרים שמעון ראַט איז געווען אַ ייד אַ למדן און אַ ירא־שמים). און אַפילו מיטן „ר" — האָט מיין זיידע ע"ה אונטערגעשמייכלט — שטימט דער חשבון אויך נישט. אָבער קיינער האָט ר' מעכלען נישט אויפגעוויזן, אַז ער האָט אַ טעות אין דער גימטריא, וואָרים סיי־ווי האָבן אַלע געוואָלט, אַז שמעון ראַט זאָל שבת שירה שטיין פאַרן עמוד, און נישט זלמן לאַראַ, אָדער עוזר דער רויטער.

ב

דער ייִד, וואָס האָט אין מילכיקן רעסטאָראַן אויף עסעקס סטריט געגעסן פיש און זיך צווישן איין קיי און אַנדערן אָן מורא פאַר ביינדלעך געהיצט צו זיינע שכנים ביים טישל, אַז וואָלאָס איז מן התורה, האָט, פאַרשטייט זיך, גאַר אַנדערש אויסגעזען, ווי ר׳ מעכעלע פון קאָלאָמייער ר׳ איציקל־שולעכל.

דער ייִד פון עסעקס סטריט איז געווען אין די מיטעלע יאָרן, אָנגעטאָן וואָכעדיק שבוואָכעדיק און גערעדט האָט ער הויך און טומלדיק און מיט אַ הייזעריקן קוויטש אין קול. געשטאַמט האָט ער נישט פון גאַליציע און נישט פון ליטע, נאָר אַזש פון ארם צובה און פאַרטייטשט האָט ער דעם פסוק פון חומש לטובת וואָלאָסן אויף אַ פּליסיקן, אָבער גראַמאַטי־קאַליש היפּשלעך־הינקענדיקן העברעאיש.

וואָס־זשע האָט מיך אין דעם דאָזיקן וואָכעדיקן סירישן ייִד אין ניו־יאָרק דערמאָנט אין דעם שבתדיקן ר׳ מעכעלע פון קאָלאָמיי? קודם דער איראָנישער גלאַנץ פון חצי־שפּיל און חצי־ערנסט אין די אויגן. דער דאָזיקער גלאַנץ האָט אי ביי ר׳ מעכעלען פון דער ר׳ איציקל־קלויז און אי ביי דעם ייִד פון דעם מילכיקן רעסטאָראַן דערציילט וועגן דעם, אַז חומש איז נישט בלויז אַן אַלטער, פאַרמעטענער זיידע מיט אַ גאַרטל, פאַר וועלכן מען דאַרף זיך אויפשטעלן און שרייען „חזק״, נאָר אויך אַ פאַרשייט אייניקל, וואָס מען זעצט עס אַוועק אויף די קני, מען איזדעקעוועט זיך איבער אים פון הנאה וועגן און מע זאָגט אים נאָך חכמות פון פאַר־גרייזטע ווערטער און צוליב שפּיל צעדרייטע זאַצן.

הייליקייט און לעסטערונג אין דיזעלבע ווערטער — דאָס איז אַן אָפּטע דערשיינונג. די רוסן צווישן די סלאַווישע פעלקער און די איטאַלי־ענער און רומענער צווישן די ראָמאַנישע אומות זיינען ממש מייסטערס אין דעם געברויך פון דיזעלבע הייליקע ווערטער אי פאַרן אויסדרוק פון יראת־הכבוד און אי פאַר די גרעבסטע קללות.

אָבער הייליקייט און שפּיל, שפּיל ביי וועלכן ס׳גייט נישט פאַרלוירן נישט דער רעספּעקט און נישט די ליבשאַפט, — אַזאַ קאָמבינאַציע פון געפילן צו די ווערטער פון די תפילות און פון חומש איז, דאַכט זיך, בלויז ביי ייִדן בנמצא.

אַז וועגן דער תורה איז געזאָגט געוואָרן „והגית בה יומם ולילה״

(דו זאָלסט אַריינטראַכטן אין איר טאָג און נאַכט) איז דאָך דאָס נישט שייך בלויז מיט אַ האַלבן האַרץ, מיט אַ טייל פון געמיט. און בלויז דאָס געזאַנג פון ערנסט אָן דעם לידל פון שפּאַס וואָלט דאָך געווען מיט אַ האַלבן געמיט, נישט מיטן גאַנצן האַרץ און מיטן גאַנצן באַגער.

ס׳קאָן זיין, אַז איך אידעאַליזיר זיי בײדע, אי ר׳ מעכלען פון קאָלאָמיי און אי זיין סירישן גילגול פון ניו־יאָרק. אָבער קיין אומיושר איז אַזאַ אידעאַליזירונג זיכער נישט. וואָרים וויפיל זיינען נאָך דעם היטלער־מבול נאָך פאַרבליבן פון די קאָלאָמייער ר׳ מעכעלעך? אַפילו נישט אחד בעיר ושנים במשפחה. און וואָס שייך דעם פאַרהאָרעוועטן בעל־מלאכה פון ארם צובה, וואָס האָט אין מילכיקן רעסטאָראַן פון עסעקס סטריט געדרשנט פּאָליטיק (און דווקא נישט די ריכטיקע) מיט אַ פּסוק פון דער סדרה „בשלח״, איז שווער געווען נישט פאַרכאַפּט צו ווערן פון דער וואונדערלעכער שפּיל־ און ערנסט־באַציאונג צום חומש־וואָרט, וואָס האָט אַריינגעלויכטן אין מיין קינדעריש געמיט פון ר׳ מעכעלעס גימטריאות מיט פערציק יאָר צוריק און האָט איצט צום פופציק־יאָריקן אויפסניי אַ לויכט געטאָן אין אַ טומלדיק רעסטאָראַנדל פון דער יידישער ניו־יאָרק.

דער וואונדערלעכער המשך פון דעם יידישן פאָלקס־מענטשס „טאָג־און נאַכט־אַריינטראַכטונג״ אין די ווערטער פון חומש, וואָס האָט זיך פאַר מיינע אויגן געצויגן פון קאָלאָמיי ביז ארם צובה איבער אַזויפיל שטחים און איבער אַזויפיל יאָרן פון קאַטאַסטראָפעס, האָט אַ צינד געטאָן יידישן יום־טוב אין האַרץ. איך האָב דעם סירישן ייד דאָ ביי די מילכיקע פיש אַריבערגעטראָגן אין דמיון צום ר׳ איציקל־שולעכל און אים אַוועק־געזעצט אַ שבת־קודשדיקן אין זייד און אין סויבעל אין דער מזרח־וואַנט פון מיינע זכרונות.

ג

און געדעגט מיין דערמאָנונג צו ר׳ מעכעלען האָט אויך דער פאַקט, וואָס דער סירישער ייד דאָ אין מילכיקן רעסטאָראַן האָט גענוצט אַ פּסוק פון דער זעלבער שבת־שירהדיקער סדרה „בשלח״, וואָס איז מיר פאַר־בליבן אין זיכרון פון ר׳ מעכעלס גימטריאות.

עס איז דווקא נישט געווען שבת־שירה, נאָר אַ פּראָסטער מיטוואָך

פאַר ראש־השנה, און עס איז אַזוי־אַרום טאַקע נישט געווען קיין נאָענטע סיבה פאַרוואָס גראָד אַ פסוק פון „בשלח". אָבער דער פסוק אַן און פאַר זיך איז אַ מחיהדיקער. ער קניפּט זיך נישט אָן אין דער אַטמאָספער פון אַ וואָך, אָבער דערפאַר אין דער גרויסער שטימונג פון די געשעענישן פון אונדזער צייט.

ער דערציילט, דער פסוק, אַז „וחמשים עלו בני ישראל מארץ־מצרים" (און די קינדער פון ישראל זיינען באַוואָפנטע אויפגעגאַנגען פון לאַנד מצרים).

דאַרף מען האָבן אַן אַקטועלערן פסוק איצט, ווען די געשעענישן אַרום מדינת־ישראל און די העלדישקייטן פון די פאַרטיידיקער פון ישראל שטייען אין צענטער פון יידישן לעבן און פון יידישן געמיט?

און אָט דער פסוק, ער דערציילט מער ווי בלויז דעם פשט. דער ייד פון ארם־צובה האָט זיך אין אים אַריינגעטראַכט און איז „אין דער לאַגע" מסביר צו זיין זיינע טיש־שכנים אויך דעם פסוקס אַ זייטיקן מיין, וואָס קומט אַרויס פון אַ באַזונדערער קאָמבינאַציע פון אותיות.

אדרבא נעמט די „ו", וואָס איז דאָס ערשטע אות פון „וחמשים", שטעלט עס צונויף מיט דער „ל", וואָס איז דער צווייטער בוכשטאַב פון „עלו", שטעלט־צו דערצו די „י", וואָס איז דאָס דריטע אות פון „בני ישראל", און גיט נאָך צו די „ץ", וואָס איז דער פערטער בוכשטאַב פון „מארץ" — און עס לייענט זיך דער נאָמען פונעם פרעזידענט־קאַנדידאַט „וואַליץ".

אמת, דער צונויפשטעל פון די אותיות איז היפשלעך קאָמפּליצירט און ערשט איז דער רעזולטאַט אויך נישט קיין הונדערט־פּראָצענטיקער, וואָרים עס קומט דאָך אַרויס „וואַליץ", און „נישט „וואַלאַס". אָבער, ראשית, איז דער ייד פון ארם־צובה נישט מחויב אויסצולייגן וואַלאַסעס נאָמען אויף יידיש, און צווייטנס, האָט דער טייטשער אַ רעכט אויף „ליצענציאַ פּאָעטיקאַ".

ביי ר' מעכעלען פון ר' איציקל־שולעכל איז צווישן דער גימטריא פון „אָז ישיר משה" און ר' „שמעון ראָט", אַז מען וויל רעכענען גענוי, אויך געווען אַ קליינער חילוק פון דריי פונקטן. אָבער מיין זיידע ע"ה האָט אונטערגעשמייכלט. ער האָט ר' מעכעלען באַוויליקט „ליצענציאַ פּאָעטיקאַ". דאָס ביסל „פּאָעטישע פרייהייט" קומט על פי יושר אויך דעם ייד פון ארם צובה.

די שכנים ביים טישל האָט דער ייד, אויף ווי ווייט איך האָב געזען, ווייניק־וואָס איבערצייגט. זיי זיינען געווען פּאַרטיפּט אין זייערע טעלער און האָבן צו דעם יידן קוים אַ שמייכל געטאָן. פון צווישן די באַדינערס ווידער האָט דער אונטער־קעלנער, וואָס האָט צוגעטראָגן וואַסער און אָראָפּגענומען ס׳געשיר פון טיש, זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ בפירושן, אָפענעם אַנטי־וואַלאַסיסט. אַלעמאָל ווען דער ייד פון ארם־צובה האָט דערמאָנט דעם נאָמען וואַלאַס, האָט דער אונטער־קעלנער אַ פּיינטלעכן בורטשע־געטאָן און געבראַכט פאַרן מויל ווערטער, וואָס גוט וואָס דער ארם־צובהניק האָט זיי נישט געהערט.

אָבער דער ייד פון ארם־צובה האָט נישט געהערט נישט דעם אונטער־קעלנער און אָפילו נישט דעם באַלעבאָס, וואָס איז פון צייט צו צייט צוגעקומען איינצושטילן זיין הויך קול. איך האָב געהאַט ס׳געפיל, אַז דער טייטשער פונעם פסוק צווישן איין קיי פיש און דעם אַנדערן איז מיט זיין געמיט אינגאַנצן געווען אַריינגעטאָן אין דער הנאה, וואָס די ווערטער פון חומש האָבן אים פאַרשאַפט מיט זייער שפּיל, מיט זייערע קלוגע איבערווינקעניִשן און מיט זייער שפּאַס. אַזעלכע גרויסע ערנסטע ווערטער וועגן יידישן גורל, וועגן יידישן גאַנג פון מצרים קיין ארץ־ישראל, און עס שטייט זיי אָן — זיי האָבן צייט און געדולד אויך פאַר דער אַנדערער העלפט געמיט פון זייער לערנער; זיי האָבן צייט מיט אים לייכט צו פאַרברענגען און צו רעדן מיט אים אפילו וועגן גויאישער פּאָליטיק.

די אויגן האָבן ביי דעם ארם־צובה־יידן געגלאַנצט מיט פריילעכקייט. עס איז אים באַשיינפּערלעך גיט געגאַנגען אַזוי וועגן וואַלאַסן, ווי וועגן דער קלוגשאַפט און אויפטוערישקייט פון די אותיות אין אַ פסוק־חומש.

(1948)

דער רומענישער בערנע

א

מיט זעכציק און פופציק יאָר צוריק זיינען די גרעסטע יידישע קהילות אין אַלט־רומעניע געווען יאַס, באָטאָשאַן און פּיאַטרע. אַיעדע פון די דריי „מוטערס אין ישראל" האָט זיך געקאָנט באַרימען מיט געראָטענע זין.

די קרוינשטאָט יאַס, וואָס איז געלעגן אינגאַנצן איין שעה באַנרייזע פון דער אַמאָליקער גרענעץ פון צאַרישן רוסלאַנד, האָט געווימלט מיט רעוואָלוציאָנערן. פון די בונדישע בראָשורן, וואָס זיינען אַריינגעשמוגלט געוואָרן פון אויסלאַנד קיין קעשענעוו, האָבן אַרויסגעשפּראָצט די ערשטע קערנדלעך פון יידישן סאָציאַליזם אין אַלט־רומעניע.

באָטאָשאַן איז געווען נישט ווייט פון קירהס לאַנד בוקאָווינע, באָטאָשאַנער יידן פלעגן זיך אַריינכאַפּן מיט אַ בלויזן „גרענעץ־פּאַפּירל" קיין טשערנאָוויץ און זיך דאָרט אָנטרינקען מיט פראַנץ יאָזעפס דייטשישער קולטור. טשערנאָוויצער לערער האָבן געזוכט חיונה אין רומעניע און האָבן געלערנט אין באָטאָשאַן און אין אַנדערע נאָענטע שטעט די ביבל אויף דייטש און געמאַכט פון די דאָרטיקע יידישע יונגעליייט „אייראָפּעאישע אינטעליגענטן".

אין דער שטאָט פּיאַטרע, ביי די פּאָלעס פון די קאַרפּאַטן־בערג און ביי די ברעגעס פון דער קאַלטער און גיכער ביסטריצע, האָבן געבליט מיסטיק און השכלה.

אין דער מיסטיק האָט זיכער אויך געהאַט איר חלק די ספּעציפישע לאַנדשאַפט פון דער שטאָט. בערג באַוואַקסן מיט געדיכטע וועלדער, וואו ס׳וואוינען, פאַרשטייט זיך, אַלעמאָל באַשעפענישן, לעבעדיקע און רעאַלע, אָבער דערעיקרשט אויסגעטראַכטע און יענוועלטישע. אויפן

גיכן געבערג־טייך פירט מען געהילץ קיין אויסלאַנד, אָבער עס באָדן זיך דאָרט אויך אַלע אויסגעטראַכטע באַשעפעניש, וואָס וואוינען אין די וועלדער.

די השכלה ווידער — זי קלעפט זיך צו צו די מטבעות, וואָס סוחרים פון דייטשלאַנד צאָלן פאַרן פיאַטרער געהילץ, און גנבעט אַזוי די גרע־נעץ צו די הערצער און צו די מוחות פון יונגעלייט אין דעם פאַרוואָר־פענעם אַלטרומעניש שטעטל.

מאיר שטרייטמאַנס זון האָט די אָנגעזאַפטע מיסטיק פון דער געגענט אָפגעשטופט אין אַ ווינקל. זי וועט אין אַ געוויסער מאָס אויפשטיין אין אים תחית המתים אויף דער עלטער. דערווייל איז ער יונג, באַוועגלעך און דאַרף שפּייז פאַרן דערוואַכטן קריטישן שכל. דער טאַטע האָט געלט און דער זון פאַרמאָגט דאָרשט צו וויסן. ער פאָרט קיין דייטשלאַנד און שטודירט אין ציריך, בערלין און געטינגען. ער שמעלצט דערנאָך צו די עטלעכע יאָר לערנונג מיט קורסן פאַר געשיכטע און סאָציאָלאָגיע אויפן אוניווערזיטעט אין רוים.

ב

געקומען צו פאָרן פון אייראָפּע אין דער באַלקאַנישער הויפּט־שטאָט בוקאַרעסט איז שוין נישט הערש, נאָר היינריך שטרייטמאַן, און נישט קיין פיאַטרער משכיל, נאָר אַ שרייבער, וואָס האָט אַלעמען פאַר־בלענדט און די בעסטע אַפילו פאַרחידושט.

און ס'איז זיך געווען וואָס צו חידושן! די רומענישע ליטעראַטור און פּובליציסטיק האָט דעמאָלט פּונקט ווי היינט, און דעמאָלט אפשר נאָך מער ווי היינט, זיך געיחוסט מיט איר לאַטיינישן אָפּשטאַם. מע האָט זיך געיחוסט מיט ווירגילן און מיט טאַציטוסן, אָבער מע האָט געגאָרט אויך נאָך נענטערער און מער ממשותדיקער לאַטיינישער משפחה, מע האָט זיך געוואָלט אָנקערן מיט וואָלטערן. און צו דער אָנקערעכץ האָט פאַרפעלט שרייבערישער כוח.

מען האָט גערעדט פראַנצויזיש; מע האָט פאַרצויגן אונטער דער נאָז דאָס פאַסטעכדיקע רומענישע וואָרט; מע האָט איבערגעזעצט פון פראַנ־צויזיש און — מע האָט געבענקט נאָך אַן „אייגענעם פראַנצויז".

נאָך אַן „אייגענעם פראַנצויז" — ער זאָל ברענגען צו טראָגן אין

דער צייטונג און אין בוך דעם לייכטן און קורצן זאַץ, וואָס זאָל איבער־צייגן מיט אַ שמייכל, זאָל שמעקן נאָך טיפקייט אָבער נישט פאַרקלעמען דעם אָטעם, זאָל זיך ברוגזן מיט פּאַטאָס און דערביי איראָניש צווייפלען. מיט איין וואָרט, מע האָט אַרויסגעקוקט אויף דעם „אייגענעם פּראָנ־צויז", וואָס זאָל מיט זיין סטיל אָפּשפּיגלען דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער שטאָטישער אינטעליגענץ אין רומעניע.

דער דאָזיקער „אייגענער פּראָנצויז" האָט זיך באַוויזן אין דער גע־שטאַלט פון דעם פּיאַטרער ייִד היינריך שטרייטמאַן. יעדער אַרטיקל זיינער איז געוואָרן אַן אַנטפּלעקונג. ער האָט געשריבן אַזוי קורץ און שכל הישרדיק, אַז אונטער זיין וואָרט האָט געפּלאַצט די לאַנג־אָטעמ־דיקע נאַרישקייט פון „געלערנטע" שרייבער. ער האָט געהאַט קוראַזש צו דערטראַכטן יעדן געדאַנק ביזן סוף און ביים סוף פונעם טראַכטן האָט מען געמוזט לאַכן, מע האָט זיך געמוזט „האַלטן ביים בויך" פון די געדאַנקען, וואָס האָבן אויסגעוויזן צו זיין ערנסטע ביזן האַלבן וועג. און ער האָט אויך געהאַט דעם מוט איבערצוקערן יעדן געדאַנק אויף דער אַנדערער זייט און צו ווייזן אַז נישט די „גראָד", נאָר דווקא די „אום"־זייט איז די ריכטיקע.

„ווען איך וואָלט געווען אַן עדות" — האָט שטרייטמאַן געשריבן — „וואָלט איך מיין גבית עדות אָנגעהויבן מיט דער בקשה צו די חשובע ריכטער, אַז זיי זאָלן מותר זיין אויף מיין פאַרהער, וואָרום איך בין אַן עדות, וואָס האָב אַלץ געזען מיט די אייגענע אויגן".

„און ווען איך וואָלט געווען אַן אַנטיסעמיט" — האָט שטרייטמאַן גע־לאָזט וויסן די אַנטיסעמיטן — „וואָלט איך געפילט אַ געוויסע ליבשאַפט... צו יידן. וואָרום פון זיי, פון זייער פאַראַנענקייט, פון זייער צאָל, פון זייער סיטואַציע הענגט דאָך אָפּ מיין אַנטיסעמיטישע עקזיסטענץ. די דאַנק־באַרקייט וואָלט מיר דיקטירט זיי ליב צו האָבן"...

האָט מען געלאַכט. מע האָט מיט ווייניקער בלינדקייט געגלויבט אין דעם אויסגעטראַכטן „רעאַליזם פון די אייגענע אויגן" און מע האָט אויך צוביסלעך געצווייפלט אין דער אַנטיסעמיטישער תורה. „יונג־רומעניע" האָט זיך גענומען שאַרן אַרום שטרייטמאַנען, ווי אַמאָל „יונג־דייטשלאַנד" אַרום לודוויק בערנע.

ג

ווי לודוויק בערנע האָט אויך היינריך שטרייטמאַן זיך געוואָלט צוגויפגיסן אין גאַנצן מיט דעם פאָלק, וואָס אים האָט ער באַשלאָסן צו דינען. פונקט אַזוי סודותדיק ווי דאָס האָט אַמאָל געטאָן זיין גרויסער ליטעראַרישער פאָרגייער בערנע, איז אויך שטרייטמאַן אַריבער צו דער הערשנדיקער רעליגיע. ער איז געוואָרן אַ פּראַוואָסלאַוונער רומענער און אין זיין נאָמען, צווישן היינריך און שטרייטמאַן, האָט זיך אַריינ־געגנבעט אַ מיטלנאָמען סטעפאַן.

ווי לאַנג הערשל שטרייטמאַן פון פּיאַטרע איז אינדעראמתן געווען היינריך סטעפאַן שטרייטמאַן, דאָס הייסט, ווי לאַנג עס האָט אָנגעהאַלטן זיין פאָרמעלע צוגעהעריקייט צו דער פּראַוואָסלאַוונער קירך, איז שווער צו דערגיין. אַ סברא אַז אַפילו זיינע סאַמע נאָענסטע האָבן עס נישט געוואוסט.

זיכער איז בלויז אַז ווען שטרייטמאַן האָט זיך פלוצים געגומען יאָוועז ימים נוראים אין שול איז ער שוין געווען פון לאַנג צוריק אַן אויסגעקומענער.

ער האָט זיך אומגעקערט — האָט מען דערציילט צו יידישקייט — נאָך דעמאָלט ווען ער האָט אין איינעם אַ טאָג, געציילטע יאָרן נאָך זיין שמד, צעקאַליעטשעט זיין טבילה־נאָמען: סטעפאַן און פון אים איבער־געלאָזט בלויז צוויי שטומע אותיות אין דער אונטערשריפט.

היינריך סט. אַנשטאָט היינריך סטעפאַן איז מן הסתם אויסן געווען מודיע צו זיין בדרך רמז און סימבאָל, אַז ער, שטרייטמאַן, האָט זיך אָפּגעקערט פון סטעפאַנען און אַז די שטומע צוויי אותיות זיינען געמיינט ווי אַ מצבה אויפן קבר פון אַסימילאַטאָרישן טרוים און פון כאַראַקטער־לאָזן שמד.

אָבער אויב די וועלט, כ׳מיין די וועלט פון שטרייטמאַנס חברים, די וועלט פון זיינע לייענער און פאַרערער, האָט נישט געכאַפּט דעם מיין פון דעם פאַרקריפּלטן טבילה־נאָמען, איז דערין שולדיק געווען נישט די וועלט, נאָר שטרייטמאַן אַליין. וואָרום ווי אַזוי האָט מען זיך געזאָלט כאַפּן, אַז אַסימילאַציע און כאַראַקטערלאָזיקייט האָבן ווייטער שפּאַצירט לעבעדיקע אונטערן אָרעם מיט זייער באַלעבאָס, גלייך ער,

דער באַלעבאָס, זאָל זיי קיינמאָל נישט האָבן באַגראָבן און נישט האָבן אַוועקגעשטעלט איבער זיי אַ מצבה פון צוויי שטומע אותיות.

ד

ווען אָקטאַוויאַן גאָגאַ איז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אַריבער די גרענעץ קיין אַלט־רומעניע, כדי פון דאָרט אויס צו פירן דעם קאַמף פאַר זיינע אונטערדריקטע ברידער אין דער אונגאַרישער טראַנסילוואַניע, איז ער געווען נישט מער ווי אַן אָרעמער דיכטער. אמת, שוין כמעט אַ באַרימטער דיכטער. זיינע לידער האָט מען געזונגען און ביי זייער פּאַטריאָטישן פייער האָט מען זיך געוואַרעמט. אַזאַ ליד, למשל, ווי „ביי אונדז" האָט שוין יעדעס שול־קינד געקענט אויף אויסנווייניק. און וואו איז דער רומענישער פּאַטריאָט, וואָס זאָל געווען זיין בכוח אָפּצוהאַלטן די טרערן ביי די שורות, וואָס האָבן זיך געפּיעשטשעט אַזוי צו פּיעטשען (איך איבערזעץ אין פּראָזע):

ביי אונדז פאַראַן וועלדער פון סאָסנעס
און פעלדער פון זייד;
ביי אונדז אַזוי פיל פּלאַטערס פליען
און אין שטוב אַזוי פיל טרויער שוועבט?

היינריך שטרייטמאַן איז געווען מיט עלף יאָר עלטער פון גאָגאַן, איז געווען אַן אָנגעזעענער מיטאַרבעטער פון דער רעגירונגס־צייטונג און אַ פריינט פון מעכטיקע פּאָליטיקער. דער דיכטער האָט פאַרערט זיין עלטערן חבר ווי אַ גרויסן שריפטשטעלער, און שטרייטמאַן האָט געהאַלטן פון גאָגאַן ווי פון אַ דיכטער, וואָס פאַרמאָגט אויך אַ גוטן פּובליציסטישן סטיל.

גאָגאַ און שטרייטמאַן זיינען געוואָרן פריינט. און אַ דאַנק אָט דער פריינטשאַפט האָט דער דיכטער גאָגאַ, ווען ער איז אין דער צייט פון רומעניעס נייטראַליטעט, צווישן 1914 און 1916, געווען דער מלוכהס פּריווילעגירטער פּאַטריאָטישער אַגענט אין פּאַריז, געקאָנט דאָרט לעבן ווייניקער פון פּאַטריאָטיזם און מער, אַ סך מער, אויפן חשבון פונעם יידישן באַנקיר און מעצענאַט אַריסטידע בלאַנק.

אַז מע האָט דערנאָך אינאיינעם דערלעבט גרויס־רומעניע איז דער

פּאָעט געוואָרן אַ נאָך באַרימטערער פּאַטריאָט צוליב זיין פּאָליטישער אָריענטאַציע אויף פראַנקרייך, אָבער זיין יידישער פריינט, דער גרויסער שרייבער שטרייטמאַן, איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון תפיסה מחמת ער האָט דעם גורל פון זיין רומענישן פאָטערלאַנד בעת דער מלחמה געשטעלט אויף דער קאָרט פון דייטשלאַנדס נצחון.

אָפּגעזעסן די שטראָף איז מען טאָקע נישט, אָבער די ראָלן אין דער פריינטשאַפט האָבן זיך געביטן. אין סאַמע ליכט איז איצט געשטאַנען גאָגאַ און שטרייטמאַן — אין שאָטן. אַ פאַרשאָטנטער האָט שטרייטמאַן געבליצט מיט „שיחת חולין" ביים טיש פונעם פּאָעט, וואָס האָט אינצווישן אַרויפגעקלעטערט אין זיין פּאָליטישער קאַריערע ביז מיניסטערשאַפט.

דער סימן מובהק אַז שטרייטמאַנס כאַראַקטערלאָזיקייט איז נישט געשטאָרבן אינאיינעם מיט זיין אומקער פון שמד, איז נישט געווען די פריינשאַפט, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן אויך מיט דעם אַנטיסעמיטישן מיניסטער גאָגאַ, נאָר דערעיקרשט דער פאַקט, וואָס שטרייטמאַן האָט ביי זיך געקאָנט פועלן נהנה צו זיין פון דער דאָזיקער פריינטשאַפט.

אונטער גאָגאָס מיניסטערשאַפט אין די צוואַנציקער יאָרן איז שטרייטמאַן „געווײלט" געוואָרן פאַר סענאַטאָר אין אַ בעסאַראַבער דיסטריקט פון פויערים, וואָס האָבן אַפילו נישט געקאָנט באַכאַפּן זיין נאָמען.

אונטער גאָגאָס כוליגאַנישער פרעמיערשאַפט אין די שפּעטע דרייסיקער האָט שטרייטמאַן נישט באַוויזן צו פאַרנעמען קיין עפנטלעכן אַמט. גאָגאַ האָט צו קורץ רעגירט און אַפילו קיין פּאַרלאַמענט־וואַלן נישט דערלעבט.

אָבער אויך דעמאָלט אין די פיר־און־פערציק טעג ווען דער דיכטער־פרעמיער האָט געפּרואווט צו פאַרווירקלעכן אין רומעניע היטלערס ראַסן־תורה, איז שטרייטמאַן געבליבן אַן אייגענער אין זיין פריינטס הויז.

ביים טיש, ביי גאָנאַן, פירט מען גייסטרייכע שמועסן. ס'פליען חלפדיק־קלוגע רייד ווי אין אַ פלינקען שווערד־געפעכט. און שטרייטמאַן האָט האָלד אַזעלכע געדאַנק־ און וואָרט־דועלן.

ווער האָט דען אין דער רומענישער ליטעראַטור עלעגאַנטער און מיט מער חן באַשריבן די געדאַנקלעכע גערילאַ־שלאַכטן פון זיין אייגענעם געמיט ווי שטרייטמאַן אין זיינע „רעוויזיעס" און אין זיינע „צווישן יאָ און ניין"?

דער מחבר פון די „רעוויזיעס״ איז צו יענער צייט מן־הסתם געווען דער איינציקער ייד, וואָס האָט איבערגעטראָגן די שוועל פונעם אַנטי־סעמיטישן פּרעמיער. און אַז יידישע פריינט און באַקאַנטע האָבן שטרייט־מאַנען באַגעגנט מיט תרעומותדיקע רייד און מיט שטומע פראַגעס — וואָס האָט ער געקאָנט ענטפערן?

דער איינציקער ענטפער זיינער מיט ווערטער און אָן ווערטער, וואָס מיט אים האָט ער געקאָנט פּרואוון געפינען אַ זכות פאַר זיך און פאַר זיין אַנטיסעמיטישן פריינט, איז אין תוך געווען און געבליבן יענער סאַרקאַסטיש־ציניזשער אַפאָריזם, וועלכן שטרייטמאַן האָט מיט אַן ערך צוויי צענדליק יאָר צוריק געהאַט אַוועקגעשטעלט אויף די סוף־בלעט־לעך פון זיין „צווישן יאָ און ניין״ ווי די „פאַרצייכענונג פון אַ מענטש מיט כאַראַקטער און מיט אויסגעהאַלטנקייט״, און וואָס לייענט זיך אַזוי: „די פּרינציפּן זיינען מיר באַזונדער טייער און דערפאַר — פאַרקויף איך זיי ווי צום טייערסטן״...

צי האָט דער פרייז, וועלכן שטרייטמאַן האָט אָפּגעלייזט פאַר זיין „סחורה״ געהאַט עפּעס אַ ממשות און געבראַכט דעם פאַרקויפער אויך אַ ביסל נשמה־רו, וואָס איז אַזוי נויטיק פאַר די טעג און יאָרן, וואָס מען רופט לעבן? ווייזט אויס אַז נישט.

דאָס נויטיקע ביסל אינעווייניקסטע מנוחה האָט דער מחבר פון די ציניש־קלוגע אַפאָריזמען געזוכט אַלץ וויניקער אין די קאַנצעלאַריעס און אין די ליטעראַרישע סאַלאָנען פון מעכטיקע פּאָליטיקער און אַלץ מער צווישן אַ מנין אין דער מלבי״ם שול. אין דער רעגירונגס־צייט פון זיין נאָענטן פריינט גאָגאַ האָט מען שטרייטמאַנען געקאָנט טרעפן אין דער מלבי״ם־שול אַפילו אין אַ פּראָסטן מיטוואָך צו מנחה און מעריב.

ה

היינריך שטרייטמאַן האָט קיינמאָל נישט געוואָרט אַז אַנדערע זאָלן אים פאַרגלייכן מיט לודוויק בערנען. ער אַליין האָט אָפּט בלומרשט מיט אַ סקעפּטישן שמייכל, אָבער אינדעראמתן מיט טיפער און אומ־פאַרהוילענער צופרידנקייט דערמאָנט זיין קרובהשאַפט מיט בערנען.

און אַז דער ייד פון פּיאַטרע אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך

ליטעראַריש נאָענט אָנגעקערט מיטן ייד פון פראַנקפורט ביים מאַין פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט — אין דעם איז קיין ספק נישט פאַראַן.

ווי בערנע האָט אויך שטרייטמאַן פאַרמאָגט יענע קלאָרקייט פון געדאַנק און פון סטיל, וואָס ווישט אָפּ די מחיצה צווישן ערנסט און שפּאַס און צווישן דער גלייכער איינפאַכקייט און דעם פאַרשפּיצטן פּאַראַדאָקס. ווי בערנעס האָט אויך שטרייטמאַנס וואָרט מיט אַ זעלטענער ווירטואָזיטעט געשאָסן און אַלעמאָל געטראָפן גלייך אין ציל. ווי בערנעס איז אויך שטרייטמאַנס זאַץ געווען פריי פון אַפעקטירטקייט, אָבער האָט כמעט תמיד אָן אויסנאַם אַרויסגעבראַכט דעם פולן עפעקט פון מחשבה און עמאָציע.

לויט דער שריפטשטעלערישער באַגאַבונג איז שטרייטמאַן אַוודאי געווען אַ שני בשני מיטן גרויסן שרייבער בערנע און האָט בכלל זיך נאָענט אָנגעקערט מיט דעם מין גרויס־עסייאיסטיק, וואָס אירע פאַרשטייער אין די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער זיינען געווען דער פראַנצויז וואָלטער און דער דייטשישער ייד לודוויק בערנע.

אָבער נאָך די אַלע ענלעכקייטן וואָס שייך שרייבערישע באַגאַבונג קאָן מען פונדעסטוועגן דעם פאַרגלייך צווישן בערנען און שטרייטמאַנען נישט אָננעמען אָן רעזערוואַציעס. און די רעזערוואַציעס זיינען, מיר דאַכט, תמציתדיקע, ווייל זיי זיינען נוגע כאַראַקטער און געמיט.

דער ייד פון פראַנקפורט, בערנע, איז געווען אַ קעמפער. זיינע „פאַריזער בריוו" און זיין פּאָלעמיק מיטן „פראַנצויזן־פרעסער" מענצל האָבן פאַר זיך געהאַט אַ בולטן גרעזעלשאַפטלעכן ציל. בערנע איז מיט זיין פעדער אויסן געווען צו דערגרייכן פרייהייט, צו דערגרייכן גייסטיקע באַנייאונג פון דייטשלאַנד.

דער ייד פון פּיאַטרע, שטרייטמאַן, איז נישט געווען קיין קעמפער, נאָר בלויז אַ ווירטואָזער שפּילער מיטן וואָרט. עס איז אים אין תוך קיין חילוק נישט געווען צי זיין וואָרט־ווירטואָזישקייט און אַפּאָריזמען־חריפות וועט דינען דער בראַטיאַנו־פּאַרטיי אָדער די דעמאָקראַטישע קעגנער פון דער דאַזיקער פּאַרטיי.

און אויב עס איז אים ערגעץ טיף אין האַרצן יאָ אַ חילוק געווען — האָט ער אָבער נישט געהאַט דעם כוח זיך איינצושטעלן פאַר דעם וואָס ער האָט אפשר איינדעראמתן געוואָלט.

ווען חרטה האָט אַ ברען געטאָן בערנעס פינטעלע ייד, האָט זיך

צעפלאָקערט אין זיין וואָרט און אין זיין געמיט אַ יידישער פּאַטאָס און אַ יידישער שטאָלץ ווי דער, וואָס קומט צום אויסדרוק אין זיינע פֿאַריזער בריוו.

ווען דאָס געפיל פון בושה פֿאַר זיין פריינטשאַפט מיט גאַגאַן האָט אַ דרוק געטאָן שטרייטמאַנען אונטערן לעפּעלע, איז זיין וואָרט געבליבן שטיל, און ער אַליין, שטרייטמאַן, איז אַ דערשראָקענער געלאָפן אין שול זיך באַהאַלטן אונטער די פּאָלעס פון פרומע טאַטע־מאַמע, וואָס ער האָט זיי געהאָפט צו טרעפן אין מלבי״ם־שול.

ו

אין די טעג קורץ פאַר מיין אָפּפאָר פון רומעניע, אין די סוף־חדשים פון יאָר 1938, האָב איך שטרייטמאַנען באַגעגנט אין אַ בוקאַרעשטער בוכהאַנדלונג. אַן אויסגעפּוצטער, מיט איידעלע שטריכן אין פּנים און מיט אַ גילדענער פּענסנע אויף דער נאָז, האָט ער, דער אַלטער שטרייטמאַן, אויסגעזען ווי דער אינטעליגענט, וואָס איז אָקאָרשט אַראָפּגעקומען פון פּאַריז און היידעלבערג קיין פּיאַטרע.

איך געדענק שוין נישט ווי אַזוי ס׳האָט זיך פאַרבונדן אַ שמועס צווישן אונדז, אָבער דעם שמועס גופא האָב איך נאָך דעמזעלבן אויפֿדערנאַכט פאַרצייכנט אין מיין טאָג־בוך. אַ טייל פון די פאַרצייכענונגען גיב איך דאָ איבער, ווייל מיר דאַכט, אַז מען קאָן פון זיי אַרויסדרינגען עפּעס וועגן שטרייטמאַנס פּסיכישע ווידערשפּרוכן.

שטרייטמאַן: זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, אפשר ווייסט איר פאַרוואָס פרוי און נישט פראַו? אין גאַליציע זאָגט מען נישט פרוי. דאָס איז דאָס לשון פון די ליטוואַקעס, וואָס איז דער סאַמע מיאוסטער זשאַרגאָן.

איך: דער ליטווישער דיאַלעקט איז דערהויבן געוואָרן צו דער ליטעראַרישער שפּראַך.

שטרייטמאַן: יידיש אַ ליטעראַרישע שפּראַך? יידיש איז קוים גענוג אויף אַן אַנעקדאָט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין צו וועלן אויפהאַלטן זשאַרגאָן? איך וויל נישט זיין קיין פאַרשפּרייטער פון דייטשישער קולטור. די דייטשן זיינען דאָס פאָלק וואָס איז צומייסט דורכגעפרעסן פון אַנטיסעמיטיזם. ס׳וועלן שוין נישט זיין קיין יידן און די דייטשן וועלן נאָך אַלץ זיין אַנטיסעמיטן.

איך: אין יידיש זיינען געשאַפן געוואָרן גרויסע ליטעראַרישע ווערטן: פּרץ, שלום־עליכם.

שטרייטמאַן: איך שעם זיך נישט צו זאָגן אַז מיר געפעלט נישט שלום־עליכם. איך בין געווען אַ יינגל פון צוועלף, דרייצן יאָר, האָב איך מיין טאַטן, וואָס האָט זיך געקוויקט מיט קלמן שולמאַנס „דברי ימי עולם", געזאָגט אַז דאָס בוך געפעלט מיר נישט. מיין טאַטע איז געווען אויסער זיך. ער האָט מיך פאַרקלאָגט פאַר אברהם ברענער, אַ לערער, אַ משכיל, וואָס איז אַראָפּגעקומען צו אונדז אין שטאָט פון גאַליציע, און ער, ברענער, האָט דווקא געזאָגט אַז איך האָב רעכט. ברענער האָט מיך געראָטן אָנצושרייבן פאַרוואָס ס'געפעלט מיר נישט. מיין ערשטן אַרטיקל האָב איך, ווי איר זעט, צו פאַרדאַנקען: „ס'געפעלט מיר נישט".

איך: גלויבט איר נישט, אַז אין דער שפּראַך ליגט אַ שטיק פּער־זענלעכקייט? אייערע פּאַראַדאָקסן וואָלטן אפשר אַרויסגעקומען טיפער ווען זיי ווערן געשריבן אין דער שפּראַך פון אייער קינדהייט.

שטרייטמאַן: איך מיין אַז כ'האָב אַרויסגעבראַכט אַלץ וואָס כ'האָב געוואָלט זאָגן. יידיש וועט אונטערגיין. איך האָב ליב דעם יידישן אַנעקדאָט און די קלויז. איך כאַפּ מיך אָפּט אַריין אין מלבי"ם־שול. איך האָב ליב אַ בעל־תפילה, וואָס דאַוונט אַן טרעלדעלעך, ווי ביי אונדז אין פּיאַטרע.

איך: ווי קומט עס טאַקע וואָס דער מחבר פון „רעוויזיעס" און „צווישן יאָ און ניין" זאָל גיין אין שול אַריין?

שטרייטמאַן: (מיט אַ טאָן אי פון פאַרלעגנהייט און אי פון זיכער־קייט) איך זוך טאַטע־מאַמע. איך בענק נאָך זיי. אין מלבי"ם־שול געפין איך זיי תמיד. דעם טאַטן — אין מזרח; די מאַמע — אין עזרת נשים.

ז

מע האָט נישט געדאַרפט זיין קיין ווער ווייס וואָס פאַראַ פּסיכאָלאָג צו פאַרשטיין אַז צוויי זאַכן זיינען ביי שטרייטמאַנען געבליבן איינגעבאַקן אין האַרצן פון זיין סאַמע יוגנט און ער האָט זיי פון דאָרט נישט געקאָנט אויסוואָרצלען.

די צוויי זיינען געווען: די יידישע פּיאַטרע און די דייטשישע גע־טינגען.

ער איז געווען צוגעבונדן צו דייטשישער קולטור און — ער איז געשטאַנען בראש פון די גערמאַנאָפילן אין רומעניע ערב און אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. דיזעלביקע טריפה געוואָרענע צוגעבונדנקייט צו דייטשן האָט אים אין דער צווייטער וועלט־מלחמה געמאַכט פאַרן ערשטן פּרעזידענט פונעם בוקאַרעסטער „יודענראַט".

ער האָט ליב געהאַט די יידישע פּיאַטרע מיט איר יידיש, „וואָס איז קוים געגנוג אויף אַן אַנעקדאָט".

פון ביידע, אי פון דער דייטשישער קולטור און אי פון דער יידישער פּיאַטרע, האָט ער געוואָלט אַנטלויפן. מיט ווערטער האָט ער געהאַסט דאָס דייטשישע פאָלק „וואָס איז צומייסט דורכגעפּרעסן פון אַנטיסעמיטיזם". און מיט ווערטער האָט ער פיינט געהאַט יידיש, ווייל ער „וויל נישט זיין קיין פאַרשפּרייטער פון דייטשישער קולטור".

ער איז אָבער געווען אַ תושב אין דער מלבי"ם־שול, ווייל דאָרט האָט ער געטראָפן אַ חוץ די טאַטע־מאַמע אויך נאָך אַנדערע יידיש־רעדנדיקע יידן. די מלבי"ם־שול איז אין בוקאַרעסט געווען אַ פעסטונג נישט בלויז פון יידישער פרומקייט, נאָר אויך פון יידיש לשון.

און מיט דעם האָס צו דייטשלאַנד איז ער, ווי געזאָגט, געווען אַן אַקטיווער דייטשלאַנד־גלויבער אין דער ערשטער און אויך אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

און מיט דער ליבשאַפט צו קלויז און בעל־תפילה איז ער פאַר־בליבן אַ פריינט פונעם אַנטיסעמיטיש־כוליגאַנישן פרעמיער גאָגאַ.

אויב מיט אָט דער אָפענער פיינלעכער סתירה איז דער גורל אויסן געווען צו באַשטראָפן דעם פּיאַטרער ייד שטרייטמאַן פאַר זיינע ליטעראַ־ריש־ציניש ע וואַקלענישן צווישן „יאָ און ניין" — איז די שטראָף, — ווי שווער עס זאָל מיר נישט זיין דאָס איבער די ליפּן צו ברענגען — געווען אַ פאַרדינטע.

און די שטראָף איז געווען נאָך שווערער דערמיט, וואָס אַפילו דאָס ביסל רו פון מנחה־ומעריב אין מלבי"ם־שול האָט טאָג־איין טאָג־אויס געמוזט אויסרינען, ווען שטרייטמאַן האָט זיך אומגעקערט אַהיים צו זיין בן־יחיד, דעם האָפערדיקן משומד ראַדו — אַ משומד לויטן ווילן און לויט דער „גנאָד" פון זיין יידישן פאָטער היינריך סטעפאַן.

איינער פון די דריי

א

דאָס איין און איינציקע בילד, וואָס האָט באַצירט די ווענט פון דער רחבותדיקער וואוינשטוב אין טאַטע־מאַמעס דאָרפישן הויז איז געווען אַ פאָטאָגראַפיע פון די דעלעגאַטן צום ערשטן ציוניסטן־קאָנגרעס אין באַזעל.

אַהיימגעקומען פון שול און חדר אין „אַ שטאָט מיט יידן" אויף זו־מער־וואַקאַציע צו טאַטע־מאַמע, פלעג איך מיט אַן אַלץ נייער גיריקייט צופאַלן צו דער גרויסער איינגעראַמטער פאָטאָגראַפיע אויף דער וואַנט אַנטקעגן דעם ספרים־אַלמער און נעמען שטודירן די פנימער, די נעמען און די שטעט פון די אַלע דעלעגאַטן, וואָס זייערע בילדלעך זיינען גע־ווען אויסגעשטעלט אין רייען פון ביידע זייטן דערנעבן, אונטער און איבער דעם גרעסטן בילדל און אויך שענסטן פנים אין דער סאַמע מיט — איבערן פנים פון הערצלען.

די לעצטע שורה פון דער פאָטאָגראַפיע איז די „עזרת נשים". דרייצן דעלעגאַטקעס — אַלע יונג און אויפגעפוצט ווי מיין מאַמע אין די יום־טוב־טעג אויפן וועג אין שול אַריין. אויך פון די צען מאַנצ־בילישע רייען ווייעט מיט יונגשאַפט. כמעט קיינער איז דאָרט נישט אַזוי אַלט ווי מיין זיידע און געציילטע זעען אויס עלטער פון מיין יונגן טאַטן, וואָס שטייט לעבן מיר און העלפט מיר זיך איינקוקן אין די בילדער.

אין דער סאַמע נאָענט אַרום הערצלען וואַרפן זיך אין די אויגן פיר ווייסע בערד: מאַקס נאָרדאָו, שמואל פינעלעס פון גאַלאַץ, פראָפ. הערמאַן שאַפּיראָ און אַדוואָקאַט יאַסינאָווסקי פון וואַרשע. זייער ווייס־קייט שטרייכט אונטער און הויבט נאָך מער אַרויס די טונקעלע מאַיעס־טעטישקייט פון הערצלס צורה.

אין דער ערשטער ריי אונטער דעם בילד פון הערצלען „פאַלן אויף": אַ נאָמען און אַ פּנים. דער נאָמען איז אחד־העם און דאָס פּנים איז דאָס פּנים פון אהרן מאַרקוס פון פּאָדגאָזשע — די איינציקע צורה פון אַ פרומען ייד מיט אַ טיפער סאַמעטענער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ און מיט באָרד און פּאות.

דער טאַטע ווערט נישט מיד צו דערציילן מיט התפּעלות וועגן ר' אהרן מאַרקוס, וואָס שטאַמען, שטאַמט ער פון דייטשלאַנד און איז אַ דייטשישער שריפטשטעלער, האָט זיך אָבער באַזעצט אין קראָקע און איז דאָרט געוואָרן אַ חסיד און אַ גאַליצישער שטייגער־ייד.

אַז מען ווערט פאַרטיק מיט די, וואָס „פאַלן אויף", הויבט מען אָן זוכן אין דעם ים מיט בילדלעך אייגענע לאַנדסלייט און מענטשן, וואָס מע קען זיי פון דער היים.

אָט איז פייסיע זינגערס זון פון קאָלאָמיי, וואָס איז נאָך געווען אַ סטודענט, ווען ער איז געפאָרן צום קאָנגרעס, און אָט איז דער באַוואוס־טער קאָלאָמייער פאָלקס־דאָקטער און אַ שטיקל צייט הערצלס גאַליצישער פאַרטרויאונגס־מאַן, שלמה ראָזענהעק. (עס איז באמת נישט צו פאַר־שטיין פאַרוואָס דער „ספר הקונגרס", וואָס די „יידישע אַגענטור" אין ירושלים האָט אַרויסגעגעבן, האָט זיך נישט גענומען די מי אויסצוגעפי־נען ד"ר ראָזענהעקס ריכטיקן ערשטן נאָמען און רופט אים עקשנותדיק שמואל אַנשטאָט שלמה).

און אַ בליק צו די אונטערשטע רייען לינקס פון דער מיט, און דאָס אויג כאַפּט אויף דאָס בילדל פונעם טשערנאָוויצער דעלעגאַט ד"ר מאיר עבנער. דער טאַטע און איך, דער בר־מצוה־בחור, לעבן אים, הערן נישט אויף צו קוקן אויף דעם יונגן דאָקטער מיט די אַרויפגעדרייטע וואָנ־סעלעך, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט, לויט דער מאָדע פון דער צייט, מיט צוויי דינע קנייטלעך אַלאַ קייסער ווילהעלם. (דער טאַטע רופט זיי קדמא ואזלא־וואָנסעס).

אַ שמייכל, אַ לאַך איבער „קדמא ואזלא" און — שוין. וואָרום ער, מאיר עבנער, איז שוין דעמאָלט אין 1910 אַ העלד פון דער יידישער פּאָליטיק אין בוקאָווינער לאַנד, אַ סטימולירער און באַגייסטערער פון דער יידישער יוגנט. ער איז לעבן פּראָפ. לעאָן קעלנער, דער וויכ־טיקסטער וואָרט־זאָגער פון דער „יידישער פאָלקס־ראַט"־באַוועגונג, וואָס איז אויפגעשטאַנען קעגן דער איינגעפונדעוועטער שטראָוכער־ממשלה אי־

בערן יידישן לעבן אין דער מדינה. זעלטן ווען און זעלטן וואו האָט אַ געזעלשאַפטלעכער קאַמף אַזוי גרינטלעך אויפגערודערט און מאָראַליש אויפגעטרייסלט אַ יידישן ישוב, ווי עס איז דאָס געווען דער קאַמף פונעם „יידישן פאָלקס־ראַט" אין דער בוקאָווינע.

דער קאַמף קעגן יידישן רעגירער ד"ר בענאָ שטראַוכער, וואָס איז געווען דער קאַמף פאַר דעמאָקראַטיזירונג און פאַר תוכיקער פאַריידישונג פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און פון יידישן לעבן אין דער עסט־רייכישער און דערנאָך אין דער רומענישער בוקאָווינע, האָט זיך געצויגן פון דעמאָלט אָן פולע דריי צענדליק יאָר און האָט זיך היסטאָריש פאַר־ענדיקט אין יענעם זומער־טאָג פון 1940 ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט אַריבערגעשפּרייזט די רומענישע גרענעץ, און האָט פאַרנומען טשער־נאָוויץ. די דיקטאַטור האָט אָפּגעשטעלט אַלע אידייאישע און געזעלשאַפט־לעכע ראַנגלענישן אין די „באַפרייטע" געביטן און מיט זיי אינאיינעם אויך די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט גופא.

אַ שטייג אויף געפיל און מחשבה און אַ שלאָס אויפן מויל, באַ־גלייך מיט אַלע איינאַוווינער אין סאָוועטישן צפון און אין פאָלקס־רע־פובליקאַנישן דרום, און ווי אַ ספּעציעלער צולאָג: יידישע באַוועגלאָזי־קייט.

יידישע געשיכטע, כ'מיין, געשיכטע אין זינען פון געזעלשאַפטלעכער און גייסטיקער שעפערישקייט און אַפילו פון בלויז באַוועגלעכקייט, איז היינטצוטאָג נישט געמאָלט נישט אין דעם טייל פון דער בוקאָווינע, וואָס געהערט צו דער רומענישער פאָלקס־רעפובליק, און אַוודאי נישט אין יע־נעם שטח פון לאַנד, וואָס איז איינגעגלידערט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַר־באַנד.

אָבער ביז 1940, ביז די פאַטאַלע טעג פון סאָוועטישער אָקופּאַציע און אַנעקסיע, איז נישט געווען קיין לאַנד אין מזרח־איראָפּע, וואו די יידישע געשיכטע זאָל געווען זיין אַזוי אַקטיוו, זאָל געווען אַזוי ליגן אין יידישע הענט, ווי אין דעם לאַנד בוקאָווינע.

דער לעצטער גרויסער עדות און גרויסער מיטשעפער פון די לעצ־טע פופציק יאָר פון דער דאָזיקער יידיש־בוקאָווינער געשיכטע, אונטער עסטרייכישער און רומענישער ממשלה, מאיר עבנער, איז איצט נפטר געוואָרן אין תל־אביב.

אַ האַלבער יאָרהונדערט פון ציוניזם און פון יידיש־נאַציאָנאַלן קאַמף

אין עסטרייך און אין רומעניע האָט פאַרלוירן דעם לעצטן ציטער פון בעל־פה און די לעצטע לעבעדיקע פעדער פון דעם דור, וואָס האָט גע־דינט געטריי דער יידישער היסטאָריע, זינט דעם ערשטן האַמער־קלאַפּ פון אויפקום אין באַזעל און ביז צום שווידערלעכן קלאַפּ פון אונטערגאַנג בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

מען וועט פון איצט אָן נישט קענען הערן מער דערציילן וועגן דער געשיכטע פון איינעם פון אירע מיטשעפער; מען וועט זי מוזן שטודירן פון בוך אַרויס.

ב

בלויז דריי זיינען זיי, דאַכט זיך, לעצטנס געווען, וואָס האָבן מיט אייגענע אויערן געהערט דעם האַמער־קלאַפּ אויפן טיש פון באַזעלער שטאָטישן קאַסינאָ, דעם צייכן פון דער דערעפענונג פון ערשטן ציוניס־טישן קאָנגרעס אין 1897.

צוויי פון די דריי: ד״ר מאיר עבנער און פּראָפ. יוסף קלויזנער — אין מדינת ישראל. און די צוויי זקנים, וואָס זיינען ווי יונגע סטודענטן, דער ערשטער פון טשערנאָוויץ און דער צווייטער פון היידעלבערג, גע־קומען צום ערשטן ציוניסטישן וועלט־צוזאַמענפאָר אין באַזעל, זיינען אויך געזעסן אין פּרעזידיום פונעם 23טן קאָנגרעס, וואָס איז זיך צונויפגעקומען אום זומער 1951 אין מדינת־ישראל, אין ירושלים. און זיי האָבן פון דער טריבונע געלאָזט הערן זייער וואָרט פון באַגריסונג אין נאָמען פון די פיר־און־פופציק פאַרגאַנגענע יאָר צווישן חלום און רעאַליזירונג פונעם חלום.

„דער עבר פון באַזעל — האָט געזאָגט דער דעמאָלט ביין־און־זיבעציק־יאָריקער מאיר עבנער פון דער ירושלימער קאָנגרעס־טריבונע — שטרעקט אויס איר האַנט צו דער קעגנוואַרט פון ירושלים און דער־לאַנגט איר אַ קוש אין שטערן און ביידע אינאיינעם ווענדן זיי זייער בליק, דעם בליק פון האָפענונג און דערוואַרטונג, צו דער צוקונפט״.

דאָס קאָן אפשר קלינגען ווי מליצה. אָבער פון דעם מויל פון דעם גייסטיק־פרישן און פיזיש געזונטן זקן, וואָס האָט אָקאָרשט אַריבערגע־שפּאַנט פיר־און־פופציק יאָר ציוניסטישע טעטיקייט כדי צו באַגעגענען

דעם מקוים געוואָרענעם טרוים, האָבן זיך די ווערטער געהערט ווי די ליבע, פּאָטערלעכע צערטלעכקייט פון „גאָט צו דאַנקען, דערלעבט!", און דערפאַר האָבן טאַקע די ווערטער, ווי עס האָבן מיר איבערגעגעבן דע־לעגאַטן צום ירושלימער קאָנגרעס, געמאַכט אַ טיפן רושם, האָבן גע־רירט און פייכט געמאַכט די אויגן.

ג

מיט אַ יאָר פאַרן ירושלימער קאָנגרעס האָב איך זיך מיט מאיר עבנערן געטראָפן אין תל־אביב. מיר זיינען ביידע אינאיינעם אַרויסגע־טראָטן ביי אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון בוקאָווינער און רומענישע עולים אין „אהל שם", אין תל־אביב. ער איז געשטאַנען אויף דער טריבונע און האָט אויך גערעדט אין נאָמען פון דער פאַרגאַנגענהייט מיטן בליק צו דער צוקונפט, ווי זיין שטייגער איז געווען, בנעימותדיק און צו דער זעלבער צייט איינדרינגלעך.

דער מאַן פון ערב די אַכציק איז געווען ווי דער מאַן פון זעכציק און פון פופציק — „זיין אויג איז נישט געווען טונקל און זיין פריש־קייט איז נישט אַוועק". די קיילעכדיק־געפּאַקטע פיגור — נישט גע־פּענטעט פון עלטער; זיין פּנים לויטער אַן קוהלת־קנייטשן; די לייכט־איראָנישע פריינטלעכקייט פון זיין בליק — שפּעדיק און דערמונטערנדיק ווי אַלעמאָל, און דאָס וואָרט זיינס ווי תמיד — דרייסט, שפּילעוודיק און צו דער זאַך.

איך האָב עבנערן געזען אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפט און פאַר־ערונג פון די לעבנגעבליבענע פון צוויי דורות יידישע אינטעליגענטן און ציוניסטישע טוערס אין דער בוקאָווינע און אין רומעניע, וואָס ער האָט זיי מיט זיין גערעדטן און דערעיקרשט געשריבענעם וואָרט פּאָליטיש געפירט און געזעלשאַפטלעך דערצויגן. איך האָב פון גאַנצן האַרץ באַ־העפט מיין ליבשאַפט צו זייערער און האָב דערביי געטראַכט וואָס פאַראַ שאָד וואָס דער נייער דור אין מדינת ישראל האָט נישט די מעגלעכקייט צו הערן און צו לייענען עבנערן אין אָריגינאַל.

מיט אַזויפיל מעלות האָט די השגחה באַשאָנקען מאיר עבנערן, אָבער זי האָט אים נישט באַוויליקט די לפי ערך אפשר נישט אַזוי וואַזש־

נע, אָבער דערפאַר זייער נוציקע מעלה זיך אויסצולערנען און זיך שריי־בעריש צו באַהעפטן מיט אַ שפּראַך, וואָס ער האָט נישט דערוואָרבן אין זיינע קינדער־יאָרן.

ווען עבנער זאָל געווען שרייבן יידיש אין זיינע רומענישע צייטן, וואָלט ער געווען באַהערשט דאָס געמיט נישט בלויז פון דער בוקאָווינער, נאָר אויך פון דער בעסאַראַבישער יוגנט. און ווען עבנער זאָל געווען שרייבן העברעאיש וואָלט דער לוין פון מקוים געוואָרענעם פאָלקס־חלום, מיט וועלכן די השגחה האָט באַלוינט זיין שיין און קעמפעריש לעבן, גע־ווען אָן אַן ערך גרעסער און רייכער.

דער שכר וואָלט דעמאָלט געווען נישט בלויז עבנערס זכיה צו האָבן דערלעבט מדינת ישראל און צו זען דעם נייעם דור אין העלדיש־קייט און אין בויאונג, נאָר די זכיה וואָלט געווען אַ טאָפּלטע דערמיט, וואָס דער אויפגעקומענער דור וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט צו דער־קענען פון אייגענער דערפאַרונג די וואונדערלעכע באַגאַבונג פון וואָרט און מוט פון איינעם פון די ראשונים פון די פופציק יאָר רענעסאַנס פון באַזעל ביז ירושלים.

און די נייע יונגט וואָלט בפירוש הנאה געהאַט פון דעם באַגאַבטן און אַלעמאָל פרישן וואָרט פון דעם גרויסן צייטונגס־מאַן עבנער און וואָלט דערצו באַוואונדערט און געלערנט די ציווילע מוטיקייט פון עבנערס זאַץ, פון עבנערס אַרטיקל.

איך זאָג בכיוון נישט וואָרט, נאָר זאַץ און אַרטיקל, ווייל עבנער, דער פּאָליטישער רעדנער און דער קעמפערישער פּובליציסט, האָט זיך נישט דאָ און דאָרט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ מוטיק וואָרט פון פּאָלעמיק, נאָר דער גאַנצער אופן שרייבן זיינער איז כמעט אַלעמאָל און דורכ־אויס געווען אַ פיינע קאָמבינאַציע פון מעסיקן טאָן, קלאָר אַוועקגעשטעלטן פאַקט און מוטיק אַרויסגעזאָגטן געדאַנק.

אַזאַ, ווי איך וואָלט עס אָנגערופן, קוראַזשירטער ישוב הדעת טרעפט דעם קעגנער, אָבער צערייצט אים נישט, פּאַרוואונדעט אים לאָגיש, אָבער מאַכט אים נישט צו שווער איינצוזען זיין אומגערעכטי־קייט.

ד

איך בין געזעסן אויף דער טריבונע פון „אהל שם" און אינאיינעם מיט די אַן ערך פופצן הונדערט בוקאָווינער בייע עולים אין זאַל, זיך איינגעקוקט אין דעם גרויסן קיילעכדיקן פּנים פון מאיר עבנער, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איבער זיינע ווערטער פון אזכרה פאַר די אומגע־קומענע אין טראַנסניסטריע עפענען זיך בלעטער פון יידישער געשיכטע אין בוקאָווינע און אין רומעניע און איך אינאיינעם מיט דעם עולם פון פּאַרמאַטערטע און פאַריתומטע עולים לייענען אין זיי די געשיכטע פון אַ האַלבן יאָרהונדערט.

אָט איז אַ בלאַט פון נאַציאָנאַלן אויפברויז אין טשערנאָוויץ פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס הייסט „פאָלקס־ראַט"־באַוועגונג. און אָט איז אַ צווייט בלאַט פון תיכף נאָך דער וועלט־מלחמה, וואָס זיין נאָמען איז „בוקאָווינער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט", און אַ דריט בלאַט, וואָס זיין איבערשריפט איז „די טראַגעדיע פון יידישן סטודענט פאַליק". און עס מישן זיך אין געמיט בלעטער און בלעטער ביז צום גורל־יאָר 1940.

פון אַלע שיינט אַראָפּ די געשטאַלט פון מאיר עבנער. ער איז געשטאַנען אין דער מיט און אין סאַמע סכנהדיקסטן פאַרנט פון די גע־שעענישן.

מאַנפרעד רייפער גיט איבער אין זיין עבנער־ביאָגראַפיע, וואָס איז דערשינען אין תל־אביב צום יום־טוב פון עבנערס פינף־און־זיבעציק יאָר (פאַרלאַג אָלימפּיאַ, 1947, דייטש), אַ היפש ביסל מאָמענטן, אין וועלכע עס איז געקומען צום אויסדרוק מאיר עבנערס הומאַן־וואַרעמער יידישער שטאָלץ און זיין אינספּירירנדיקער ציווילער מוט.

איך וועל פאַרצייכענען בלויז יענע צוויי מאָמענטן וואָס איך האָב אַליין מיטגעלעבט.

ה

סוף 1918 איז זיך די עסטרייכישע מלוכה פאַנאַנדערגעפאַלן. דעם 11טן נאָוועמבער, 1918, איז אַ רומענישע אַרמיי־דיוויזיע אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל זאַדיק אַריבער די גרענעץ פון דער בוקאָווינע און עס האָט זיך אָנגעהייבן די רומענישע אָקופּאַציע.

די פירנדיקע רומענישע פּאָליטיקער, מיט יאַנקו פלאָנדאָר בראש, האָבן באַשלאָסן די פּאַראַיניקונג פון דער בוקאָווינע מיטן רומענישן מוטערלאַנד. זיי האָבן פאַרלאַנגט די הסכמה אויך ביי די אוקראַאינער, ביי די דייטשן און ביי די יידן.

די דייטשן האָבן מסכים געווען, די אוקראַאינער האָבן זיך אָפּגעזאָגט. און די יידן? די יידן האָבן אונטער דער פירערשאַפט פון ד״ר מאיר עבנער און פון ד״ר יעקב פיסטינער אָנגענומען אַ שטעלונג פון נייטראַליטעט.

דערצו האָט געהערט מוט, ווען די רומענישע אַרמיי איז געשטאַנען אין לאַנד. און נאָך מער מוט האָט מען געמוזט האָבן צו פּראָטעסטירן קעגן דער אויפלייזונג פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט, ווען דער רומענישער רעזשים איז שוין געווען באַפעסטיקט אין לאַנד און אינטערנאַציאָנאַל אָנערקעט.

דעם פּראָטעסט האָבן איבערגעגעבן צום מיניסטער יאַן ניסטאָר,ביידע פּרעזידענטן פונעם נאַציאָנאַל־ראַט: דער ציוניסט ד״ר מאיר עבנער און דער סאָציאַליסט ד״ר יעקב פיסטינער אינאיינעם מיטן סעקרעטאַר פונעם נאַציאָנאַל־ראַט, דעם בונדיסט ד״ר בערל פרידמאַן.

און טאַקע ד״ר פרידמאַן האָט דאָס מיט התלהבות דערציילט וועגן דער דרייסטקייט און וועגן דער ווערדע, מיט וועלכער זיין פּאָליטישער קעגנער מאיר עבנער האָט גערעדט צום רומענישן מיניסטער.

עפּעס פון דעם גייסט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — האָט ד״ר פרידמאַן פאַרזיכערט — און עפּעס פון דעם שוואונג און פון דער עלעגאַנץ פון די גרויסע זשיראָנדיסטישע אַדוואָקאַטן אין פראַנצויזישן קאָנווענט איז געלעגן אין די רייד פון מאיר עבנער.

ו

דער צווייטער מאָמענט האָט זיך באַזונדערס שאַרף איינגעגראָבן אין מיין זיכרון. דער עפּיזאָד איז פאַרבליבן אין מיין געמיט מיט אַלע שטעכלינקעס פון אַנגסט אין דער מיט פון אַרומיקער שנאה און מיט דעם פולן טעם פון די רייד, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער טריבונע איבער דעם ברויזנדיקן ים פון האַס אין זאַל און אויך אויף דער גאַלעריע.

איך האָב אין יענעם 2טן דעצעמבער 1927, ווען דער טשערנאָ־וויצער דעפּוטאַט מאיר עבנער האָט אינטערפּעלירט דעם מיניסטער אָק־טאַוויאַן גאָגאַ (דעמזעלבן, וואָס איז צען יאָר שפּעטער געוואָרן דער ערשטער אַנטיסעמיטישער פּרעמיער פון רומעניע) אין ענין פון דעם דערמאָרדעטן יידישן סטודענט דוד פאַליק, און האָט געהאַט אַ שאַרפן רעדע־דועל אי מיט גאָגאַן און אי מיט דעם „אבי אבות", פּראָפ. קוזאַ — באַוויזן צו באַקומען אַ פּלאַץ אויף דער פּאַרלאַמענט־גאַלעריע און אויס־צוזיצן דאָרט עטלעכע שטום־אַנגסטיקע שעהן אין שכנות מיט אַ וואויל־יונגערישער חברה אַנטיסעמיטישע סטודענטן.

עטלעכע ווערטער וועגן דער „אַפּערע פאַליק". יידישע גימנאַזיסטן, וואָס אַן אַנטיסעמיטישער פּראָפעסאָר האָט זיי דורכגעוואָרפן ביי דער גראַדואירונג, האָבן דעם דאָזיקן פּראָפעסאָר געכאַפּט אין אַ זייטיק געסל און היפּשלעך צעשלאָגן. די פּאָליציי האָט געמאַכט אַן אויספאָרשונג, און קעגן פופצן פון די גימנאַזיסטן, צווישן זיי דוד פאַליק, איז פאַרפירט געוואָרן אַ פּראָצעס.

און דאָ מעלדעט זיך די אַנטיסעמיטישע „בלוט־ראַכע". ווען די אָנגעקלאָגטע יידישע גימנאַזיסטן האָבן בעת אַ פּראָצעס־הפסקה דעם 10טן נאָוועמבער פאַרלאָזט דעם געריכטס־זאַל, האָט דער קוזיסטישער סטודענט ניקאָלאַי טאָטו געשאָסן אויף זיי צוויי מאָל און האָט שווער פאַרוואונדעט דעם אַכצן־יאָריקן דוד פאַליק. עטלעכע טעג שפּעטער איז פאַליק געשטאָרבן.

דעפּוטאַט עבנער האָט באַלד דערויף אויף איינער אַ זיצונג אָנגע־פרעגט דעם מיניסטער גאָגאַ וואָס פאַראַ מיטלען ער טראַכט אָנצואווענדן קעגן די אַנטיסעמיטישע העצער און מערדער. דער אַנטיסעמיטישער מיניסטער אינאיינעם מיט די אַנטיסעמיטישע דעפּוטאַטן און מיט דעם פּאַרלאַמענט־פּאָרזיצער האָבן זיך געפילט אַזוי „געטראָפן" פון דעם יידישן אָנפרעג, אַז זיי האָבן באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן וואָס גיכער אַ דע־באַטע אָרום עבנערס אינטערפּעלאַציע.

די דעבאַטע איז באַשטימט געוואָרן אויפן 2טן דעצעמבער, דער בוקאָווינער מיניסטער דאָרי פּאָפּאָוויטש און אַנדערע רומענישע און אויך יידישע פריינט האָבן געראָטן עבנערן, אַז ער זאָל זיך מעלדן קראַנק און נישט קומען צו דער זיצונג, ווייל ס'איז אי געפערלעך און אי אַרויס־געוואָרפענע רייד.

עבנער איז געקומען. דער זאַל איז געווען פול. די גאַלעריע — איבערגעפּאַקט מיט אַנטיסעמיטישע סטודענטן.

ס׳האָט גערעדט קודם כל „ער אַליין״, פּראָפ. קוזאַ, וואָס האָט (וואָס פאַראַ איראָניע פון גורל!) מיט זיין חלושדיקן גוף, מיט זיין שפּיציק גראָ בערדל און מיט זיינע אינטעליגענטישע פּענסנע אויסגעזען ווי אַן אַלטער יידישער משכיל פון אַ מאָלדאַווער אָדער גאַליציש שטעטל. די עיקר־טעמע פון קוזאַס רעדע איז געווען, אַז די יידן ווילן גרינדן אַן אייגענע מלוכה אין דער בוקאָווינע.

דערנאָך האָט גענומען אַ וואָרט דעם „קאַפּיטאַנס״ פּאָטער, דער אַל־טער יאָן קאָדרעאַנו מיטן אויסזען פון אַן אייביק שיכורן גוי, און האָט „באַוויזן״ אַז די טשערנאָוויצער יידן באַליידיקן דאָס קריסטנטום אין זייערע צייטונגען. מע האָט זיי ביידע הילכיק אַפּלאָדירט.

עס איז געקומען די ריי אויף עבנערן. ער איז געווען היפּש בלאַס אָבער רואיק. זיין רומעניש איז געווען ווייט פון מייסטערשאַפט, אָבער די ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט, האָבן געמאַכט אַ רושם אי מיט זייער שטאָלענער פעסטקייט און אי מיט זייער מענטשלעכן טאָן. מען האָט אים גענומען מאַכן צווישנרופן. זיינע ענטפערס זיינען קיינמאָל נישט געווען אַגרעסיוו, אָבער זיי האָבן כמעט אַלע געפלאַמט מיט עפּעס אַ פּאַטעטיש פייערל פון מאָראַלישער האָפענונג און מאָראַלישער העכער־קייט, וואָס קאָן אומרואיק מאַכן אַפילו אַ קוזיסטישן דעפּוטאַט אין זאַל און אַן אַנטיסעמיטישן סטודענט אויף דער גאַלעריע.

ווען עבנער האָט דערמאָנט די אַנטי־יידישע עקסצעסן אויף די אוניווערזיטעטן פון בוקאַרעסט און יאַס און האָט געזאָגט, אַז די דאָזיקע אוניווערזיטעטן האָבן שוין אַריבערגעשפּרייזט די פּאָליטיק פון אַ „נו־מערוס קלאַוזוס״ און זיינען שוין פּאַקטיש דערגאַנגען צו אַ „נומערוס נולוס״ נוגע יידן, האָבן עטלעכע באַזונדערס אַנטיסעמיטיש צעפלאַמטע דע־פּוטאַטן אַ געשריי געטאָן: מיר פאָדערן אַ געזעצלעכן „נומערוס קלאַוזוס״ פאַר יידישע סטודענטן אין די רומענישע אוניווערזיטעטן.

עבנערס ענטפער געדענק איך זייער גוט און איך מאַנפרעד רייפער פאַרצייכנט אים אין זיין ביאָגראַפיע. עבנערס ענטפער איז געווען —

„אין העברעאישן אוניווערזיטעט אין ירושלים וועט קיינמאָל פאַר קיינעם נישט עקזיסטירן קיין „נומערוס קלאַוזוס״.

די רומענישן דעפּוטאַטן האָבן עבנערס ווערטער און אויך די גאַנצע

רעדע אויפגענומען מיט אייז־קאַלטער שנאה'דיקער שווייגעניש. אָבער די עטלעכע אַגנאָסטיק־שטומע יידן אין זאַל און אויף דער גאַלעריע האָבן צו עבנערס אָנזאָג וועגן העברעאישן אוניווערזיטעט זיכער געגעבן זייער הסכמה מיט אַ שטיל אַפּלאָדירנדיקן ציטער אין זיך.

ערגעצוואו אין אירע הויכן האָט אויך די יידישע געשיכטע מיט־אַפּלאָדירט, וואָרום דאָס איז דער ענטפער: אין ירושלים, אין מדינת ישראל וועלן נישט זיין קיין דיסקרימינאַציעס. פריי וועט זיין דאָס יידישע לאַנד און פריי זיינע לערנאַנשטאַלטן פאַר אַלע איינוואוינער.

אָט די מאָראַלישע העכערקייט איז דער יידישער כוח.

אָט די מאָראַלישע העכערקייט איז געווען דער יידישער כוח פון מאיר עבנערן און פון זיין אידעאַליסטיש־קעמפערישן דור.

(1955

דער קבר פונעם אומבאַקאַנטן ייד

אַ רעגנדיקער טאָג אין אַ יידישן קעמפּ. אין אַ ווינקל אין עס־צימער זיינען געזעסן צוויי יונגעלייט און געכאַפּט אַ שמועס. איינער פון זיי איז געווען אַן אַמעריקאַנער תושב, אַ כמעט, ווי זאָגט מען דאָס, געבוירענער אין אַמעריקע. דער צווייטער — אַ מענטש וואָס האָט צוגעזען אַ סך יידישע צרות אין בעלגיע, האָט זיך דערנאָך פּערזענלעך אָן אַ שיעור אָנגעליטן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און האָט זיך מיט אַ יאָר צוריק דערשלאָגן צו די ברעגעס פון אַמעריקע.

אַז די אַמעריקאַנער יידן, געזעלשאַפטן און יחידים, האָבן אַ סך געטאָן פאַר זייערע ברידער אויף יענער זייט ים — האָט געזאָגט דער בעלגישער פּליט — קאָן מען נישט לייקענען.

אָבער אַלץ אינאיינעם — האָבן דעם פּליטלינגס אויגן געשפּיזלט מיט ביטול — איז עס נישט מער ווי אַ טראָפּן אין ים. מען האָט גע־קענט, מען האָט געדאַרפט טאָן אַ סך מער. עס זיינען פאַרבליבן אָן אַ צאָל יידישע מענטשן אין גיהינום פון די פראַנצויזישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווייל זייערע באַקאַנטע אין אַמעריקע האָבן נישט געענטפערט צו דער צייט אויף בריוו, האָבן פאַרשפּעטיקט מיט דער פאַרשאַפונג פון דאָקו־מענטן און האָבן זיך בכלל „געבאַדערט" דורכשניטלעך בלויז עטלעכע מינוט אַ טאָג מיטן גורל פון זייערע געדרודפטע קרובים אויף יענער זייט אַטלאַנטיק.

מען האָט געדאַרפט זען — האָט דער דערציילער זיך אַריינגערעדט אין אַ צער־דערמאָנונג, וואָס האָט געקלעמט ביים האַרץ — ווי מען האָט זיך דאָס אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אָדער „אויף דער פריי" אין ערגעץ אַ פויעריש כאַטקעלע אין די פּירינעאישע בערג, אויסגעקוקט די אויגן אויף אַ בריוו, אויף אַ ידיעה פון אַן אַמעריקאַנער קרוב.

און יידן מיט קרובים אין אַמעריקע זיינען דאָך נישט געווען די סאַמע

אומגליקלעכסטע ווארטערס. זיי האָבן זיך פאַרט געקאַנט אויף עפּעס דערפאַרטן, אָבער — האָט דער דערציילער געגומען צושפּיצן זיין שילדע־רונג צום קלימאַקס פון טרויער — איך קאָן נישט פאַרגעסן דערעיקרשט יענע, וואָס האָבן אין אַמעריקע קיינעם, לחלוטין קיינעם נישט געהאַט... אַט די ווארטערס אַן קרובים אין קאָלומבוסעס מדינה — זיי האָבן נישט געהאַט קיין איין מענטש צווישן די פינף מיליאָן אַמעריקאַנער יידן, פאַר וועלכן זיי וואָלטן זיך געקאַנט אַראָפּשרייבן כאָטש אַזויפיל פון זייערע צרות וויפיל ס׳גייט אַריין אין אַ בריוול. אַזאַ עלנט איז נישט צום אויס־שעפּן און נישט צום באַשרייבן.

לעבט אַ ייד אין אַ בוידעם־שטיבל אין ניצע, שפּאַצירט אין די פאַרנאַכטן אַ הונגעריקערביים ברעג פונעם אַטלאַנטישן ים און טראַכט, אַז ס׳זיינען דאָ אַזויפיל און אַזויפיל מיליאָנען יידן אויף דער וועלט. האָט ביי אים אַלע זיינע באַענטסטע, קרובים, פריינט און אַלע יידן פון דער זייט אָקעאַן צוגענומען היטלער, ימח שמו. און אויף יענער זייט וואַסער, איבער וועלכער ער בלאָנקעט איצט מיט אויגן פול מיט צער און בענקשאַפט, האָט ער נישט קיינעם, קיין איין און איינציקן מענטש נישט אויפן גאַנצן נייעם קאָנטינענט צו וועמען ער זאָל קאָנען שרייבן, אַז ער איז הונגעריק, אַז ער האָט מורא די פּאָליציי זאָל אים נישט כאַפּן און פאַרשיקן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אַז ער ווייסט נישט, וואו דאָס גע־ביין פון זיין גאַנצער משפחה אין פּוילן איז אַהינגעקומען און... אַז ער האָפט אויף אַ גיכער מפּלה פון די נאַציס. צו וועמען זאָל ער דאָס שרייבן? צו וועמען? ער האָט פינף מיליאָן ברידער אין אַמעריקע — און אַלע זיינען פאַר אים פרעמדע.

ביי די ווערטער האָט דער יונגערמאַן, דער אַמעריקאַנער תושב, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, זיך נערוועז אַ ריר געטאָן אויפן בענקל. ער האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט. ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון דער קעשענע אַ יידישע צייטונג, זי צעוויקלט אויפן טיש און גענומען זוכן אַ פאַרבאָרגן שטיקל נייעס. ער האָט עס דערטאַפּט ערגעץ אויפן לעצטן שפּאַלט פון דער דריטער זייט.

איר מיינט — האָט ער זיך אָפּגערופן צו זיין מיטשמועסער און צו דעם רעדל מענטשן, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו דעם שמועס, — איר מיינט אַז מען מוז וואוינען אין אַ ניצער בוידעם־שטיבל אָדער גאָר אין אַ דערפל אין די פּירענעאישע־בערג, כדי צו זיין אַ שטאָק־פרעמדער צווישן

די מיליאָנען אַמעריקאַנער יידן? ניין, לאו דווקא! מען קאָן זיך זיין אַ תושב אין די בראָנקס, דאָס הייסט, מען קאָן שוין האָבן אַריבערגעשוואומען פון דעם מזרחדיקן ברעג אַטלאַנטיק צום מערבדיקן און פונדעסטוועגן נישט האָבן, נישט וועמען אַראָפּצושרייבן און אויך נישט וועמען אַראָפּצודער־ציילן פון אייגענע צרות. נאָט לייענט!

„רבנים האָבן אויף היינט צוגעגרייט די לויה פון דעם אומבאַקאַנטן ייד, וועלכער איז פּרייטיק פלוצעם געשטאָרבן גייענדיק אין גאַס אויף אינטערוויל עוועניו, אין די בראָנקס. ער איז די גאַנצע צייט געלעגן ניט דערקענט און רבנים האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אים אַ גרויסע לויה, וואָס וועט פאָרקומען פון דער „כנסת ישראל״־שול, אויף אינטערוויל עוועניו, בראָנקס, וואו גרויסע רבנים וועלן אים מספיד זיין״.

און זייט וויסן, האָט דער אַמעריקאַנער גערעדט צום פּליט און צו דעם רעדל צוהערער און מוסיף געווען בעל־פה צו דער צייטונגס־ידיעה, אַז דער אומבאַקאַנטער איז נישט געווען עפּעס אַ פּראָווינצער, וואָס איז אַראָפּגעקומען אויף עטלעכע טעג קיין ניו־יאָרק, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַן אכסניה אין ברוקלין, האָט געוואָלט עמעצן אויסגעפינען אין די בראָנקס און דער טויט האָט אים פאַרכאַפּט אין גאַס.

דעם יידנס אומבאַקאַנטקייט איז נישט געווען אַזאַ געוויינטלעכע. דער אומבאַקאַנטער האָט געוואוינט אין די בראָנקס אין שכנות מיט דער גאַס, וואו ער איז אַוועקגעפאַלן. ער האָט געדאַוונט אין איינער פון די שולן פון יענער געגנט. ער האָט געפּעדלט אין יענע גאַסן. אַלע האָבן אים געקענט, נאָר ער איז געבליבן אַן אומבאַקאַנטער, אַ נאָמענלאָזער ייד.

דער יונגערמאַן, דער פּליט פון פראַנקרייך, איז אויפגעציטערט גע־וואָרן פון דעם איבערגעלייענטן שטיקל בייעס און האָט זיך ממש פאַר־כלינעט מיט דער סימבאָלישקייט פון דער פּאַסירונג.

דער ייד פון דער בראָנקסער אינטערוויל־עוועניו — האָט דער פּליט געגומען טענהן מיט האַרץ — האָט יאָ רעאַליזירט זיין בענקשאַפט פון איין ברעג ים צום אַנדערן און איז פונדעסטוועגן געבליבן אַזאַ איינ־זאַמער, אַזאַ מוראדיק־איינזאַמער, צווישן מיליאָנען יידן אין אַמע־ריקע.

און דאָס מוז איך מודה זיין, שטעלט דעם יידן אַוועק פסיכיש הע־כער פון אַלע עלנטע אויף יענער זייט ים. די וואַרטערס פון יענער זייט

ים האָבן געהאַט פאַר זיך אַ שטיקל טרייסט. ווער — האָפענונג, ווער — טרוים און ווער — סתם בענקשאַפט אָן אַן אַדרעס.

אָבער פאַר דעם גרויסן ייד פון די בראָנקס — האָט זיך דער רעדנער (ער האָט איצט שוין גערעדט ווי פון אַ טריבונע אַראָפּ צום עולם) צעוואָרעמט — האָט אַפילו בענקשאַפט נישט עקזיסטירט.

עס קומט אַן אמתער יישר כוח און אַ דאַנק די רבנים דבראָנקס דערפאַר, וואָס זיי האָבן דערפילט די גרויסקייט פון דעם אומבאַקאַנטן מת אויף דער אינטערוויל עווניו.

פאַרוואָס ער איז געווען דער גרעסטער ייד פון ניו־יאָרק? — האָט דער יונגערמאַן זיך רעטאָריש אַ פרעג געטאָן. — ווייל אינמיטן פון זיין פאָלק איז ער געווען דער פרייעסטער. אין מיטן פון צוויי מיליאָן ברידער האָט ער נישט געהאַט קיין ברודער, קיין גואל, קיין פריינט. ער איז נישט געווען נישט דער פרעזידענט, נישט דער וויס־פרעזידענט און אַפילו נישט קיין מיטגליד פון וואָס פאַראַ ס'איז לאַנדסמאַנשאַפט אָדער „קאָנגרעגיישאָן". ער האָט דערפאַר געקאָנט זיין גלייכגילטיק צום אינטערעס און צום כבוד פון „זיין חברה" אנשי איישישאָק און געקאָנט ביי זיך לייכט פועלן, אַז ששי זאָל מען אַוועקגעבן אַ פרעמדן, אַ גאַנץ פרעמדן לאַנדסמאַן פון קאַליישישאָק. ער האָט נישט געהאַט קיין גוטן און נישט קיין אינטימן פערזענלעכן פריינט און האָט זיך דערפאַר געקאָנט פאַרגינען צו מיינען, אַז רב אין „לינת צדק" זאָל ווערן, נישט זיין חבר געצלס אַ געשוועסטער־קינד, וואָס דאַרף פרנסה, נאָר עפעס אַ „פרעמדער רוח", וואָס קאָן לערנען און איז אַ בעל מדות. ער איז נישט געווען נישט קיין טאַטע און נישט קיין זיידע און ער האָט דערפאַר זיין חלום וועגן אַן אייגענער יידישער מלוכה נישט באַשוועריט מיט אַ פאַרבאָרגן טרוימעלע וועגן זיין זון — דעם רייכסטן אין דער מלוכה, און וועגן זיין אייניקל — דעם גרעסטן בעל־כבוד אין דער מדינה.

דער אומבאַקאַנטער ייד פון די בראָנקס האָט פאַרמאָגט דאָס ריינסטע, דאָס לויטערסטע כלל־ישראל־געפיל. פניות פון גרופּן און משפחה־אינטערעסן און בני־בית־ליבשאַפטן האָבן נישט פאַרשטעלט דעם האָריזאָנט פון זיין נאַציאָנאַלן סענטימענט און ער האָט דערפאַר געקאָנט פילן ווייטער ווי אַנדערע.

דער אומבאַקאַנטער ייד פון די בראָנקס איז געווען דער איינציקער, וואָס גאָרנישט האָט אים געשטערט אַריבערצופליען מיט זיין געמיט העט

ביז צו יענע עלנטע וואַרטערס און אַרויסקוקערס פון ניצער בוידעם־שטיבל און פון די כאַטקעס אין די פירענעאישע בערג.

ער איז בלי שום ספק געווען דער איינציקער, דער בעסטער און דער זיכערסטער אַדרעס פאַר אַלע יענע, וואָס וואָגלען אַרום אָן אַדרעסן ביי די ברעגעס פונעם פראַנצויזישן אַטלאַנטיק. ער וואָלט זיכער געווען געענטפערט צו דער צייט און וואָלט רעכטצייטיק פאַרשאַפט די דאָקו־מענטן. ס׳זיינען נישט פאַראַן געווען קיין שום מניעות וואָס וואָלטן אים געקאָנט אָפּהאַלטן דערפון.

וויבאַלד ער האָט באַקומען אַ בריוו פון אַ „פרעמדן ייד" האָט אים נישט געקאָנט איינפאַלן ווי יעדן אַנדערן אַז יענער דולט אים בחינם און מיינט אַז ער, דער פרעמדער, איז מער ווי אַ קרוב.

וואָרום „יעדער אַנדערער" האָט דאָך אַליין ערגעץ אַ ברודער אין סיביר און האָט אויף זיין בריוו נישט געענטפערט, קיין פעקל נישט גע־שיקט. ס׳פאַרקלעמט אים טאַקע ביים האַרץ, אָבער... די פרעזידענט־שאַפט אין דער „קאָנגרעגיישאָן" נעמט ביי אים צו אַזוי פיל צייט, אַז ס׳איז אים נישט געבליבן אַ מינוט אין זינען צו האָבן אַפילו זיין אייגן בלוט און פלייש.

און אַז נישט וועגן די זייניקע זאָל אים איינפאַלן צו טראַכטן וועגן „פרעמדע רוחות"?

פאַרוואָס זשע האָבן זיי טאַקע נישט געשריבן די איינזאַמע בענ־קערס פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערס צו אָט דעם באַרימטסטן ייד פון ניו־יאָרק? זיי האָבן נישט געשריבן, ווייל זיי האָבן אים אפשר בלויז געפילט, אָבער דערגיין צו אים האָבן זיי נישט געקאָנט.

די מענטשן האָבן זיך אַזוי קאַריקאַטוריש איינגעטיילט מיט דער באַרימטקייט, האָבן זיך צוגעטיילט טיטולן און נעמען, איז, ווי אַזוי זאָל מען צוקומען צו יענעם יחיד, וואָס זיין גרויסקייט באַשטייט דערין, וואָס ער שטייט מחוץ פון דער קאָנווענציאָנעלער באַרימטקייט, וואָס איז נאָ־מענלאָז און אין דער נאָמענלאָזיקייט ליגט זיין באַרימטקייט?

אין דעם ייד וואָס איז פלוצעם אַוועקגעפאַלן אויף דער בראָנקסער אינטערוויל עוועניו, איז, אויב איר ווילט, פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס איז טיפער, מער אָנרעגעריש, מער פול מיט אַנונגען און מער אויפ־טרייסלענדיק ווי ביי די מעשות וועגן די זעקס און דרייסיק צדיקים, וואָס אויף זיי שטייט די וועלט. אַ ל״ו׳ניק האָט דאָך אייגענטלעך געלעבט צווײ

לעבנס. איינס איז געווען דאָס פאַרבאָרגענע, אויף וועלכן ס'האָט זיך אָנגעשפּאַרט די וועלט, און ס'אַנדערע? — ס'אַנדערע איז געווען אַ שותּף צו דער קאָנווענציאָנעלער מענטשלעכער באַרימטקייט. עס האָט זיך אָפּגעוויקלט, אַזוי צו זאָגן, נאָרמאַל אונטער אַ נאָמען און עס האָט זיך איבערגעגעבן צו דער אייביקייט אונטער אַ נאָמען אויסגעקריצט אויף אַ מצבה. אָבער דער פּלוצעם־פאַרשטאָרבענער ייִד אין די בראָנקס — ער האָט בלויז געהאַט איין לעבן און עס איינגאַנצן אָוועקגעגעבן דער אומבאַקאַנטקייט, דער בן־בלי־שמישקייט. וויפיל גרויסקייט, וויפיל קראַפט איז כולל אין זיך אַזאַ זשעסט?! אַזאַ כוח קאָן נאָר פאַרמאָגן די נאַטור און צומאָל אויך אַ מענטשלעכער קאָלעקטיוו.

וואָלט טאַקע אפשר כדאי געווען, אַז דער קבר פונעם אומבאַקאַנטן ייִד אויפן בית־עולם פון די עסטרייכיש־אונגאַרישע ייִדן (זיי האָבן געשענקט אַ קרקע פאַרן מת) זאָל ווערן דער סימבאָל פון די טויזנטער געיאָגטע אָן אַן אַדרעס אין אייראָפּע און דער בשותּפותער „קבר אָבות" פאַר די טויזנטער טאַטעס, מאַמעס, ברידער און שוועסטער אונדזערע, וואָס זיינען אומגעקומען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערס, אויף די וועגן פון גירוש און אויף אַלע סטעזשקעס פון טויט; דער בשותּפותער קאָלעקטיווער קבר, אויף וועלכן מען זאָל זאָגן קדיש נאָך אַלע יענע פון דעם פאָלק ישראל, וואָס זיינען ערגעצוואו אונטערן היטלעריסטישן שעכטמעסער אַריין אין דער אייביקייט נאָמענלאָז, ווי דער ייִד דאָ אונטער אַ מצבה אָן אַ נאָמען.

און דאָס איז אפשר געווען טאַקע דאָס תּמציתדיקע אין דעם אימפּראָוויזירטן הספּד. ער האָט געוואָרפן די אידעע פון פאַרוואַנדלען דעם „קבר פונעם אומבאַקאַנטן ייִד" אין אַ סימבאָל פון די פּיין און ליידן פון אונדזערע ברידער אין נאַצי־אייראָפּע. די נאָמענלאָזע קרבנות פון היטלערס שקלאַפערייַ פאַרדינען אַזאַ מאָנומענט ביי די ייִדן פון דער פרייער אַמעריקע. און קיין שענערער סימבאָל איז, דאַכט זיך, נישטאָ ווי דער קבר פון יענעם גרויסן ייִד פון די בראָנקס, וואָס האָט דורכגעוואַנדערט אַ לעבן אָן אַ נאָמען און זיך נאָמענלאָז איבערגעגעבן אויך דעם טויט.

(1942)

פאַרטייטשונגען פון לאָקאַליזמען:

אָבאָרע — פויערישער הויף.

אַסענטירונג — פריזיוו.

אָפּאַלקע — געפלעכט פון האָלץ, וואָס מע זאַלצט דערויף ס׳פלייש.

אָקאָמען — פאַרוואַלטער פון אַ פאָלוואַרק.

איזוואָר — וואַסער־קוואַל.

איינשפּענערל — אַ וואָגן מיט איין פערד.

באַרבוליעס — קאַרטאָפל.

ביוואָלע — אַ מענטש מיט דערפאַרונג, געראַיכערטע ליולקע.

געשאַטערט — ברוקירט מיט קליינע שטיינדלעך.

דווירניק — בירגערמייסטער פון דאָרף.

הראַבליע — געצייג צונויפצושאַרן היי.

וואַזשעט — שווערט אַראָפּ מיט דער וואָג.

זאַלץ־פּרעכטער — בעלי־עגלה׳ס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט צעפירן זאַלץ.

זאַמירן — פאַרמעסטן.

זשאַלעב — קאַרעטע פאַר בהמות.

זאַסטופּניק — שטעטלפאַרטרעטער.

טראַפּ — מעסיקער לויף פון פערד.

טאָלאָקע — לאָנקע.

טראַלע — מאָס צו מעסטן די שטאַרקייט פון בראָנפן.

מעהעט — מיניעט.

סערדיק — פויערישער אויבער־ראָק.

סטערטע — אַ טורעם פון גאַרבן.

פלאַגערס — בחורים וואָס צערן זיך פאַרן פריזיוו.

פלעטע — האָר אַראָפּגעקעמט איבערן שטערן.

פּוזעם — גאַרנישט, גאָרנישט מיט נישט.

פּראָפינאַציע — בראָנפן־מאָנאָפּאָל.

קאָשניצע — פאַרמאַכטער קויש, אין וועלכן ס׳טריקענען זיך קוקורוזעס.

קאָלפּאַק — אַ רבניש שטריימל.

קאָזשוק — פּויערישער פּעלץ.

קאָלעדעווען — אַרומגיין איבער די הייזער מיט געזאַנג פון ווייַנאַכט־לידער.

קיפּטאַר — פּויעריש פּעלץ־וועסטל.

ביכער פון דעמזעלבן מחבר:

אינזיך און אַרומזיך (עסייען)
פאַרלאַג „שלום עליכם", בוקאַרעסט, 1936.

אַ שטאָט מיט יידן (זכרונות און געשטאַלטן)
ניו־יאָרק, 1943.

דערטאַלן און סך־הכלען (עסייען)
ניו־יאָרק, 1943.

די יידישע עסיי
אַ זאַמלונג, צונויפגעשטעלט פון שלמה ביקל
פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק, 1946.

יידן דאַווענען (ניו־יאָרקער בילדער)
פאַרלאַג ר. י. נאָוואַק, ניו־יאָרק, 1948.

עסייען פון יידישן טרויער
פאַרלאַג ר. י. נאָוואַק, ניו־יאָרק, 1948.